ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# עבודה זרה

בלשון הקודש
ואידיש

**227**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר

# עין יעקב

## מסכת עבודה זרה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת עבודה זרה

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**

**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

(דף ב) **א אמר** רבי יהושע בן לוי כל מצוה שישראל עושין בעולם הזה הן באות ומעידות עליהם לעולם הבא שנאמר (ישעיה מג) יתנו עדיהם ויצדקו אלו ישראל ישמעו ויאמרו אמת אלו אוה"ע. דרש ר' חנינא בר פפא ואיתימא ר' שמלאי לעתיד לבא מביא הקב"ה ספר תורה ומניחו בחיקו ואומר כל מי שעסק בתורה יבא ויטול שכרו ומתקבצים ובאים אומות העולם בערבוביא שנאמר (שם) כל הגוים נקבצו יחדו וגו' אומר להם הקב"ה אל תכנסו לפני בערבוביא אלא תכנס כל אומה ואומה (ע"ב) וסופריה שנאמר (שם) ויאספו לאמים ואין לאום אלא מלכות שנא' (בראשית כה) ולאם מלאום יאמץ. ומי איכא ערבוביא קמי שמיא אלא כי היכי דלא ליערבבו אינהו בהדי הדדי דלישמעו מאי דאמר להו מיד נכנסת מלכות אדום תחלה מ"ט דהיא חשובה ומנ"ל דחשיבא דכתיב (דניאל ז) ותאכל כל ארעא ותדושנה ותדקנה א"ר יוחנן זו רומי שטבעה יוצאת בכל העולם כלו ומנא לן דחשיב עיילברישא לדינא כדרב חסדא דאמר רב חסדא מלך וצבור מלך נכנס תחלה לדין שנאמר

בערבוביא. כולם מעורבין ולא כל א' מס ולאומה בפני עצמה: וסופריה. חכמיה: לאם. מלכות כשהיא לבדה. ולאום מלאום ומתרגמינן ומלכו ממלכו ועוד יאמץ לא שייך אלא במלכות: וספר תורה. מוסיפיה דקרא כתיב לא לקמן מי בכם יגיד זאת: מי איכא ערבוביא קמיה. והלא כלן נסקרין בסקירה אחת כנאמר היוצר יחד לבם המבין כה"ה. ומשני. דלא ליערבבו אינהו. לדידיה לא מהניא ערבוביא אבל לדידהו מהניא דמבלבלי ומכחשי טענתייהו: טבעה. בשמה: נכנס תחלה. לפני הקב"ה לדין: משפט

## פרק ששי

**א** אמר. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט אלע מצות וואס די יודען טוהען אויף דער וועלט. וועלין די מצוה קומען און ווערין עדות זאגין אויף דיא יודען צוא עולם הבא. אז זייא האבען די מצות מקיים געווען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין געבען זייערע עדות וועלין זיי גירעכט זיין. דאס מיינט מען דיא יודען. זייא וועלין הערען און וועלין זאגען עס איז אמת. דאס מיינט מען די פעלקער. רבי חנינא בר פפא האט גידרשת אנדערע זאגין רבי שמלאי האט גידרשת ווען משיח וועט קומען וועט גאט ברייננען א ספר תורה און וועט זיא לייגען אין זיין שוים. און ער וועט זאגין ווער עס האט גילערונט די תורה זאל ער קומען נעמען זיין שכר. וועלין זיך פאר זאמלען אלע פעלקער אוים געמישט און וועלין קומען פאר גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער וועלין זיך פאר זאמלען צו זאמען. וועט גאט זאגין צוא זייא איר זאלט ניט אריין גיין פאר מיר אוים געמישט אלע צוא זאמען. נאר יעדער פאלק זאל אריין גיין בזונדער מיט אירע חכמים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויאספו לאומים. לאום איז דר טייטש א קיניגרייך פון א פאלק. אזו ווי עס שטייט אין פסוק ולאם מלאם יאמץ: איין קיניגרייך וועט זיך שטארקין פון דעם אנדערין קיניגרייך. זאגט דער פסוק ויאספו לאמים. די קיניגרייכין וועלין זיך פאר זאמלען. יעדער קיניגרייך בזונדער. פרעגט די גמרא וואס הארט דען גאט אז זיי וועגען גיקומען אוים געמישט. גאט קען דאך אוים געמישטע מענטשין אויך דער קענען יעדערין בזונדער. ענפערט די גמרא גאט מיינט ניט פון זיינעט וועגין נאר ער מיינט פון זייערט וועגין. אז זיי וועלין זיין אוים געמישט אלע פעלקער צו זאמען טאמער וועלין זייא ניט הערין אדער זייא וועלין ניט גוט פארשטיין וואס גאט וועט זיי פרעגין וועלין זייא ניט וויסען וואס צוא ענפערין. דריבער וועלין זיי צו טיילט ווערין יעדער פאלק וועט אריין קומען בזונדער. צום ערשטין וועט אריין קומען די מלוכה פון אדום. ווייל זיא איז מער חשוב פון אלע. פון וואנען ווייסין מיר אז זיא איז מער חשוב פון אלע. ווארום עס שטייט אין פסוק זי וועט אויף עסין דיא גאנצע וועלט און זיא וועט צו טרעטין און צוא שמייסין דיא גאנצע וועלט. האט רבי יוחנן געזאגט דאס מיינט מען די מלוכה פון רוים. וואס איר נאמען איז ארום גיגאנגען אויף דיא גאנצע וועלט. און פון וואנען ווייסין מיר אז ווער עס איז מער חשוב גייט פריער אריין צום משפט פאר גאט. אזוי וויא רב חסדא האט געזאגט אז דער מלך מיט זיין פאלק קומען געמשפט

צוא

עבדו . שלמה המלך : דליפוש חרון אף . דהקב"ה שמפי פשעי הצבור שמא ח"ו יפרע מן המלך כל סורחנו מפני החרון : שווקים מרחצאות וכסף וזהב. הוא עסקן של רומיים וגסיים והרכים ומלחמות הוא עסקן של פרסיים : שיתעסקו בתורה . שיהא להם פנאי שמוצאין להסתכל בשוק ומוצאין מזונותיהם ואלמיהם בלא טורח ומתעדנין במרחצאות : ואכו . והנה : אחרי . אחרת : מכורבלים . שמנים כמו קטן המכורבל בבשר ולשון מלבוש הוא כמו כפיה, מכורבליכון . דוב אין לו מנוחה אלא הולך ובא כך

שנאמר (מ"א ח) לעשות משפט עבדו ומשפט עמו ישראל דבר יום ביומו וטעמא מאי אבע"א לאו אורח ארעא למיתב מלכא אבראי ואבע"א מקמי דליפוש חרון אף . ואומר להם הקב"ה במה עסקתם בעוה"ז אומרים לפניו רבש"ע הרבה שווקים תקננו הרבה מרחצאות עשינו הרבה כסף וזהב הרבינו וכולן לא עשינו אלא בשביל ישראל כדי שיתעסקו בתורה אומר להם הקב"ה שוטים כל מה שעשיתם לצורך עצמכם עשיתם שווקים להושיב בהם זונות מרחצאות לעדן בהם עצמכם כסף וזהב שלי הוא שנאמר (חגי ב) לי הכסף ולי הזהב נאם ה' צבאות כלום יש בכם מגיד זאת שנאמר (ישעיה מג) מי בהם יגיד זאת ואין זאת אלא תורה שנאמר (דברים ד) וזאת התורה אשר שם משה מיד יוצאין בפחי נפש יוצאת מלכות רומי נכנסת מלכות פרס אחריה מ"ט משום דהשיבא בתרה מנ"ל דכתיב (דניאל ז) וארו חיוה אחרי תנינה דמיה לדוב ותני רב יוסף אלו פרסיים שאוכלים כדוב ושותים כדוב ומסורבלין בשר כדוב ומגדלין שער כדוב ואין להם מנוחה כדוב אומר להם הקב"ה במה עסקתם אומרים

---

צוא ווערין פון גאט . גייט פריער אריין דער מלך צום משפט . דער נאך דאס פאלק . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט געזאגט אויף זיך צוא טאהן דעם משפט פון זיין קנעכט אונ דעם משפט פון זיין פאלק ישראל אלע טאג . פאר וואס ווערט דער מלך פריער געמשפט . אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגן עס איז ניט שיין פאר דעם מלך ער זאל זיצן אויסער דיא שטוב פון בית דין אונ זאל ווארטען ביז מען וועט אפ משפטין דאס גאנצע פאלק דער נאך וועט מען אים משפטין . אונ אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגן איין אנדער טעם . גאט משפט דעם מלך פריער . איידער זיין כעס ווערט גרויס אויף די זינד פון דעם גאנצען פאלק . אונ גאט זאגט צום פאלק אדום מיט וואס האט איר אייך בשעפטיגט אויף דער וועלט . וועלין זייא זאגין פאר גאט רבונו של עולם מיר האבען געמאכט אזוי פיל גאסין אין דיא שטעט . מיר האבען געמאכט פיל בעדער . מיר האבען געמערט אויף דער וועלט פיל זילבער אונ גאלד : אונ דאס אלץ האבען מיר געטאהן פון די יודינס וועגין זיי זאלין זיך ניט דארפין בשעפטיגען מיט וועלטליכע זאכין וועלין זיי קענען זיצען אונ לערנען תורה . וועט גאט זאגין צוא זייא איר זענט נארין ווייס איך דען ניט אז איר האט אלץ געמאכט פון אייערט וועגין : איר האט געמאכט גאסין דארט זאלין זיצען זונות . איר האט געמאכט בעדער איר זאלט דארט האבען אייער פערגעניגען . די זילבער אונ גאלד איז מיינע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט צוא מיר איז די זילבער אונ צוא מיר איז די גאלד . איז ווער דא צווישען אייך וואס ער קען זאגין . די זאך וואס ווערט גירופען זאת . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט פרעגין ווער איז דא צווישען זייא וואס ער קען זאגין די זאך וואס ווערט גירופין זאת . זאת מיינט מען דיא תורה : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזאת התורה אשר שם משה דאס איז די תורה וואס משה האט געמאכט פאר די יודין . וועט אדום באלד ארויס גיין טרויעריג . וויא אדום איז ארויס גיגאנגען איז אריין גיגאנגען דאס פאלק פרס (אדום איז רוים) . ווייל די אנדערע פון רוים איז פרס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די אנדערע חיה וואס דניאל האט געזעהן איז געווען גלייך צוא א בער . אונ רב יוסף האט געלערנט דער בער דאס איז פרס . ווארום דיא פרסים עסין וויא א בער אונ טרינקען וויא א בער אונ זענען בדעקט מיט פלייש ווי א בער אונ זיי לאזין אויף זיך וואקסין גרויסע האר וויא א בער אונ זיי האבין ניט קיין רוה אזוי וויא א בער . וועט גאט זאגין צוא זייא מיט וואס האט איר אייך בשעפטיגט אויף דער וועלט . וועלין זיי זאגין פאר גאט רבונו של עולם מיר האבין געמאכט פיל בריקען . אונ פיל שטעט האבען מיר איין גינומען . אונ פיל מלחמות האבען מיר געמאכט . אונ דאס אלץ האבען מיר

נאר

אומרים לפניו רבש"ע הרבה גשרים גשרנו ועשינו והרבה כרכים כבשנו והרבה מלחמות עשינו וכולן לא עשינו אלא בשביל ישראל כדי שיתעסקו בתורה. אומר להם הקב"ה שוטים כל מה שעשיתם לא עשיתם אלא לצורך עצמכם גשרים ליטול מכס מהן כרכים לעשות בהם אנגריא מלחמות אני עשיתי שנאמר (שמות טו) ה' איש מלחמה ה' שמו כלום יש בכם מגיד זאת שנאמר מי בכם יגיד זאת ואין זאת אלא תורה שנאמר וזאת התורה. מיד יוצאין בפחי נפש. וכי מאחר דעיילא רומי ולא זכה פרס מ"ט עיילא סבור אינהו סתור בית המקדש ואנן מיבנא בנינן:

רש"י: אנגריא. עבודת המלך המוטלת על יושבי כרכים לעשות מלחמה ולצאת בצבא וליטול בהמתן לעבודתו: ואנן בנינן. בית שני בנה כורש: אינהו אישתעבידו בישראל. פרסיים אשתעבדו בישראל בגלות בבל וטיטוס הגלם לרומי

ב וכן כל אומה ואומה מאי שנא הני תרתי דקא חשיב ומאי שנא הנך דלא חשיב הנך משכה מלכותייהו עד דאתי משיחא וכי מאחר דעיילי תרתי ולא אהנו מידי מ"ט עיילי אחריני אמרי אינהו אישתעבידו בישראל אנן לא אשתעבדינן בהו אמרו לפניו

---

נאר גימאכט פון דיא יודינס וועגין זיי זאלין זיצען רוהיג אונ זאלין לערנען תורה. וועט גאט זאגין צוא זיי איר זענט נארין וויים איך דען ניט אז איר האט אלץ גימאכט פון אייערט וועגין. איר האט גימאכט בריקען איר זאלט נעמען פון זייא אפצאהל. ווער עס וועט גיין אדער פארין אויף דעם בריק זאל איך בצאהלין. איר האט גימאכט שטעט אונ איר האט אריין גיזעצט אין זיי מענטשין. די מענטשין זאלין איך בצאהלין אונ זאלין טאהן די קעניגליכע ארבעט אונ זאלין גיין שטרייטין אייערע מלחמות. די מלחמות אייערע זאגט גאט האב איך איין גינומען פון אייערט וועגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט איז דער מאן פון מלחמות איין נעמען. איז ווער דא צווישען איך וואס ער קען זאגין די זאך וואס ווערט גירופין זאת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט פרעגין ווער איז דא צווישען זיי וואס ער קען זאגין די זאך וואס ווערט גירופין זאת. זאת מיינט מען די תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזאת התורה אשר שם משה ודאס איז די תורה וואס משה האט גיטאהן פאר דיא יודין וועט פרס באלד ארויס גיין טרויעריג. פרעגט דיא גמרא אז רוים איז אריין גיגאנגען אונ האט ניט גיוואנען דעם משפט מיט זיינע טענות. צוא וואס איז אריין גינאנגען פרס. זייא האבען דאך גידארפט וויסען אז זיי וועלין אויך ניט געווינען. ענפערט דיא גמרא פרס האט גיטראכט דריבער האבען רוים ניט גיוואנען דעם משפט וויל זייא האבען חרוב גימאכט דעם בית המקדש. אבער פרס האט אויף גיבאהט דעם אנדערין בית המקדש האבען זייא גימיינט דורך דעם וועלין זייא געווינען דעם משפט:

ב וכן. אונ אזוי זענען אריין גיגאנגען אלע פעלקער פאר גאט, אונ אלע האבען גימיינט זייא וועלין זוכה זיין וויל זייא האבען גיהאלפין דיא יודען זייא זאלין זיצען רוהיג אונ לערנען התורה. אבער גאט האט זייא גיענפערט צווייא זאכען: ערשטינס האט איר ניט גימיינט פון יודינס וועגין. איר האט גימיינט אייער טובה. צווייטינס דאס אלץ העלפט גאר ניט מיידין מען לערנט אליין די תורה. פרעגט די גמרא פאר וואס בייא רוים אונ פרס דער ציילט מען וואס זיי האבען גיזאגט פאר גאט. אונ וואס גאט האט זייא גיענפערט. אונ פאר וואס פון דיא איבעריגע אלע פעלקער דער ציילט מען גאר ניט. ענפערט די גמרא וויל דיא מלוכה פון רוים אונ די מלוכה פון פרס וועט זיך ציהען ביז משיח וועט קומען זענען זייא חשוב מען זאל דער ציילען וואס זייא האבען גירעט פאר גאט אונ וואס גאט האט זיי גיענפערט. אבער דיא איבעריגע פעלקער וויל זייער מלוכה וועט ניט זיין אויף לאנג. דריבער דערציילט מען פון זיי גאר ניט. פרעגט דיא גמרא אז צוויי פעלקער זענען שוין גיווען פאר גאט אונ האבן ניט גיוואנען זייער משפט: צו וואס זענען אריין גיגאנגען די איבעריגע פעלקער. ענפערט די גמרא די איבעריגע פעלקער האבען גיטראכט רוים אונ פרס וויל זיי האבען גיארבעט מיט די יודין. דריבער האבען

לפניו רבונו של עולם כלום נתת לנו ולא קבלנוה . ומי מצו למימר הכי והא כתיב (דברים לג) ה' מסיני בא וזרח משעיר למו וכתיב (חבקוק ג) אלוה מתימן יבא מאי בעי בשעיר ומאי בעי בפארן א"ר יוחנן מלמד שלקח התורה והחזירה הקב"ה על כל . האומות והלשונות ולא קבלוה עד שבא אצל ישראל וקבלוה אלא הכי אמרי כלום קבלנוה ולא קיימנוה ועל דא תברתהון אמאי לא קבלוה אלא כך אומרים לפניו כלום כפית עלינו את ההר כגיגית ולא קבלנוה כדרך שכפית על ישראל שנאמר (שמות יט) ויתיצבו בתחתית ההר וא"ר אבדימי בר חמא דמן חיפה מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם מקבלים אתם את התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם . מיד אומר להם הקב"ה ראשונות ישמיעונו שנאמר (ישעיה מג) וראשונות ישמיעונו שבע מצות שקבלתם היכן קיימתם . ומנ"ל דלא קיימום כדתני רב יוסף מ"ד (חבקוק ג) עמד וימודד ארץ ראה

ועדיין כולם משועבדים להם : פארן . אלך ישמעאל דכתיב בהגר ותשב במדבר פארן וגו' : כלום קבלנוה ולא קיימנוה . כלומר מפני דלא קבלנוה : על דא תברתהון . פירכא היא כלומר נמצא תשובה זו קטיגור להם אמאי לא קבלוה : כגיגית . קופ"ה בלע"ז שמטילין בה שכר :

---

זייא ניט זוכה געוועזן דעם משפט . אבער מיר האבען ניט געארבעט מיט די יודען וועלין מיר זוכה זיין דעם משפט . ווי גאט האט געענטפערט צו די פעלקער ווייל זייא האבען ניט גילערונט די תורה : האבען די פעלקער גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם האסטו דען אונז גיגעבען דיא תורה אונ מיר האבין זיא ניט גיוואלט צו נעמען : דו האסט דאך אונז די תורה גאר ניט גיגעבין . פרעגט די גמרא קענען דען דיא פעלקער אזוי זאגין . אז גאט האט ניט גיגעבין צו זייא דיא תורה . עס שטייט דאך אין פסוק גאט איז גיקומען פון בארג סיני אונ ער האט גישיינט צו אים פון שעיר אונ פון פארן אונ נאך שטייט אין פסוק גאט וועט קומען פון דרום זייט . וואס האט גאט גיטאהן אין שעיר אונ וואס האט גאט גיטאהן אין פארן . האט רבי יוחנן גיזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט גינומען די תורה אונ איז מיט איר ארום גיגאנגען צוא אלע פעלקער אונ קיינער האט ניט גיוואלט נעמען די תורה . ביז גאט איז גיקומען מיט דיא תורה צו דיא יודען : האבען זייא גינומען די תורה . האבען דאך די פעלקער גיט גיוואלט נעמען די תורה . נאר אזוי האבען דיא פעלקער גיזאגט פאר גאט האבען מיר דען גינומען דיא תורה אונ מיר האבען איר אנדערש מקיים געוועזן . מיר האבען דאך איר גאר ניט גינומען . פרעגט דיא גמרא דאס איז דאך דיא קשיא פאר וואס האט איר ניט גינומען די תורה . נאר אזוי האבען זייא גיזאגט פאר גאט די יודען האבען דאך אויך ניט גיוואלט נעמען די תורה . נאר דו האסט זייא גינייט . פאר וואס האסטו אונז ניט גינייט . האסטו דען אויף אונז אויך ארויף גיבויגען דעם בארג ווי אפאם אונז צוא נייטין מיר זאלין נעמען די תורה . אזוי וויא דוא האסט גינייט דיא יודען אונ אויף זייא ארויף גיבויגען דעם בארג זייא זאלען נעמען דיא תורה . ווען דו וואלסט אונז גינייט וואלטען מיר אויך גינומען דיא תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען זיך גישטעלט אונטער דעם בארג האט רבי אבדימי בר חמא פון די שטאט חיפה גיזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט אריבער גידעקט דעם בארג אויף דיא יודען אזוי וויא מען דעקט אריבער אפאם . אונ ער האט גיזאגט צוא די יודען אויב איר ווילט נעמען דיא תורה איז גוט . אונ אויב ניט . וועט איר בגראבען ווערען דארטען אונטער דעם בארג . וועט גאט זאגען צוא די פעלקער מאכט אונז נאר הערין די ערשטע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ערשטע זאלט איר אונז מאכען הערען . דיא זיבען מצות וואס איר האט אויף זיך גינומען האט איר דען מקיים געוועזן . אז איר האט זיבען מצות ניט מקיים געוועזן . וואלט איר דאך זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות געוויס ניט מקיים געוועזן . וויא אזוי האב איך אייך גיקענט געבען דיא תורה . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז די גוים האבען ניט מקיים געוועזן די זיבען מצות . ענטפערט די גמרא אזוי וויא רב יוסף האט גילערונט עס שטייט אין פסוק עמד וימודד ארץ ראה

ויתר

אכל בשבת אלא אעפ"כ מצות קלה יש לי וסוכה שמה לכו ועשו אותה ומי מצית אמרת הכי והא"ר יהושע ב"ל מ"ד (דברים ז) אשר אנכי מצוך היום לעשותם היום לעשותם ולא מחר לעשותם היום לעשותם ולא היום ליטול שכרם אלא לפי שאין הקדוש ב"ה בא בטרוניא עם בריותיו ואמאי קרי ליה מצוה קלה לפי שאין בה חסרון כיס מ"ד כל אחד ואחד עושה סוכה, בראש גגו והקב"ה מקדיר עליהם חמה בתקופת תמוז ומיד כל אחד ואחד מבעט בסוכתו ויוצא שנאמר (תהלים ב) ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו מקדיר והא אמרת · אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו משום דישראל נמי זמנין (ע"ג) דמשכה להו תקופת תמוז עד שיתסר בתשרי ומצטער והאמר (רבה) [רבא] מצטער פטור מן הסוכה נהי דפטור בעוטי מי מבעטי • מיד הקדוש ב"ה יושב ומשחק עליהם שנאמר (שם) יושב בשמים ישחק ·
א"ר

לעשותם. בעה"ז: ולא למחר. דהיום יכול לעשותם לעה"ב: בטרוניא. בעלילה: ראש גגו. רוב תשמישן על הגגות שאין גגותיהן משופעים: מקדיר. לשון יוקד כלומר מנקבת בכח היום גדול כמו מקדרין בהרים דשיחורין עמן נקב וחקק: בתקופת תמוז: שנוהגת ומושכת עד שלשה הדברים. עד יום תקופת תשרי הוא תקופת תמוז: ננתקה את מוסרותימו. על ה' ועל משיחו קאמר לעתיד לבא כדכתיב למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק כלומר ננתקה מצות סוכה שהפילו עליהם · דמשכה תקופת תמוז. ואין תקופת תשרי נופלת עד לאחר החג: יושב בשמים ישחק. גבי

---

איר שׂכר אויף יענע וועלט • אָבער דער וואס האָט אויף דיא וועלט ניט מקיים גיוועזן די תורה • פון וואנען וועט ער האָבען צו עסן אויף יענער וועלט: נאר פון דעסטוועגין וועל איך אייך טאָהן אטובה. איך האָב אגרינגע מצוה איר נאָמען איז סוכה. גייט טוהט דיא מצוה • פרעגט דיא גמרא וויא קענסטו אזוי זאָגן • רבי יהושע בן לוי האָט דאך גזאָגט עס שטייט אין פסוק דיא רייד וואס איך געביט דיך היינט צו טאָהן • היינט צו טאָהן אָבער ניט מאָרגן צו טאָהן. היינט צו טאָהן אָבער ניט היינט צו נעמען שׂכר וואס מיינט מען דיא מצות טוהט מען נאָר היינט אויף דער וועלט • אָבער ניט מאָרגן אויף יענע וועלט • אונ שׂכר נעמט מען נאָר מאָרגן אויף יענער וועלט אָבער ניט היינט אויף דער וועלט • זעהט מיר דאָך אז אויף יענע וועלט קען מען שוין ניט טאָהן קיין מצות • ענטפערט די גמרא וייל גאָט וויל ניט קומען מיט אבלבול אויף זיינע מענטשין • דריבער האָט ער זייא גיגעבן אמצוה וצו מאכען אסוכה: אונ האָט זיי גיהייסען זייא זאָגן זי מקיים זיין • צו וויזען זיי אז אפילו די איין מצוה וועלן זיי אויך ניט מקיים זיין • פרעגט דיא גמרא פאר וואס רופט מען דיא מצות סוכה אגרינגע מצוה • וייל זיא קאָסט ניט פיל געלט • אין באלד יעדער גיגאנגען אונ הט געמאכט אסוכה אויף זיין דאך • אונ גאָט האָט אויף זיי גימאכט שיינען דיא זוהן אונ דאָס איז גיוועזן אין דיא תקופה פון תמוז איז גיוואָרן אגרויסע היץ • אין באלד יעדער אנטלאָפען פון דיא סוכה • אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא גוים וועלן זאָגן מיר וועלן אפ רייסען זיינע שטריק מיר וועלין אראפ וואַרפען פון אונז זיינע גראבע שטריק וראס מיינט מען מיר וועלין אראפ וואַרפען פון אונז זיינע מצות • פרעגט דיא גמרא דוא זאָגסט אז גאָט מאכט ניט קיין בלבול אויף אמענטשין • דאס איז דאך אבלבול • צו מאכען אהיץ מען זאל מוזן אנטלויפען • ענפערט דיא גמרא ביי דיא יודין טרעפט אויך אזוי אמאהל ווערט פר צויגען דיא תקופה פון תמוז ביז זעכצעהן טאג אין תשרי ואדער ביז נאך סוכות • איז אום סוכות דיא היץ גאנץ גרויס אונ זייא האָבען צער פון דיא היץ פון דעסטוועגין אנטלויפען זיי ניט פון סוכה • פרעגט דיא גמרא רבא האָט דאך גזאָגט דער וואס האָט צער פון דיא סוכה דאַרף ניט זיצען אין סוכה • האָבען דאך דיא גוים ניט גידארפט זיצען אין סוכה • אונ דיא יודין דארפן אויך ניט זיצען אין סוכה • ווען דיא היץ איז גרויס • ענפערט דיא גמרא די יודין דארפן טאקי ניט זיצען אין סוכה אז זייא האָבען צער פון דיא היץ • זייא אנטלויפען אָבער ניט פון די סוכה • נאר זייא גייען אוועק פון איר מיט גרויס צער וייל זייא קענען ניט מקיים זיין דיא מצוה • אָבער דיא גוים זענען אנטלאָפען פון דיא סוכה אונ האָבען גילאכט פון די מצוה • אָבער גאָט זיצט אונ לאכט פון זייא • אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס זיצט אין הימעל וועט לאכען

נתקה את מוסרותימו כתיב :

**אלא** שנעשו גרים גרורים מאליהם ומתגיירין ואין לא מקבלין להו דמשום גדולתן דישראל קא עבדי דכתיב מי גר אתך בעניותך עליך יפול בעשירותך : יושב ודן . כר' יוסי דאמר במסכת ר"ה אדם נדון בכל יום דכתיב דבר יום ביומו : יושב וזן . קולט נפש מכיקן הוזמן נפש פרנסתם : קרני ראמים . חיה גדולה : ביצי כנים . מינא הוא דמתקרי ביצי כנים ודקין הם

א"ר יצחק אין שחוק לפני הקב"ה אלא אותו היום בלבד : **ד איכא** דמתני לה להא דר' יצחק אהא דתניא ר' יוסי אומר לעתיד לבא באין עכו"ם ומתגיירין ומי מקבלי מינייהו והא תניא אין מקבלים גרים לימות המשיח כיוצא בו לא קבלו גרים בימי דוד ולא בימי שלמה אלא שנעשו גרים גרורים (דתניא ר' יוסי אומר לעתיד לבא באים עכו"ם ומתגיירין) ומניחים תפילין בראשיהם ותפילין בזרועותיהם וציצית בבגדיהן ומזוזה בפתחיהם כיון שרואים מלחמת גוג ומגוג אומר להם על מה באתם אומרים על ה' ועל משיחו שנאמר (תהלים ב) למה רגשו גוים ולאמים יהגו ריק יתיצבו מלכי ארץ וגו' מיד כל אחד ואחד מנתק מצותו והולך לו שנאמר (שם) ננתקה את מוסרותימו וגו' והקב"ה יושב ומשחק עליהם שנאמר (שם) יושב בשמים ישחק וגו' וא"ר יצחק אין שחוק לפני הקב"ה אלא אותו היום בלבד, איני והאמר רב יהודה אמר רב י"ב שעות הוי היום שלש שעות ראשונות יושב הקב"ה ועוסק בתורה שניות יושב ודן את כל העולם כלו כיון שרואה העולם כלו מתחייב כלייה עומד מכסא הדין ויושב על כסא רחמים שלישיות יושב הקב"ה וזן את כל העולם כלו מקרני ראמים ועד ביצי כנים רביעית

---

לאכען פון דיא גוים . רבי יצחק זאגט נאט לאכט ניט פון זיינע בשעפעניש . נאר דעם טאג ווען ער יא לאכען :

ד' איכא . אנדערע לערנען וואס רבי יצחק האט גזאגט אויף דער זאך . ווארום מיר האבען גילערנט רבי יוסי זאגט ווען משיח וועט קומען וועלין קומען גוים אונ וועלין זיך מגייר זיין . פרעגט דיא גמרא וועט מען דען צו נעמען גרים . מיר האבען דאך גילערנט ווען משיח וועט קומען וועט מען ניט צו נעמען גרים . ווייל זייא וועלין זיך ניט מגייר זיין פון גאטס וועגין נאר ווייל זייא וועלין זעהן דיא גוטס וואס יודען האבען וועלין זייא זיך וועלין בהעפטין צו יודען זיי נאר אויך גוט זיין . אונ אין דיא צייט פון דוד המלך אונ אין דיא צייט פון שלמה המלך האט מען אויך ניט צו גענומען גרים . ווייל זייא האבען אויך ניט גימיינט פון גאטס וועגין . ענפערט דיא גמרא דיא גוים וועלין זיך מגייר זיין אונ וועלין וואהנען בזונדער ניט מיט דיא יודין צו זאמען ווארום דיא יודין וועלין זייא ניט צו נעמען . ווארום מיר האבען גילערנט רבי יוסי זאגט ווען משיח וועט קומען וועלין קומען דיא גוים אונ וועלין זיך מגייר זיין אונ וועלין לייגען תפלין אויף זייערע קעפ אונ תפלין אויף זייערע הענט אונ זייא וועלין מאכען ציצית אויף זייערע קליידער אונ אמזוזה וועט זיין אויף זייערע טירען . וויא דיא גרים וועלען זעהן דיא מלחמה פון גוג ומגוג . וועלין דיא גרים פרעגין צו גוג ומגוג אויף וועמען זענט איר גיקומען מלחמה האלטען . וועלין גוג ומגוג זאגן מיר זענען גיקומען מלחמה האלטען מיט גאט אונ מיט זיין משיח . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צוא וואס שטורעמען דיא פעלקער אונ דיא קעניגרייכען טראכטען לערע זאכען וצו מלחמה האלטען מיט גאט . וויא דיא גרים וועלין דאס הערין וועט באלד יעדער ארויס רייסען פון זיך זייגע מצות אונ וועט גיין צוריק ווערין אגוי . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר וועלין ארויס רייסען פון אונז זייגע פאר בינדונג . אונ גאט זיצט אונ לאכט פון זייא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס זיצט אין הימעל וועט לאכען . האט רבי יצחק גזאגט גאט לאכט ניט פון זיינע בשעפעניש . נאר דעם טאג וועט ער יא לאכען . פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין צוועלף שעה איז דער טאג . דיא ערשטע דריי שעה זיצט גאט אונ לערנט תורה . דיא אנדערע דריי שעה זיצט גאט אונ משפט דיא גאנצע וועלט . וויא גאט זעהט אז דיא גאנצע וועלט ווערט פאר שולדיגט ביא דעם משפט . שטייט גאט אויף פון דעם שטוהל פון משפט אונ ער זעצט זיך אויף דעם שטוהל

פון

ראה ויתר גוים מה ראה ראה שבע מצות שקבלו עליהם בני נח ולא קיימוה עמד והתירן להם איתגורי אתגר א"כ מצינו חוטא נשכר. אמר מר בריה דרבינא (דף ג) לומר שאע"פ שמקיימין אותם אין מקבלים עליהם שכר :

ראה ויתר גוים ראה בעיניו ויתר נספין : לומר שאם מקיימין אותם . והתרם זו לא נמנעתם סיון אלא שאין מצווין לקיימם ואם יקיימום לא יקבלו שכר :

אם לא בריתי יומם ולילה . אם לא בריתי שבשבילי שמחה נוהגת יומם ולילה והיינו תורה דכתיב

ג ולא והתניא ר' מאיר היה אומר מנין שאפילו נכרי שעוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול שנאמר (ויקרא יח) אשר יעשה אותם האדם וחי בהם כהנים ולוים וישראלים לא נאמר אלא האדם מלמד שאפי' נכרי ועוסק בתורה הרי הוא ככ"ג אלא לומר לך שאין מקבלין עליהם שכר כמצווה ועושה אלא כמי שאינו מצווה ועושה דא"ר חנינא גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה אלא כך אומרים העכו"ם לפני הקב"ה רבש"ע ישראל שקבלוה היכן קיימוה אמר להן הקב"ה אני מעיד בישראל שקיימו את התורה כולה אומרים לפניו רבש"ע כלום יש אב שמעיד על בנו דכתיב (שמות ד) בני בכורי ישראל אמר להם יבואו שמים וא"ץ ויעידו בהם בישראל שקיימו את התורה כולה אומרים רבש"ע אף שמים וארץ נוגעין בעדותם שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ

---

ויתר גוים . ער איז געשטאנען אונ האט געמאסטען די ערד . ער האט געזעהן אונ האט מתיר געוועזן דיא פעלקער . וואס האט ער געזעהן . ער האט געזעהן דיא זיבען מצות וואס דיא גוים האבען אויף זיך גענומען אונ האבען זייא ניט מקיים געוועזן . האט ער זיי מתיר געוועזן די זיבען מצות אויך . פרעגט דיא גמרא האבען זיי דאך נאך פארדינט . זעהן מיר דאך אז דער זינדיגער פאר דינט גאך . האט מר בריה דרבינא געזאגט אזוי מיינט מען מקיים זיין די זיבען מצות מוזן זיי . אונ אז זיי וועלען ניט מקיים ווערין זיי געשטראפט . נאר אויב זיי וועלען יא מקיים נעמען זייא ניט קיין שכר . מען רעכינט דאס ניט פאר מצות גלייך וויא זייא וואלטין אויף דעם גאר ניט געבאטין געווארין :

ג ולא . פרעגט דיא גמרא דיא גוים נעמען ניט קיין שכר . מיר האבען דאך געלערנט רבי מאיר פלעגט זאגן פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו אגוי לערנט תורה איז ער אזוי וויא אכהן גדול : ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא מצות וואס דער מענטש זאל זיי טאהן אונ זאל לעבין דורך זייא . עס שטייט ניט אין פסוק וואס דיא כהנים אונ לוים אונ ישראלים זאלען זייא טאהן . נאר עס שטייט וואס אמענטש זאל זייא טאהן . ווער דער מענטש איז . אפילו אגוי לערנט תורה איז ער אזוי וויא אכהן גדול : נאר אזוי מיינט מען אז אגוי לערנט תורה אונ איז מקיים מצות נעמט ער ניט שכר אזוי וויא דער וואס איז געבאטען אונ טוהט . נאר אזוי וויא דער וואס איז ניט געבאטען אונ טוהט . ווארום רבי חנינא האט געזאגט דער וואס איז געבאטען אונ טוהט איז גרעסער וויא דער וואס איז ניט געבאטען אונ טוהט . נאר אזוי זאגן דיא גוים פאר גאט רבונו של עולם דיא יודין וואס זייא האבען אויף זיך גענומען דיא תורה אונ מצות . האבען זייא דען מקיים געוועזן : זאגט גאט צו דיא גוים איך זאג עדות אויף דיא יודין אז זייא האבען מקיים געוועזן דיא גאנצע תורה . וועלין דיא גוים זאגן פאר גאט רבונו של עולם איז דען אפאטער בגלויבט צו זיין אעדות אויף זיין זוהן . עס שטייט דאך אין פסוק גאט האט געזאגט דיא יודין זענען מיין ערשט געבארענער זוהן . זאגט גאט צו דיא גוים זאלין קומען דיא הימעל מיט דיא ערד אונ זאלן זאגן עדות אויף דיא יודין אז זייא האבען מקיים געוועזן דיא גאנצע תורה . וועלין דיא גוים זאגן רבונו של עולם דיא הימעל מיט דיא ערד מוזן זאגן אז דיא יודין האבען מקיים געוועזן דיא תורה . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט ווען ניט דיא תורה וואס יודין לערנען טאג אונ נאכט וואלט איך ניט באשאפען די הימעל מיט די ערד . אז זייא וועלין זאגן דיא יודין האבען ניט מקיים געוועזן דיא תורה וועט גאט מאכען דיא

הימעל

וארץ לא שמתי ואמר רבי שמעון בן לקיש מאי דכתיב (בראשית א) ויהי ערב ויהי בקר יום הששי מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית ואמר להם אם ישראל מקבלים את התורה מוטב ואם לאו הריני מחזיר אתכם לתהו ובהו ואמר חזקיה מ"ד (תהלים עו) משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה אם יראה למה שקטה ואם שקטה למה יראה אלא בתחלה יראה ולבסוף שקטה אומר הקב"ה לתן יבאו מכם ויעידו בישראל שקיימו את התורה כולה יבא נמרוד ויעיד באברהם שלא עבד ע"ז יבא לבן ויעיד ביעקב שלא נחשד על הגזל תבא אשת פוטיפרע ותעיד ביוסף שלא נחשד על העריות יבא נבובדנצר ויעיד בחנניה מישאל ועזריה שלא השתחוו לצלם יבא דריוש ויעיד בדניאל שלא ביטל את התפלה יבא בלדד השוחי וצופר הנעמתי ואליפז התימני ויעידו בישראל שקיימו את התורה כולה שנאמר (ישעיה מג) יתנו עדיהם ויצדקו אומרים לפניו רבש"ע תנה לנו מראש ונעשנה אומר להם הקב"ה שוטים מי שטרח בערב שבת אוכל בשבת ומי שלא טרח בערב שבת מהיכן

והגיית בו יומם ולילה וכתיב אלה דברי הברית: הששי. ה"א דהששי יתירה וכתבה בסוף מעשה בראשית לדרשה זו והכי משמע ויהי ערב ויהי בקר יום הששי של ששה בסיון שעתידין ישראל לקבל התורה: השמעת דין. מתן תורה: בתחלה יראה. שמא לא יקבלו ישראל התורה ותחזור הארץ לתהו ובהו: ולבסוף. קבלוה בשעה ושמע שקטה: נמרוד. השליך את אברהם אבינו בתוך כשדים על שלא קבל עליו לעבוד ע"ז שנאסרה לבני נח ואברהם בן נח היה שלא היה בשעת מ"ת ועל שם כך נקרא אמרפל שאמר והפיל את אברהם בכבשן האש: שלא נחשד על הגזל. דכתיב מה מצאת מכל כלי ביתך אפילו סכין אפילו מחט ותחת הדבר בבית המים עבריה שנה ובהגלה אימו נוטל עמו כלי קטן ובני נח נצטוו על הגזל ויעקב קיים: ביוסף שלא נחשד על העריות. ואשת איש נאסרה לבני נח דכתיב ודבק באשתו ולא באשת חבירו ויוסף קיים. והאליהוא בן ברכאל לא גרסינן דישראל הוה כדמפרש בב"ב בהשותפין: בערב שבת. בעולם הזה: היום

---

הימעל אונ דיא ערד זאלן גישט מער זיין. אונ רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ויהי ערב ויהי בקר יום הששי. האט גיקענט שטיין יום ששי. איז דיא ה' איבעריג פון דעם ווייסען מיר אז גאט האט גימאכט אתנאי מיט דיא אלע בשאפונג פון דער וועלט אונ ער האט גזאגט צו זייא אויב דיא יודין וועלין נעמען דיא תורה איז גוט אונ אויב ניט וועלין אלע בשעפעניש צוריק ווערין וויסט. ווארום ששי מיינט מען דעם זעקסטין טאג אין סיון. אונ ה' איז פינף. דאס זענען דיא פינף ספרים פון די תורה וואס גאט האט זייא גיגעבן צו דיא יודין דעם זעקסטין טאג אין סיון) אונ חזקיה האט גזאגט עס שטייט אין פסוק פון הימעל האסטו גימאכט הערין דעם משפט האט דיא ערד מורא גיהאט אונ איז רוהיג גיוועזן. איז דאך אקשיא אויב זיא האט מורא גיהאט. וויא אזוי איז זיא רוהיג גיוועזן. אונ אויב זיא איז רוהיג גיוועזן וויא אזוי האט זי מורא גיהאט. נאר אין אנהייב ווי זי האט גיהערט פון גאט אז די גאנצע וועלט וועט ווערין וויסט אויב דיא יודען וועלן ניט נעמען די תורה האט די ערד מורא גהאט. דער נאך אז די יודען האבען שוין גינומען דיא תורה. איז די ערד גיווארן רוהיג: וועט גאט זאגן צו די גוים פון אייך אליין וועלן קומען מענטשין אונ וועלן עדות זאגן אויף דיא יודען אז זייא האבען מקיים גיוועזן דיא גאנצע תורה. זאל קומען נמרוד אונ זאל עדות זאגן אויף אברהם אז ער האט ניט גדינט עבודה זרה. זאל קומען לבן אונ זאל עדות זאגן אויף יעקב אז ער האט אפילו ביי אים גאר נים גיגזלת. זאל קומען דיא ווייב פון פוטיפר אונ זאל עדות זאגן אויף יוסף אז ער האט ניט גיוואלט מזנה זיין. זאל קומען נבוכדנצר אונ זאל עדות זאגן אויף חנניה מישאל ועזריה אז זייא האבען זיך ניט גיבוקט צום צלם. זאל קומען דריוש אונ זאל עדות זאגן אויף דניאל אז ער האט אלע טאג גידאווינט. זאל קומען בלדד השוחי אונ צופר הנעמתי אונ אליפז התימני אונ זאלן עדות זאגן אויף דיא יודען אז זייא האבען מקיים גיוועזן דיא גאנצע תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יתנו עדיהם ויצדקו: דיא גוים וועלן געבין זייערע עדות זייא זאלן גירעכט מאכען דיא יודען. וועלן דיא גוים וועלן זאגן פאר גאט רבונו של עולם גיב אונז איצט דיא תורה פון אנהייב וועלן מיר זיא מקיים זיין. וועט גאט זאגן צו זייא איר זענט נארין ווער עס ארבעט ערב שבת האט ער צו עסין אום שבת. אונ ווער עס ארבעט ניט ערב שבת פון וואנען וועט ער עסין אום שבת. דער וואס איז מקיים דיא תורה אויף דיא וועלט. עסט ער

איר

רביעיות יושב ושוחק עם לויתן שנאמר (שם קד) לויתן זה יצרת לשחק בו א"ר נחמן בר יצחק עם בריותיו משחק על בריותיו אינו משחק אלא אותו יום בלבד :

ואלו אוכ"א בלשון ארמי ובלעז לייכדי"ש : על בריותיו . על מעשה עבירה שעושין בריותיו אינו משחק אלא אותו היום בלבד :

גמולי מחלב. במתו כבהם קטנים : ועתיקי (משדים)

**ה א"ל** רב אחא גליליאה לרב נחמן בר יצחק למ"ד מכי הרב בית המקדש אין שחוק לפני הקב"ה (ברביעיות מאי עביד יושב ולומד תורה לתינוקות של בית רבן) וכנא לן דליכא שחוק קמיה אילימא מדכתיב (ישעיה כב) ויקרא ה' אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד וגו' דלמא אותו היום ותו לא אלא דכתיב (תהלים קלז) אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי . ודלמא שכחה הוא דליכא אבל שמחה מיהא איכא , אלא מהכא (ישעיה מב) החשיתי מעולם אחריש אתאפק וגו' , אלא מאי עביד בהו ברביעיות יושב ומלמד תורה לתינוקות של בית רבן שנאמר (שם כח) את מי יורה דעה ואת מי יבין שמועה גמולי מחלב עתיקי משדים למי יורה דעה ולמי יבין שמועה לגמולי מחלב ולעתיקי משדים . ומקמי דליחרב ב"ה דהוה שחוק לפני הקב"ה תינוקות מאן הוה מיגמר להו אבע"א

---

פון בהמות . דיא דריטע דרייא שעה זיצט גאט אונ שפייזט דיא גאנצע וועלט ווער זעצט אויס אויף יעדער מענטש פון וועלכער זאך ער זאל געשפייזט ווערין פון דעם וויזול וואס דאס איז דיא גרעסטע חיה . ביז ביצי כנים ודאס איז דיא קלענסטע בשעפעניש אויף דער וועלט . דיא פערטע דריי שעה זיצט גאט אונ שפילט זיך מיט דעם לויתן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם לויתן האסטו בשאפען צו לאכען אונ צו שפילען מיט איהם . זעהן מיר דאך אז גאט לאכט אלע טאג איז דאך אקשיא אויף רבי יצחק וואס ער זאגט אז גאט לאכט קיין מאהל ניט נאר דעם טאג וועט ער לאכן . האט רב נחמן בר יצחק געענטפערט מיט זיינע בשעפעניש לאכט גאט אלע טאג . אויף דיא עבירות וואס זיינע בשעפעניש טוהען לאכט גאט קיין מאהל ניט . נאר דעם טאג ווס די גוים וועלן חרטה האבען אויף דעם ווס זייא האבען זיך מגייר געוועזן . וועט גאט יא פון זייא לאכען .

**ה** אמר . רב אחא גליליאה האט געזאגט צו רב נחמן בר יצחק דער וואס זאגט אז פון דער צייט וואס דער בית המקדש איז חריב געווארן האט נאך גאט ניט געלאכט פון וואנען ווייסן מיר אז גאט האט ניט געלאכט . מיר זאלן זאגן פון דעם פסוק גאט האט גירופען אין דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן צו אגיוויין אונ צו אקלאג . טאמער איז דס נאר געווען דעם איינעם טאג וואס דער בית המקדש איז אין איהם חרוב געווארן . אבער פון יענעם טאג אונ ווייטר ווייגט גאט שון גאר ניט . וועלן מיר זאגן פון דעם פסוק אויב איך וועל דיך ירושלים פר געסן זאל פר געסן ווערין מיין רעכטע האנט זאל בהעפט ווערין מיין צונג צו מיין גומען אויב איך וועל דיך ניט גידיינקין . טאמר וועט נאר גאט ניט פר געסין ירושלים . אבער פון דעסטוועגין איז דא שמחה אויך ביי גאט . נאר פון דעם פסוק ווייסען מיר גאט זאגט איך שווייג פון אייביג ופון דער צייט וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן אונ עס איז ניטא ביי מיר קיין שמחה . נאר איך שרייא אזוי וויא אגעווינערין אויף דעם חורבן בית המקדש . נאר וואס דען טוהט גאט דיא פערטע דריי שעה . האט רב נחמן געזאגט גאט זיצט אונ לערנט תורה מיט די קליינע קינדער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וועמען וועט ער לערנען וויסענשאפט וועמען וועט ער געבין צו פאר שטיין דיא הערונג פון דער תורה . צו דיא קינדער וואס זענען געשטארבן ווען זיי האבען נאך געזויגען מילך . אונ צו דיא קינדער וואס זענען געשטארבען ווען זיי זענען ענטוויינט געווארן פון דיא מוטערס ברוסט . פרעגט דיא גמרא אונ איידער דער בית המקדש איז חרוב געווארן וואס גאט האט יא געלאכט אונ האט זיך געשפילט מיט דעם לויתן דיא לעצטע דריי שעה פון טאג . ווער האט געלערנט תורה מיט דיא קליינע קינדער וואס זענען געשטארבען . אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגן דער מלאך מטטרון האט מיט זייא געלערנט . אונ אויב דוא ווילסט

וועל

**עב** אבע"א מטטרון ואבע"א הא והא הקב"ה תינח ביממא ובליליא מאי עביד אבע"א כעין יממא ואבע"א רוכב על כרוב קל שלו ושט בי"ח אלפים עולמות שנאמר (תהלים סח) רכב אלהים רבותים אלפי שנאן אל תקרי שנאן אלא שאינן ואבע"א יושב ושומע שירה מפי חיות הקדש שנא' (שם מב) יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי . אמר ריש לקיש כל העוסק בתורה בלילה הקב"ה מושך עליו חוט של חסד ביום שנאמר יומם יצוה ה' חסדו וגו' מה טעם יומם יצוה ה' חסדו משום שבלילה שירה עמי . איכא דאמרי אמר ריש לקיש כל העוסק בתורה בעולם הזה שהוא דומה ללילה הקב"ה מושך עליו חוט של חסד בעוה"ב שהוא דומה ליום שנאמר יומם יצוה ה' חסדו וגו' מה טעם יצוה ה' משום דבלילה שירה עמי , א"ר לוי כל הפוסק מדברי תורה ועוסק בדברי שיחה מאכילין אותו גחלי רתמים שנאמר (איוב ל) הקוטפים מלוח עלי שיח ושרש רתמים לחמם :

**ו אמר** רב יהודה אמר שמואל מ"ד (חבקוק א) ותעשה אדם כדגי הים וגו' למה נמשלו בני אדם לדגי

פירוש: כמו המעתיק הרים לשון סילוק : אלא שאינן . ב' אלפים חסרים מרבותים : יומם יצוה ה' חסדו . דן וזן ומלמד תורה : ובלילה שירה עמי . ובלילה נוהג שירו עמי למטה באף דוד לא היה מתנמנם אלא כשינת הסוס וכל הלילה מתעסק בשירות ותשבחות ותורה : חוט של חסד . נותן חנו בעיני הבריות : הפוסק מדברי תורה . מי שעוסק בתורה ופוסק על דברי שיחה בטלה : מלוח . דברי להלוחית ועיקר . נ"א הגכתבת בלוחות :

---

ווער איך דיר זאגן גאט האט ביידע זאכען גיטאהן ער האט זיך געשפילט מיט דעם לויתן און האט גילערנט מיט דיא קינדער . אזוי טוהט גאט ביי טאג . און וואס טוהט ער ביי נאכט . אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן ער טוהט ביי נאכט דאס זעלביגע וואס ער טוהט ביי טאג . און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן ביי נאכט רייט גאט אויף אגרינגען וואלקען און ער שוועבט דורך אכטצעהן טויזענד וועלטען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רכב אלהים רבותים אלפי שנאן . זאלסט ניט לייענען שנאן . נאר זאלסט לייענען שאינן . זייא זענען נישטא . און אזוי מיינט דער פסוק דער רייט וואגין פון גאט איז צוויי רבות (צוואנציג טויזענד) ווייניגער צוויי טויזענד . דס איז אכטצעהן טויזענד . און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגן בייא נאכט זיצט גאט און ער הערט שירה פון דיא חיות הקודש . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי טאג טוהט גאט געבוטען זיין חסד ווער משפט ער שפייזט ער לערנט תורה) . און בייא נאכט איז זיין גיזאנג מיט מיר . דיא צדיקים זאגען שירה ביי נאכט צו גאט צו זאמען מיט דיא מלאכים וואס זייא זאגן שירה בייא נאכט פאר גאט . ריש לקיש זאגט דער וואס לערנט תורה ביי נאכט . ציהט גאט אויף איהם אפאדים פון חסד ביי טאג (דאס מיינט מען גאט גיט איהם חן ביי אלע מענטשען) . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי : בייא טאג געביט גאט אויף מיר זיין חסד . פאר וואס האט גאט געבאטען אויף מיר זיין חסד בייא טאג . ווייל בייא נאכט איז זיין גיזאנג מיט מיר . ווייל איך האב ביי נאכט גילערנט תורה . אנדערע זאגן אזוי הט ריש לקיש גזאגט דער וואס לערנט תורה אויף דער וועלט וואס זי איז גלייך צו דיא נאכט . וועט גאט אויף איהם ארויף ציהען אפאדים פון חסד אויף עולם הבא וואס דאס איז גלייך צו טאג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי טאג (אויף עולם הבא) וועט גאט אויף איהם געביטען זיין חסד . פאר וואס וועט גאט געביטען אויף איהם זיין חסד ביי טאג (אויף עולם הבא) . ווייל ביי נאכט (אויף דער וועלט) איז גיוועזען זיין גיזאנג מיט מיר . ווייל ער האט גילערנט תורה אויף דער וועלט וואס איז גלייך צו דיא נאכט . רבי לוי האט גיזאגט דער וואס לערנט תורה און אין מיטען הערט ער אויף צו לערנען און שמועסט . וועט מען אים געבין עסין אין גיהנם הייסע קילען פון דעם הארץ וואס הייסט רותם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הקוטפים מלוח עלי שיח ודי וואס האקען אפ פון דער תורה צו שמועסען ושורש רתמים לחמם וועט זיין זייער ברויט די הייסע קוילען פון דיא ווארצלען פון דעם בוים וואס הייסט רותם :

ו אמר . רב יהודה האט גיזאגט פון שמואלס וועגין עס שטייט אין פסוק דוא האסט גימאכט

לדגי הים לומר לך מה דגים שבים כיון שעולים ליבשה מיד מתים אף בני אדם כיון שפורשים מן התורה ומן המצות מיד מתים, ד"א מה דגים שבים כיון שקדרה עליהם חמה מיד מתים כך בני אדם כיון שקדרה עליהם חמה מיד מתים אבע"א בעה"ב ואבע"א בעה"ז. אבע"א בעה"ז וכדרבי חנינא דא"ר חנינא הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנא' (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם, ואבע"א לעה"ב כדר"ל דאר"ל אין גיהנם לעתיד לבא אלא הקב"ה מוציא חמה מנרתקה ומקדירה רשעים נדונים בה וצדיקים מתרפאים בה רשעים נדונין (דף ד) בה דכתיב (מלאכי ג) כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עשה רשעה קש ולהט אותם היום הבא אמר ה' צבאות אשר לא יעזוב להם שרש וענף שורש בעה"ז ולא ענף לעה"ב וצדיקים מתרפאים בה שנאמר (שם) וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה ולא עוד אלא שמתעדנין בה שנאמר (שם) ויצאתם ופשתם

כעגלי

הכל בידי שמים. מיתיבוה ומחלוקות הבאים לאדם כולם ע"י גזירת שמים: חוץ מצנים. לנה: פחים. הוא חולי הבא לאדם ע"י הם כמו עד שיפות היום: חום הבא. השמש הבאה דבכמה דוכתין קרינן לשמשא יומא: ופשתם. סיפא דוזהה לכם הוא. ופשתם לשון סימן זרבוי ועוני

---

גימאכט דיא מענטשין אזוי וויא דיא פיש פון ים. פאר וואס זענען געגליכען דיא מענטשין צו דיא פיש פון ים. צו זאגען דיר אזוי וויא דיא פיש פון ים אז זייא גייען ארויס אויף די טריקענעש שטארבען זייא באלד. אזוי דיא מענטשין אז זייא שיידין זיך אפ פון תורה אונ פון מצות שטארבין זייא באלד. אנדערע זאגין אזוי מיינט דער פסוק אזוי וויא דיא פיש וואס אין ים אז דיא זוהן ברענט נאר אויף זייא שטארבין זייא באלד. אזוי זענען דיא מענטשין אז דיא זוהן ברענט נאר אויף זייא. שטארבין זייא באלד. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין דאס מיינט מען זייא שטארבין פון עולם הבא. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מען מיינט זייא שטארבין פון דיא וועלט. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מען מיינט זייא שטארבין פון די וועלט אזוי וויא רבי חנינא האט גיזאגט אלע זאכען וואס עס טרעפט אמענטשין איז אגזירה פון הימעל. נאר אז אמענטש האט זיך פאר קיהלט אונ איז קראנק גיוואהרן. אדער אמענטש איז קראנק גיוואהרן וייל ער האט זיך דער היצט. דאס קומט אמאהל ניט פון אגזירה. נאר דער מענטש אליין האט אויף זיך גיברייינגט דיא קראנקייט. ער האט זיך גידארפט היטען ער זאל זיך ניט פאר קיהלען אדער ער זאל זיך ניט דער היצען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צנים פחים בדרך עקש ודער קרומער מענטש וואס גייט ניט מיט זיין גלייכע שכל. איהם קען טרעפין אין זיין וועג קעלט אדער היץ שמר נפשו ירחק מהם ואבער דער מענטש וואס וויל היטען זיין לעבין קען ער זיך דער ווייטערין פון דעם. ער זאל זיך ניט פאר קיהלען אונ ניט דער היצען. זעהן מיר אז פון היץ קען מען שטארבען. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן מען מיינט זייא וועלין שטארבען צו עולם הבא. אזוי וויא ריש לקיש האט גזאגט אז משיח וועט קומען וועט ניט זיין קיין גיהנם נאר גאט וועט ארויס נעמען דיא זוהן פון איר שייד אונ זיא וועט היים מאכען דיא וועלט. דיא רשעים וועלין געמשפט ווערין מיט דיא היץ. אונ דיא צדיקים וועלין גיהיילט ווערין דורך דיא היץ. דיא רשעים וועלין געמשפט ווערין מיט דיא היץ. ווארום עס שטייט אין פסוק דער טאג וועט קומען ער וועט ברענען וויא אהויבען אונ דיא רשעים וואס טוהען שלעכטס וועלין זיין אזוי וויא שטרוי אונ דער טאג וואס וועט קומען וועט זייא פאר ברענען אזוי האט גזאגט גאט אז ער וועט ניט לאזן פון דיא רשעים קיין ווארציל אונ קיין צווייג. קיין ווארציל אויף דער וועלט אונ קיין צווייג צו יענע וועלט. אונ דיא צדיקים וועלין גיהיילט ווערין דורך דיא זוהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו אייך צדיקים וואס איר האט מורא פר מיין נאמען וועט שיינען אזוהן פון צדקה וואס זיא וועט ברייינגען מיט אירע פליגול אהיילונג. אונ נאך מער וועט זיין דיא צדיקים וועלן האבען פארגעניגען פון די זוהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר וו.ט ארויס גיין אונ איר וועט פעט ווערין אזוי וויא

גישטאפטע

כעגלי מרבק . דבר אחר מה דגים שבים הגדול מחברו בולעו אף בני אדם אלמלא מוראה של מלכות הגדול מחבירו בולעו , והיינו דתנן רבי חנינא סגן הכהנים אומר הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו : ז (רבי חנינא) [רב חיננא] בר פפא רמי כתיב (איוב לז) שדי לא מצאנוהו שגיא כח וכתיב (תהלים קמז) גדול אדונינו ורב כח וכתיב (שמות טו) ימינך ה' נאדרי בכח . לא קשיא כאן בשעת הדין כאן בשעת מלחמה , ר' חמא בר חנינא רמי כתיב (ישעיה כז) חמה אין לי וכתיב (נחום א) נוקם ה' ובעל חמה לא קשיא כאן בישראל כאן בעכו"ם רב חיננא בר פפא אמר חמה אין לי שכבר נשבעתי מי יתנני שלא נשבעתי ואהיה שמיר ושית במלחמה והיינו דא"ר אלכסנדראי מ"ד (זכריה יב) והיה ביום ההוא אבקש להשמיד את כל הגוים אבקש ממי אמר הקב"ה בניגני שלהם אם יש להם זכות אפדם ואם לאו אשמידם והיינו דאמר רבא מ"ד (איוב ל) אך לא בעי ישלח

סגן שלו וכהן כמו ולא ידע בשם אחד ע"כ . וא"ש כתוס' על הכל בידי שמים וכו' עיין בפ' אלו נערות כי שם כתוב :
לא מצאנוהו שיהא שגיא כח בעת הדין ואם ישגיא כחו יתחייבו כולם כליה . ר' חמא בר חנינא אמר . תרוייהו בישראל וה"ק קרא אע"פ שבעל חמה אני . חמה אין לי. שכבר נשבעתי מקטף עליך: מי יתנני . סופיה דהאי קרא הוא : שמיר ושית : לשון ארץ גזרה וחורבן ודוגמתו השאת והסבר : וסיעו דרבי אלכסנדריא . אדלעיל קאי דאין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו : בניגני שלהן . בספר זכרון מעשיהם : ואם לאו אשמידם . וכדין אפקוד עליהם ולא בהמלה כי אם בדקדוק כדאמרינן לעיל מקדיר עליהם חמה מכהקו אולי יבעטו והיינו נמי דאמר רבא שהקב"ה דן את העובדי כוכבים

גישטאפטע קעלבער . אנדערע זאגן אזוי מיינט מען אזוי וויא דיא פיש וואס אין ים דער גרעסערער שלינגט איין דעם קלענערין . אזוי זענען דיא מענטשין . ווען ניט דיא מורא פון דער מלוכה וואלט דער גרעסערער איין גישלונגען דעם קלענערין . דאס איז וואס מיר האבען גילערנט רבי חנינא סגן הכהנים זאגט יעדער מענטש דארף בעטין דיא מלוכה זאל האבען שלום . וועט זי קענען היטען דיא מדינה . ווארום ווען ניט די מורא פון דער מלוכה וואלט איינער דעם אנדערין לעבעדיג איין גישלונגען :

ז רב חיננא בר פפא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט שדי לא מצאנוהו שגיא כח מיר האבען ניט געפונען אז גאט זאל גרייסען זיין כח ווען ער משפט דיא וועלט . אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט איז גרויס אונ האט פיל כח . אונ אין אדריטען פסוק שטייט גאט דיין רעכטע האנט איז גישטארקט מיט כח . זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא ווען גאט משפט דיא וועלט שטארקט ער ניט זיין כח . ער וויל ניט משפטין דיא וועלט מיט זיין גאנצן כח . ער משפט מיט רחמנות . אונ ווען גאט האלט מלחמה מיט זיינע פיינד משפט ער זייא מיט זיין גאנצען כח . רבי חמא בר חנינא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט זאגט איך האב ניט קיין כעס . אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט טוהט נקמות אונ ער איז אכעסן . ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אויף יודין האט גאט ניט קיין כעס . אונ אויף גוים איז גאט יא אין כעס . רב חיננא בר פפא זאגט ביידע פסוקים שמועסין פון דיא יודין . נאר אזו זאגט גאט אפילו איך בין אכעסן פון דעסטוועגין בין איך אויף די יודין ניט אין כעס ווארום איך האב גישווארין איך זאל אויף זייא ניט זיין אין כעס . הלוואי וואלט איך ניט גישווארין . וואלט איך מיט זייא מלחמה גיהאלטען אונ וואלט פון זייא גימאכט דערנער . דאס איז וואס רבי אלכסנדראי האט גזאגט אז גאט זוכט ניט קיין בלבולים אויף מענטשין ווארום עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג אבקש להשמיד את כל הגוים . האט מען איצט גילערנט אז אבקש איז דער טייטש איך וועל בעטין . דריבער פרעגט דיא גמרא פון וועמען וועט גאט בעטין . ענטפערט דיא גמרא אבקש מיינט מען ניט בעטין . נאר זוכען . גאט זאגט איך וועל זוכען אין דיא ביכער וואו דארט שטייט פאר שריבען אלין וואס זייא האבען גיטאהן . אויב זייא האבען עפעס אזכות וועל איך זייא אויס לייזען . אונ אויב ניט וועל איך זיי פר טיליגען . דאס איז וואס רבא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אך לא בעי ישלח יד אם בפידו להן שוע .

גאט

ישלח יד אב בפידו להן שוע אמר הקב"ה כשאני דן את ישראל איני דן אותם כעכו"ם שכתוב בהם (יחזקאל כא) עוה עוה עוה אשימנה אלא אני פורע מהם מעט מעט כפיד של תרנגולין שמנקרין באשפה ד"א אפילו אין ישראל עושין מצוה לפני אלא מעט כפיד של תרנגולין שמנקרין באשפה אני מצרפן לחשבון גדול שנאמר (איוב ל) אם בפידו להן שוע ד"א בשכר שמשועין לפני אני אושיע אותם והיינו דאמר (רבא) [ר' אבא] מ"ד (הושע ז) ואנכי אפדם והמה דברו עלי כזבים אני אמרתי אפדם בממונם בעוה"ז כדי שיזכו לעה"ב והמה דברו עלי כזבים והיינו דאמר רב פפי משמיה דרבא מ"ד (שם) ואני יסרתי חזקתי זרועותם ואלי יחשבו רע אמר הקב"ה אני אמרתי איסרם ביסורים בעה"ז כדי שיתחזקו זרועותם לעה"ב ואלי יחשבו רע :

ח משתבח להו ר' אבהו לצדוקי בדרב ספרא דאדם גדול הוא שבקו ליה מכסא דתליסר שני יומא חד אשכחוהו אמרו ליה כתיב (עמוס ג) רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם מאן דאית ליה סיסיא ברחמיה מסיק

בפידו: עוה עוה עוה אשימנה. עוי עוה ועוה אשימנה וכן תרגם יונתן חוביהון אגלי בהו ניהון אתפרע מנהון: פיד. פיקלדו"ר בלעז ניקור שמנקרין מעט מעט וכן נפרע מהן מעט מעט בהסתר פנים כדי שלא לכלות לפרוע מעונותיהם כדי שיזכו לעוה"ב: להן שוע. אני אתן להם פדיון כמו ויושע ופריק וכמו ישוע הבן פדיון: והיינו דא"ר א.א. אפדם ישראל בממונם והיינו כפיד תרנגולין כן פורעין מעט מעט ומושך נדקה:
ידעתי. אהבתי כמו וידעך בשם: מאן דאית ליה סיסית. זעם: ברחמיה מסיק ליה. מעלהו על אוהבו. הנס זועפים מתרגמינן והא

---

גאט זאגט אז איך משפט די יודען משפט איך זייא ניט אזוי וויא איך משפט די גוים וואס ביי זייא שטייט עוה עוה עוה אשימנה. ווייל עוה עוה. זייא פר קרימען אונ פאר קרימען. דריבער עוה אשימנה: וועל איך זייא טאהן צוא אפאר קרימונג. ביי יודען טוה איך ניט אזוי. נאר איך וועל אפ גיצאהלט פון זייא ביסלאך וויז: אזוי וויא דער שנאביל פון די העגער וואס זייא פיקען אויף די קערנער פון דעם מיסט. זייא פיקען ביסלאכווייז יעדער קערענדל בזונדער. אזוי שטראפט גאט די יודען ביסלאכווייז זייא זאלן ניט דארפן פאר לענדט ווערן. אנדערע זאגן אזוי זאגט גאט אפילו די יודען טוהען פאר מיר מצות גאר ווייניג אזוי וויא דער שנאביל פון די העגער וואס זייא פיקען די קערנער אויף די מיסט. פון דעסטוועגין וועל איך צו זאמען רעכענען די אלע מצות וואס זייא האבען גיטאהן עס זאל ווערען אגרויסער חשבון: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אם בפידו להן שוע. אפילו זייא האבען מצות ביסלאכווייז צוא זאמען גיקליבען אזוי וויא דער האן קלויבט צו זאמען די קערנער פון מיסט. פון דעסטוועגין וועלן זייא אויך גיהאלפען ווערן. אנדערע זאגן אזוי זאגט גאט ווייל אז די יודען טרעפט עפעס אצרה שרייען זייא נאר פאר מיר. דריבער וועל איך זייא העלפן. דאס איז וואס רבי אבא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ואנכי אפדם והמה דברו עלי כזבים. גאט זאגט איך האב גימיינט איך וועל אויס לייזן די יודען מיט זייער געלט אויף דער וועלט. איך וועל זייא שטראפען מיט געלט זאכען אויף דער וועלט. זייא זאלן קענען זוכה זיין צו עולם הבא. אונ די יודען רייזן אויף מיר ליגען. זייא זאגן אז איך מיין נאר זייער שלעכץ. דאס איז וואס רב פפי האט גזאגט פון רבאס וועגין עס שטייט אין פסוק איך האב זייא גישטראפט איך האב גישטארקט זייערע הענט אונ זייא טראכטען אויף מיר שלעכץ. גאט האט גזאגט איך האב גימיינט איך וועל זיי שטראפן מיט יסורים אויף די וועלט זייערע הענט זאלן גישטארקט ווערען צו עולם הבא. אונ זיי טראכטן אויף מיר שלעכץ:

ח משתבח. רבי אבהו האט גילויבט פאר די אפקורסים אז רב ספרא איז אגרויסער למדן. האבען די אפקורסים גישיינקט צוא רב ספרא פאטאטקעס פון דרייצעהן יאהר. אמאהל האבען די אפיקורסים גיטראפין דעם רב ספרא. האבען זיי גיזאגט צוא אים עס שטייט אין פסוק נאר אייך האב איך ליבער פון אלע משפחות פון דער וועלט דריבער וועל איך אויף אייך בפעלין אלע אייערע זינד. איז דאך אקשיא דער וואס איז אין כעס וועט ער זיין כעס ארויף ווארפ׳ן

מסיק ליה לא הוה בידיה רמו ליה סודרא בצואריה וקא מצערו ליה אתא ר' אבהו אשכחינהו אמר להו אמאי קא מצעריתו ליה אמרו ליה ולא אמרת לן דאדם גדול הוא ולא ידע למימר לן פירושא דהאי פסוקא אמר להו איםור דאמינא לכו בתנאי בקראי מי אמרי לכו אמרו ליה וכאי שנא אתון דידעיתו והוא לא ידע אמר להו אנן דשכיחין גבייכו רמינן אנפשין ומעיינין אינהו לא מעייני בקראי אמרו ליה אימא לן את אמר להו אמשול לכם משל למה"ד לאדם שנושה בשני בני אדם אחד אוהבו ואחד שונאו אוהבו נפרע ממנו מעט מעט שונאו נפרע ממנו בבת אחת :

**דרש** ר' אבא בר כהנא מ"ד (בראשית יח) חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע אמר אברהם לפני הקב"ה חולין הוא לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע . ולא והכתיב (יחזקאל כא) והכרתי ממך צדיק ורשע בצדיק

שאינו

אינן נסיכין. ל"א סוסית סוס בעסקו רע את הוכבו מעלה עליו כדי בימות : נפרע ממנו מעט מעט. כן ישראל נפרע מהן הקב"ה את כל עונותם בעולם הזה כדי בזה ליום הדין ומרשעים אינו נפרע מהם כלל כדי לטרדם מן העוה"ב ופקידם משמע מעט מעט כאדם הפוקד את חבירו לפרקים :

---

וארפין אויף זיין גוטען פריינד . ווייל גאט האט די יודען ליב דריבער וועט ער זייא שטראפען פאר זייערע זינד. האט רב ספרא ניט גיוואסט צו ענטפערן . האבען דיא אפקורסים ארויף גילייגט א האנטוך ארום זיין האלדז אונ האבען אים מצער גיוועזן . זייא האבען אים גיווארגין . איז גיקומען רבי אבהו אונ האט גיטראפען זייא ווענען אים מצער . האט רבי אבהו גיזאגט צו די אפקורסים . פאר וואס זענט איר מצער דעם רב ספרא . האבען דיא אפיקורסים גיזאגט צוא רבי אבהו דוא האסט אונז גיזאגט אז רב ספרא איז א גרויסער למדן אונ ער ווייס ניט צוא זאגין דעם פשט פון דעם פסוק . האט רבי אבהו גיזאגט צוא דיא אפקורסים איך האב נאר גיזאגט אז ער קען גוט לערנען משניות אונ גמרא . אבער אז ער קען גוט לערנען פסוקים האב איך גאר ניט גיזאגט . האבען די אפקורסים גיזאגט צוא רבי אבהו פאר וואס איר קענט יא לערנען פסוקים אונ ער קען ניט לערנען פסוקים . האט רבי אבהו גיזאגט צוא דיא אפקורסים ווייל מיר קומען אריין אלע מאהל צוא אייך אונ מיר ווייסין אז איר וועט אונז פרעגין פסוקים . לערנען מיר פסוקים מיר זאלען וויסען אייך וואס צו ענפערין . אבער דיא רבנן וואס קומען ניט אריין צוא אייך לערנען ניט קיין פסוקים . האבין דיא אפקורסים גיזאגט צו רבי אבהו זאג דוא אונז דעם פשט פון דעם פסוק . האט רבי אבהו גיזאגט צו דיא אפקורסים איך וועל אייך זאגין א משל צוא וואס דיא זאך איז גליך . א מענטש האט א מאהל גיבאנט געלט ביא צוויא מענטשין . איינער איז גיוועזן זיינער א גוטער פריינד . אונ דער אנדערער איז גיוועזן זיינער א שונא . פון זיין גוטען פריינד האט ער אפ גינומען דעם חוב ביסלאכווייז . האט ער אים ניט גימאכן קיין שאדין . פון זיין שונא האט ער אפ גינומען דעם חוב מיט איין מאהל . האט ער ביא אים צוא גינומען זיין גאנץ פארמעגין אונ ער איז געבליבען איין ארעם מאן . גאט האט צוא דיא יודען אויך אזוי גיזאגט ווייל איך האב אייך ליב דריבער שטראף איך אייך ביסלאכווייז אויף יעדער עבירה בזונדער . אייער שכר זאל בלייבין אין גאנצין צוא עולם הבא . אבער צוא אנדערע פעלקער װארט איך ביז די מאס פון זייערי עבירות ווערט פול . דער נאך שטראף איך זיי מיט איין מאהל ביז זייא ווערין פארלענדט :

**דרש** . רבי אבא בר כהנא האט גידרשנט עס שטייט אין פסוק חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע . אברהם אבינו האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם עס איז ניט שיין פאר דיר דוא זאלסט טאהן אזוי אזאך דו זאלסט הרגענען דעם צדיק גליך מיט דעם רשע . פרעגט די גמרא הרגת דען ניט גאט דעם צדיק אזוי וויא דעם רשע . עס שטייט דאך אין פסוק איך וועל פאר שניידין פון דיר דעם צדיק אונ דעם רשע . ענפערט די גמרא דאס איז נאר אז דער צדיק איז ניט קיין אמתר צדיק . פרעגט די גמרא אונ א אמתין צדיק הרגת גאט

ניט

שאינו גמור אבל בצדיק גמור לא. והכתיב (שם ט) וממקדשי תחלו ותני רב יוסף אל תקרי ממקדשי אלא ממקודשי אלו בני אדם שקיימו את התורה כולה מאל"ף ועד תי"ו התם נמי כיון שהיה בידם למחות ולא מיחו הוו להו כצדיקים שאינן גמורים:

י רב פפא רמי כתיב (תהלים ז) ואל זועם בכל יום וכתיב (נחום א) לפני זעמו מי יעמוד לא קשיא כאן ביחיד כאן בצבור, ת"ר ואל זועם בכל יום וכמה זעמו רגע וכו' (עי' ברכות פ"א):

וממקדשי תחלו. גבי ששה מזיקים שבאו להשחית את ירושלים כתיב ביחזקאל: אל זועם בכל יום. ואפילו הכי קיימין וכתיב מי יעמוד: ביחיד. מי יעמוד: בצבור: אף ע"ג דבכל יום זועם מתקיימין: בתלת שעי קמייתא. שעת הדין: דצפרא נמי. בתפלת יוצר: נכרת מצלו. שחרית בכל המקומות ותפלת מוסף הוא ל"ז ומנה כל היום והיא ביחיד שחרית ולצבור בתפלתן הוא (ביחיד) [נבוקר ויש מאחרין]: ואמרת להקב"ה יושב ועוסק בתורה. ביום הן והכא אמרת

(ע"ב) יא אמר רב יוסף לא ליצלי איניש צלותא דמוספי בתלת שעי קמייתא דיומא ביומא קמא דריש שתא ביחיד דילמא כיון דמפקיד דינא דלמא מעייני בעובדיה ומידחי אי הכי דצבור נמי דצבור נפישי זכותייהו אי הכי דיחיד דצפרא נמי כיון דאיכא צבור דקא מצלו לא מידחו והא אמרת שלש ראשונות יושב הקב"ה ועוסק בתורה איפוך אבע"א

---

ניט אזוי וויא דעם רשע. עס שטייט דאך אין פסוק וממקדשי תחלו. האט רב יוסף גילערנט זאלסט ניט לייענען ממקדשי. נאר זאלסט לייענען ממקודשי. איר זאלט אנהייבן הרגנן פון מיינע הייליגע צדיקים. דאס מיינט מען די מענטשין וואס האבען מקיים גיוועזן די גאנצע תורה פון אל"ף ביז תי"ו. זעהן מיר דאך אז גאט הרג'ת די אמתה צדיקים אויך. ענפערט די גמרא דארט איז אויך רעכט ווייל זייא האבען גיקענט ווערין דיא רשעים זייא זאלין ניט זינדיגען אונ זייא האבען ניט גיווערט. היסין זייא אויך ניט קיין אמתה צדיקים:

י רב פפא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט איז אין כעס אלע טאג ואונ פון דעסט וועגין לעבען מיר. איז דאך דער כעס ניט אזוי שטארקו אונ אין אנדערין פסוק שטייט ווער קען בשטיין פאר דעם כעס פון גאט. נאר עס איז ניט קיין קשיא. אז גאט איז אין כעס אויף איין מענטש. קען ער טאקי ניט בשטיין פאר דעם כעס פון גאט אונ ער וועט ניט לעבין. אבער אז גאט איז אין כעס אויף אלע יודען. וועט זייא גאט ניט הרגנן מיט זיין כעס:

יא אמר. רב יוסף האט גיזאגט אמענטש זאל ניט דאווענען מוסף דעם ערשטין טאג ראש השנה פאר זיך אן אמנין. אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. ווייל אין דיא דרייא שעה איז גאט אין כעס: טאמער וועט מען נאך זוכען זיינע מעשים אונ מען וועט זעהן ער האט פיל עבירות וועט מען איהם אוועק שטויסין. מען וועט איהם געבין אשלעכטין משפט. פרעגט דיא גמרא זאל אמנין אויך ניט דאווענען אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. ענפערט דיא גמרא ביי פיל מענטשין וואס דאווענען אלע מיט איין מאהל רעכונט מען צו ג. מען אלע וויא איין מענטש. איז דאך ביי זייא דא פיל מצות. ווערין זיי האבין אגוטין משפט. פרעגט דיא גמרא זאל אמענטש פאר זיך ניט דאווענען דעם ערשטין טאג ראש השנה שחרית אויך אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. ענפערט דיא גמרא ווייל שחרית דאווענען אלע יודין אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. מעג איינער דאווענען פאר זיך אויך. אבער מוסף ווייל עס איז צייט אגאנצען טאג אייטלט מען זיך ניט. דאווענט מען שפעטער וויא דרייא שעה. אונ אז איינער דאווענט מוסף אין דיא ערשטע דריי שעה. איז ער נאר איין. דריבער זוכט מען נאך זיינע מעשים. קען זיין ער זאל שלעכט געמשפט ווערען. פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט דאך אז דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג לערנט גאט תורה אונ דיא אנדערע דריי שעה משפט גאט דיא וועלט. ענפערט די גמרא זאג פאר קערט: דיא ערשטע דריי שעה משפט גאט דיא וועלט. דיא אנדערע דרייא שעה לערנט ער תורה. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן דוא זאלסט ניט זאגן פאר קערט. נאר דיא ערשטע דרייא שעה לערנט גאט תורה. נאר ווייל ביי דער תורה שטייט דער ווארט

אמר

אי בעית אימא לעולם לא תיפוך ותורה דכתיב בה אמת דכתיב (משלי כג) אמת קנה ואל תמכור אין הקב"ה עושה לפנים משורת הדין ודין דלא כתיב ביה אמת עושה הקב"ה לפנים משורת הדין:

יב אמר ריב"ל מ"ד (דברים ז) אשר אנכי מצוך היום לעשותם היום לעשותם ולא למחר לעשותם היום לעשותם ולא היום ליטול שכרם, ואריב"ל כל מצות שישראל עושים בעוה"ז הן באות ומעידות עליהם לעוה"ב שנאמר (ישעיה מג) יתנו עדיהם ויצדקו ישמעו ויאמרו אמת יתנו עדיהם ויצדקו אלו ישראל ישמעו ויאמרו אמת אלו אוה"ע, ואריב"ל כל מצות שישראל עושין בעוה"ז באות וטורפות על פניהם של עכו"ם לעוה"ב שנאמר (דברים ד) ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים וגו' נגד העמים לא נאמר אלא לעיני העמים מלמד שהן באות וטורפות על פניהם לעולם הבא:

יג ואמר ריב"ל לא עשו ישראל את העגל אלא כדי ליתן פתחון פה לבעלי התשובה שנאמר מי

בקמייתא הן: אמת קנה. הואיל הואלות על ת"ח: ואל תמכור. בתנה למוד אהרים: דין לא כתיב ביה אמת. והאי דכתיב משפטי ה' אמת במשפטים הכתובים בתורה ומוב לישראל קא משהעי דלע"ל מייתי כתיב פקודי ה' ישרים. תוספי כל הבנה הן שבח וספור מעשה אבל מוסף ראש השנה מתוך שהוא מתפלל מלכיות זכרונות ושופרות מפקיד דינא טפי ואל יפרוש אדם עצמו מן הצבור:

ולא למחר לעשותם. דאין מצוה לעתיד:

לא עשו ישראל את העגל. כלומר גבורים ושליטים ביצרם היו ולא היו ראויין להתגבר יצרם עליהם

---

אמת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמת זאלסטו קויפען אונ זאלסט ניט פאר קויפען. דאס מיינט מען דוא זאלסט קויפען דיא תורה (אפילו פאר געלט אבער דוא זאלסט ניט פאר קויפען פר געלט נאר זאלסט לערנען מיט אנדערע אומזיסט) וואס זיא איז אמת. דריבער ווען גאט לערנט תורה משפט ער די וועלט נאר מיט אמת אונ ער שיינקט גאר ניט. אבער די אנדערע דבייא שעה ווען גאט משפט דיא וועלט אונ לערנט ניט תורה. ווייל בייא משפט שטייט ניט דער ווארט אמת. שיינקט גאט פון דעם משפט. אונ ער שטראפט ניט דעם מענטש אזוי שטארק:

יב אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אשר אנכי מצוך היום לעשותם. היינט אויף דער וועלט זאל מען טאהן מצות. אבער מארגען אויף יענע וועלט קען מען שוין קיין מצות ניט טאהן. היינט אויף דער וועלט טוהט מען מצות. אבער דעם שכר פר דיא מצות נעמט מען ניט היינט אויף דער וועלט. נאר אויף יענע וועלט. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט אלע מצות וואס דיא יודען טוהען אויף דער וועלט. וועלען דיא מצות קומען אויף יענע וועלט אונ וועלען עדות זאגען אויף דיא יודען אז זיא האבען דיא מצות מקיים גיוועז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלען געבין זייערע עדות אונ וועלען גירעכט בלייבען זייא וועלען הערין אונ וועלען זאגן אמת. זייא וועלען געבין זייערע עדות אונ וועלען גירעכט בלייבן. דאס מיינט מען דיא יודען. דיא יודען וועלען ברייגגען זייערע מצות. אונ דיא מצות וועלען אויף זייא עדות זאגען. וועלען דיא יודען גירעכט בלייבען. אונ דיא גוים וועלען הערין וועלען זייא זאגן עס איז אמת. דיא יודען האבען טאקי מקיים גיוועז דיא מצות. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט אלע מצות וואס דיא יודען טוהען אויף דער וועלט. אז דיא מצוה וועלין קומען אויף יענע וועלט. וועלין זייא שלאגן דיא גוים אויף זייער פנים. פאר וואס זייא האבען ניט מקיים גיוועז דיא מצות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט היטען די מצות אונ איר זאלט זייא טאהן ווארום דאס איז אייער קלוגשאפט אונ אייער פאר שטאנדיגקייט צו דיא אויגען פון דיא פעלקער. עס שטייט ניט געגין דיא פעלקער. נאר עס שטייט צו די אויגן פון דיא פעלקער. דער פסוק זאגט אונז אז די מצות וועלן קומען אויף יענע וועלט אונ וועלען שלאגן די גוים אויף זייער פנים אונ אויף זייערע אויגען:

יג ואמר. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט דיא יודען האבען ניט גימאכט דעם עגל ווייל

(דברים ה) מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים והיינו דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי לא היה דוד ראוי לאותו מעשה ולא ישראל ראויין לאותו מעשה לא היה דוד ראוי לאותו מעשה דכתיב (תהלים קט) ולבי חלל בקרבי ולא ישראל ראויין לאותו מעשה דכתיב מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים גו' ולא עשו אלא (דף ה) לומר לך שאם חטא יחיד אומרים לו כלך אצל יחיד שעשה תשובה אף אתה עשה תשובה אם חטאו צבור אומרים להו לכו אצל צבור שעשו תשובה אף אתם עשו תשובה וצריכא דאי אשמעינן יחיד משום דלא מפרסם חטאיה אבל צבור דמפרסם חטאיה אימא לא צריכא ואי אשמועינן צבור משום דנפישי ברחמי אבל יחיד דלא אלימא זכותיה

אלא גזרת המלך הי' לשטם כס אע"ג כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה שאם יאמר החוטא לא אשוב שלא יקבלוני אמור לו לך ולמד ממעשה העגל שכפרו בעיקר והקבלו בתשובה: מי יתן והיה לבבם זה להם וגו' כל הימים. בכיוי נאמר אלמא גבורים ואמילי לבב בירלתם היו: לאותו מעשה. דבת שבע: לבי חלל. יצה"ר חלל בקרבי ואין לו כח לבלוט בקרבי: לומר לך. גזרת המלך היתה ליתן פתחון פה לשבים: דמפרסם חטאיה.

---

וייל זייא האבען געוואלט דינען עבודה זרה · נאר גאט האט אויף זייא געשטארקט דעם יצר הרע זייא זאלן מאכען דעם עגל אונ זאלן זינדיגען וועלין זייא תשובה טאהן וועט זיי גאט מוחל זיין. וועלין שוין וויסען אלע מענטשין אז מען זינדיגט אונ מען טוהט תשובה איז גאט מוחל · ווארום עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט ווער וואלט געבין אז זייער הארץ זאל אלע מאהל אזוי זיין וויא היינט איזו · אונ זייא זאלן אלע מאהל אזוי מורא האבען פאר מיר וויא היינט. זעהן מיר דאך אז דיא יודען זענען געוועזן פרום אונ האבען מורא גיהאט פאר גאט : דאס איז דיא זעלביגע רייד וואס רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין דוד איז ניט געוועזן אנגיברייט צו טאהן דיא עבירה מיט בת שבע · אונ דיא יודען זענען ניט געוועזן אן גיברייט צו מאכען אעגל · פון וואנען וויסען מיר אז דוד איז ניט געוועזן אן גיברייט צו טאהן דיא עבירה מיט בת שבע · ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט גזאגט ולבי חלל בקרבי · דער יצר הרע וואס אין מיין הארץ איז שוין געשטארבען אין מיר · זעהן מיר אז דוד האט שוין ניט גיהאט קיין תאוה צו אאשה : אונ פון וואנען וויסען מיר אז דיא יודין זענען ניט געוועזן אן גיברייט צו מאכען דעם עגל · ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווער וואלט געבין אז זייער הארץ זאל אלע מאהל אזוי זיין וויא היינט איזו אונ זייא זאלן אלע מאהל אזוי מורא האבען פאר מיר וויא היינט · זעהן מיר אז דיא יודין זענען געוועזן פרום אונ האבען מורא גיהאט פאר גאט · נאר פאר וואס דען האבען דוד אונ דיא יודין גיטאהן דיא עבירות · דאס איז געוועזן אגזירה פון גאט · צו ווייזען פאר דער וועלט אז מען זינדיגט אונ מען טוהט תשובה איז גאט מוחל · אויב איין מענטש זינדיגט זאגט מען צו אים גיי צו דעם איין מענטש צו דוד ער האט אויך געזינדיגט אונ האט גיטאהן תשובה האט מען איהם מוחל געוועזן · טוה דוא אויך תשובה וועט מען דיר אויך מוחל זיין. אונ אויב פיל יודין צו זאמען האבען גיטאהן אעבירה · זאגט מען צו זייא גייט צו דיא פיל יודען וואס האבען גימאכט דעם עגל אונ זיי האבען גיטאהן תשובה האט מען זייא מוחל געוועזן · טוהט איר אויך תשובה וועט מען אייך אויך מוחל זיין · זאגט דיא גמרא ביידע דוד אונ דיא יודין האבען אונז גידארפט לערנען אז תשובה העלפט : ווארום פון דוד וואלט איך נאר אפ לערנען אז תשובה העלפט פאר איין מענטש וואס האט געזינדיגט · וייל קיינער וויים ניט פון דיא עבירה · איז ניטא קיין חילול השם : אבער אז פיל יודען זינדיגען מיט איין מאהל · וויסען אלע פון דיא עבירה איז אחילול השם · וואלט איך מיינען צו זייער עבירה העלפט ניט קיין תשובה · דריבער לערנען מיר אפ פון דיא יודען וואס האבען גימאכט דעם עגל · אזוי וויא צו זייא האט גיהאלפען תשובה · אזוי העלפט תשובה אלע מאהל אפילו צו פיל יודען וואס זינדיגען · אונ פון דיא יודין אליין אן דוד וואלטין מיר גזאגט צו פיל מענטשין העלפט יא תשובה וייל ווען פיל מענטשין בעטין ווערט זייער תפלה אן

נעגטע

זכותיה אימא לא צריכא . והיינו דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (שמואל ב כג) נאם דוד בן ישי ונאם הגבר הוקם על שהקים עולה של תשובה :

**יד** **א"ר** שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל העושה מצוה אחת בעה"ז מקדמתו והולכת לפניו לעה"ב שנאמר (ישעיה נח) והלך לפניך צדקך . וכל העובר עבירה אחת בעה"ז מלפפתו ומוליכתו ליום הדין שנאמר (איוב ו) ילפתו ארחות דרכם יעלו בתהו ויאבדו . ר' אלעזר אומר קשורה בו ככלב שנאמר (בראשית לט) ולא שמע אליה לשכב אצלה. להיות עמה לשכב אצלה בעוה"ז להיות עמה לעה"ב :

**טו** **אמר** ר"ל בואו ונחזיק טובה לאבותינו שאלמלא לא חטאו אנו לא באנו לעולם שנאמר (תהלים פב) אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם חבלתם מעשיכם אבן כאדם תמותון למימרא דאם לא חטאו לא היו מולידים והכתיב (בראשית ט) ואתם פרו ורבו עד סיני בסיני נמי הא כתיב (דברים ה) לך אמור להם שובו לכם לאהליכם לשמחת

ואיכא הלוך הכא אימא לא ליקבלו :
מלפפתו . מעטפתו לשון מלבוש כמו מלפפין את התינוק בצבת :
אלהים . בעשו העגל : לא באנו לעולם . הרי כמלאכי השרת ולא יולידו בנים :
אלהים . בנים היו כבר בשעת עמידתן בסיני :
לשמחת עונה . בשעה שנאסר להם אל תגשו

---

גענומען . אבער אז איין מענטש האט געזינדיגט העלפט איהם ניט קיין תשובה ווייל זיין זכות איז ניט אזוי שטארק. דריבער לערנען מיר אפ פון דוד אונ פון דיא יודין אז תשובה העלפט פאר איין מענטש אונ פאר פיל מענטשין , דאס איז וואס רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין עס שטייט אין פסוק דאס איז דיא רייד פון דוד דער זוהן פון ישי אונ דאס איז דיא רייד פון דעם מענטש הוקם על . וואס ער האט אויף געשטעלט דעם יאך פון תשובה . ער האט געוויזען אז א מענטש זאל תשובה טאהן וועט איהם גאט מוחל זיין די עבירות :

**יד** אמר . רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס טוהט אפילו נאר איין מצוה אויף דער וועלט . אז דער מענטש שטארבט אונ קומט אויף יענער וועלט גייט דיא מצוה פאר איהם פאר אויס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיין פרומקייט וועט גיין פאר דיר פאר אויס . אונ דער וואס טוהט אפילו נאר איין עבירה אויף דער וועלט . אז ער שטארבט אונ קומט אויף יענער וועלט . וויקעלט זיך דיא עבירה ארום איהם אונ פירט איהם צום משפט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ילפתו ארחות דרכם יעלו בתהו ויאבדו . דיא מענטשין וואס נעמען אן זייערע וועגין וזייא גייען אין דיא וועגין פון דיא רשעים . וועלין זייא אויך גיין אין פאר וויסטונג אונ וועלין פר לארן ווערין . רבי אלעזר זאגט די עבירה איז צו געבונדען צו דעם מענטש אזוי וויא א הונט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי יוסף ער האט ניט צוא געהערט צו איהר צו ליגען ביי איר צו זיין מיט איר . צו ליגען ביי איר אויף דער וועלט אונ צו זיין מיט איר אויף יענע וועלט . ווארום אז יוסף וואלט מזנה גיוועזען מיט די ווייב פון פוטיפר . וואלט די עבירה גיוועזען צו געבונדין צו איהם אויף יענע וועלט :

**טו** אמר . ריש לקיש האט געזאגט מיר דארפען דאנקען אונזערע עלטערין וואס זיי האבען געמאכט דעם עגל . ווארום אז זייא וואלטין ניט געזינדיגט . וואלטין זייא גיוועזן אזוי וויא מלאכים . אונ וואלטין ניט גיבארען קיין קינדער . וואלטען מיר ניט געקומען אויף דער וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטראכט איר זענט שוין אזוי וויא מלאכים אונ איר אלע זענט אזוי וויא די אויבערשטע קינדער . אבער אז איר האט פאר דארבען אייערע מעשים וועט איר שטארבן אזוי וויא מענטשין . פרעגט דיא גמרא אז דיא יודען וואלטען ניט געזינדיגט מיט דעם עגל וואלטין זייא ניט גיבארן קיין קינדער. עס שטייט דאך אין פסוק איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין . האט דאך גאט פאר באטען מען זאל האבען קינדער . ענטפערט

דיא

לשמחת עונה והכתיב (שם) למען ייטב להם ולבניהם לעולם לאותם העומדים על הר סיני , והאר"ל כ"ד (בראשית ה) זה ספר תולדות אדם וכי ספר היה לו לאדם הראשון אלא מלמד שהראה הקב"ה לאדה"ר דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו דור דור ופרנסיו כיון שהגיע לדורו של רבי עקיבא שמח בתורתו ונתעצב במיתתו אמר (תהלים קלט) ולי מה יקרו רעיך אל מה עצמו ראשיהם , וא"ר (אסי) [יוסי] אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף שנאמר (ישעיה נז) כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי לא תימא אנו לא באנו לעולם אלא אימא כמי שלא באנו לעולם . למימרא דאי לא חטאו לא הוו מייתי והא כתיבי פרשת יבמות ופרשת נחלות , על תנאי

אי אפשי : עד שיכלו וכו'. אוצר יש ושמו גוף ומבראשית נוצרו כל הנשמות שעתידין לנולד ונתנם לשם : כי לא לעולם אריב . לאחר זמן הגאולה: ולא לנצח אקצף . מלגאול : כי רוח . אשר לפני ונשמות שבגוף הוא יעטוף הוא המאמר כמו העטופים ללבן ונשמות אני עשיתי : כמי שלא

---

דיא גמרא דאס איז נאר געווען אמצוה ביז צו דער צייט וואס יודין זענען געקומען צום בארג סיני . פרעגט דיא גמרא ווען דיא יודען זענען געשטאנען ביי דעם בארג סיני האט דאך גאט געזאגט צו משה גיי זאג צו די יודען גייט צוריק צו אייערע געצעלטען ; דאס מיינט מען צו אייערע ווייבער . געוויס מיינט מען זיא זאלען געבארן קינדער . ענטפערט די גמרא מען מיינט נאר צוא תשמיש המטה זאלען זייא קומען צו דיא ווייבער . אבער קינדער וואלטין זייא ניט געבארען . פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק עס זאל גוט זיין צו זיי און צו זייערע קינדער אויף אייביג . ענטפערט דיא גמרא דאס מיינט מען עס זאל גוט זיין צו דיא קינדער וואס זענען שוין געבארען געווארן און זענען געשטאנען אויף דעם בארג סיני . אבער נייע קינדער וואלטען זייא ניט געבארן ; פרעגט דיא גמרא ריש לקיש האט דאך געזאגט עס שטייט אין פסוק דאס איז דער ספר פון דיא קינדער פון אדם . האט דען אדם הראשון געהאט א ספר . נאר דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט געוויזען צו אדם הראשון די דרשנים פון יעדער דור . און דיא חכמים פון יעדער דור . און דיא פירערס פון יעדער דור . ווי אדם הראשון איז געקומען צוא דעם דור פון רבי עקיבא ; האט זיך אדם הראשון געפרייט מיט דיא תורה פון רבי עקיבא . ער האט אבער געטרויערט אז ער האט געזעהן מיט וואס פאר א טויט רבי עקיבא וועט שטארבען . האט אדם הראשון געזאגט דעם פסוק ולי מה יקרו רעיך אל . גאט וויא טייער זענען בייא מיר דיינע פריינד . ודאס מיינט מען דיא יודען וואס זיי זענען די פריינד פון גאט זייא האבען איהם ליב) מה עצמו ראשיהם . וויא שטארק זענען דיא ערצטע זייערע . דיא פירערס פון דיא יודען . און דיא רבנים זייערע זעהט מיר דאך פון דאנען אז צו דיא יודען איז געווען אנגעברייט מענטשען זאלען געבארען ווערין נאך דעם וויא מען האט זייא געגעבן דיא תורה . און רבי יוסי האט געזאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועלין זיך אויס לאזין אלע נשמות וואס זענען דא אין דעם אוצר וואס הייסט גוף . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי לא לעולם אריב . ניט אויף אייביג וועל איך קריגען און ניט אויף אייביג וועל איך צערנען נאר דיא נשמות וואס זענען פאר מיר . דיא נשמות וואס איך האב בשאפען זייא פאר שפעטיגען אייער אויסלייזונג . איר וועט אנדערש ניט אויס געלייזט ווערין ביז עס וועלין געבארען ווערין אזוי פיל מענטשין וויא פיל נשמות עס איז דא אין דעם אוצר וואס הייסט גוף . זעהן מיר דאך אז נאך דעם וויא דיא יודען האבען גענומען דיא תורה מוזען נאך אויך מענטשין געבארען ווערין . ענטפערט דיא גמרא דוא זאלסט ניט זאגען מיר וואלטין ניט געקומען אויף דער וועלט . נאר זאג עס וואלט געווען גלייך וויא מיר וואלטען ניט געקומען אויף דער וועלט . ווייל יענע מענטשין וואלטען געלעבט אייביג און מיר געגין זייא וואלטען געווען גירעכנט וויא גאר ניט . פרעגט די גמרא אז די יודען וואלטען ניט געזינדיגט מיט דעם עגל וואלטען זייא ניט געשטארבען . עס שטייט דאך אין דער תורה דיא פרשה פון יבמין (אז איינער וועט שטארבען אן קינדער . זאל דער ברודער נעמען זיין ווייב) . און

בלבם לעולם. לפי שכן היו חיים לעולם וכל זמן שהם קיימים אין אנו חשובים כלום:
הא לא קבלו ישראל את התורה. הוי בומע מכאן אלא לקבל בכך היוה נשיה"ו הגא אלא תהא תימה ולשון שולטת בהן וזו היא טובה הכתובה כאן למען ייטב להם: הוא דאמר. ר"ל: עניות.

תנאי. ומי כתיב קרא על תנאי. אין כדאמר ר"ל (בראשית א) ויהי ערב ויהי בקר יום הששי מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית ואמר אם ישראל מקבלין את התורה מוטב ואם לאו הריני מחזיר אתכם לתהו ובהו:

**מיז מיתיבי** (דברים ה) מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי וגו' לבטל מהם מלאך המות אי אפשר שכבר נגזרה גזירה. הא לא קבלו ישראל את התורה אלא כדי שלא תהא אומה ולשון שולטת בהם שנאמר (שם) למען ייטב להם ולבניהם לעולם הוא דאמר כי האי תנא דתניא ר' יוסי אומר לא קבלו ישראל את התורה אלא כדי שלא יהא מלאך המות (ואומה ולשון) שולטת בהם שנאמר (תהלים פב) אני אמרתי אלהים אתם וחבלתם מעשיכם אכן כאדם תמותון וכאחד השרים תפולו. ור' יוסי נמי הא כתיב

---

עס שטייט דיא פרשה פון ירושה. אז איינער שטארבט ווער עס זאל איהם ירשנען. זעהן מיר דאך אז מען וועט יא שטארבען. ענטפערט דיא גמרא דיא פרשיות זענען געשריבען געווארען אויף אתנאי. אויב מען וועט זינדיגען וועט מען שטארבען. פרעגט דיא גמרא שרייבט דען די תורה אפסוק אויף אתנאי. ענטפערט דיא גמרא יא. אזוי וויא ריש לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי. האט גידארפט שטיין יום ששי. און אה. פאר וואס שטייט הששי מיט אה. נאר דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט אוים גענומען אתנאי מיט די אלע זאכען וואס ער האט בשאפען אין דיא זעקס טעג. אונ ער האט גזאגט צו זייא אויב דיא יודען וועלין אן נעמען די תורה איז גוט. וועט איר אלע בלייבען. אונ אויב די יודען וועלען ניט אן נעמען דיא תורה. וועל איך אייך צוריק מאכען וויסט אזוי וויא איר זענט גיוועז. אונ הי איז פינף. ששי איז דער זעקסטער. דאס ווייזט אויף די פינף ספרים פון דער תורה וואס זענען גיגעבין גיווארן דעם זעקסטין טאג אין סיון:

מיז מיתיבי. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק ווער וואלט געבין זייערע הערצער זאלין אזוי זיין זייא זאלען פאר מיר מורא האבין אייביג. גאט האט גיזאגט. צו נעמען דעם מלאך המות פון זייא. זייא זאלין ניט שטארבין. דאס קען מען ניט. ווארום עס איז שוין איין מאהל אויף זייא גגזר גיווארען זייא זאלען שטארבען. דיא יודין האבין נאר גינומען דיא תורה זייא זאלען נישט מער זיין אין גלות. עס זאל אויף זייא קיין פאלק ניט גיוועלטיגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאל גוט זיין צוא זייא אונ צו זייערע קינדער אייביג. זעהן מיר דאך אז אפילו דיא יודען וואלטען ניט זינדיגען וואלטען זייא אויך שטארבען. ענטפערט דיא גמרא ריש לקיש זאגט אזוי וויא דער תנא. ווארום מיר האבען גילערונט רבי יוסי זאגט די יודין האבען מער ניט גינומען דיא תורה נאר דערי מלאך המות זאל אויף זייא ניט גיוועלטיגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיזאגט איהר וועט זיין אזוי וויא דיא מלאכים. איהר האט פארדארבין אייערע מעשים דריבער וועט איהר שטארבין אזוי וויא מענטשין. אבער אז זיי וואלטען ניט געזינדיגט וואלטען זייא נישט גישטארבען. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי זאגט רבי יוסי אז יודען האבען גינומען דיא תורה זייא זאלען ניט שטארבען. עס שטייט דאך אין פסוק עס זאל גוט זיין צו זייא אונ צו זייערע קינדער אויף אייביג. גוט וועט זייא זיין אבער שטארבין וועלין זייא. זאגט דיא גמרא רבי יוסי וועט דיר ענפערען אז מען זאגט עס וועט גוט זיין מיינט מען מען וועט ניט שטארבין. ווארום וואס קען דען זיין אגרעסערע טובה וויא ניט שטארבין. פרעגט דיא גמרא דער ערשטער תנא וואס זאגט ווען יודען האבען גינומען דיא תורה האט מען זיי נאר צו גיזאגט עס זאל זייא גוט זיין. אבער שטארבין וועלין זייא. פאר וואס שטייט אין פסוק נאט האט גיזאגט איהר האט געזינדיגט וועט איהר שטארבען וויא אלע מענטשין. אז זיי וואלטען

ניט

כתיב למען ייטב להם ולבניהם לעולם טובה הוא דהויא לעולם הא מיתה איכא אמר לך כיון דליכא מיתה אין לך טובה גדולה מזו ות"ק הא כתיב אכן באדם תמותון מאי מיתה עניות דאמר מר ארבעה השובים כמתים עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים עני דכתיב (שמות ד) כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך ומאן נינהו דתן ואבירם והא חיו כיון שירדו מנכסיהן עשאן הכתוב כמתים. מצורע דכתיב (במדבר יב) אל נא תהי כמת. סומא דכתיב (איכה ג) במחשכים הושיבני כמתי עולם. מי שאין לו בנים דכתיב (בראשית ל) הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי:

שמתהפכו שלטו בהם מלכיות שמבלים את ממונם כי היום בוהים לאכול: דתן ואבירם. דאמר מר כל מקום שנאמר נצים נצבים אינן אלא דתן ואבירם והכא במבקשי נפשו כתיב נצים כיום הזה עניים שהלבינו עליו:

כפויי טובה. אינם מכירים הטובה להחזיק לבעליה:

בלחם הקלקל. קל הוא המן ומפני שהיה נבלע בכל האברים ואינם יוצאים למון קראוהו קלוקל ורגנו על כך והיא היתה להם טובה גדולה שלא היו צריכין לעזרות ולילך ג' פרסאות להפנות כדתניא כשהיו נפנין אין נפנין לא לצדיהם ולא לפניהם אלא לאחריהם ומחנה ישראל שלשה פרסאות היה:

**יז ת"ר** (דברים ה) מי יתן והיה לבבם זה להם אמר משה לישראל כפויי טובה בני כפויי טובה בשעה שאמר הקב"ה לישראל מי יתן והיה לבבם זה להם היה לכם לומר תן לנו אתה כפויי טובה הם דכתיב (במדבר כא) ונפשנו קצה (ע"כ) בלחם הקלקל. בני

---

ניט געזינדיגט וואלטען זייא דאך אויך געשטארבין. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ניט שטארבען. נאר מען מיינט ארעם ווערין. אז זייא ווערין זינדיגען וועלין זייא ארעם ווערין. ווארום דער תנא האט גיזאגט פיר ערלייא מענטשין זענען אזוי וויא טויטע. ארעמע אונ קרעציגע אונ בלינדע אונ דיא וואס האבין ניט קיין קינדער. פון וואנען ווייסין מיר אז אארעם מאן איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו משה די אלע מענטשין וואס האבען גיוואלט מען זאל דיך הרגנן זענען גישטארבין. ווער זענען גיוועזן דיא מענטשין וואס האבין גיוואלט מען זאל משה הרגנן. דאס איז גיוועזן דתן אונ אבירם. איז דאך אקשיא זייא האבין דאך גילעבט אין דער צייט אונ נאך אלאנגע צייט שפעטער אויך. נאר וויל זייא זענען גיווארען ארעמע לייט. רעכונט זייא דער פסוק פאר טויטע. פון וואנען ווייסין מיר אז אקרעציגער איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען מרים איז קרעציג גיווארין. האט אהרן גיזאגט צו משה זיא זאל ניט זיין אזוי וויא אטויטע. פון וואנען ווייסין מיר אז אבלינדער איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט מיך גיזעצט אין דער פינסטער אזוי וויא דיא טויטע. פון וואנען ווייסין מיר אז דער וואס האט ניט קיין קינדער איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק רחל האט גיזאגט צו יעקב גיב מיר קינדער אונ אויב ניט בין איך ווי אגישטארבענע:

**יז** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערענט עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט ווער וואלט געבין דיא יודען זאלען אלע מאהל האבין אזוי אגוטע הארץ וויא היינט. האט משה גיזאגט צו דיא יודען איהר פאר לייקונט אטובה אונ איהר זענט קינדער פון אזעלכע מענטשין וואס זייא פאר לייקענען אויך אטובה. ווען גאט האט גיזאגט צו אייך יודען ווער וואלט געבין דיא יודען זאלען אלע מאהל האבין אזוי אגוט הארץ וויא היינט. האט איהר גידארפט זאגן צו גאט גיב אונז דו מיר זאלען האבין אגוט הארץ. פון וואנען ווייסין מיר אז די יודען פארלייקענען אטובה. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ אונזערע נפשות פאר מיאוסין דעם גרינגען ברויט ווייל מן איז גיוועזן אגרינגער ברויט ער איז איין גיזאפט גיווארין אין זייערע גלידער אונ זייא האבען ניט גידארפט ארויס גיין. אונ דאס האט גאט גיטאהן פון זייער טובה וועגין. זייא זאלען נישט דארפען ארויס גיין פון דיא גאנצע מחנה וואס זיא איז גיוועזן לאנג דרייא מייל. אונ דיא יודען ניט געניג וואס זייא האבין ניט בקענט דיא טובה. נאך זענען זייא ביז גיוועזן אויף גאט פאר וואס ער האט זייא גיגעבין דעם מן. אונ זייערע עלטערין האבין אויך פארלייקנט דיא טובה

בני כפויי טובה דכתיב (ב"אשית ג) האשה אשר נתתה עמדי וגו' אף משה רבינו לא רמזה להם לישראל אלא לאחר ארבעים שנה שנאמר (דברים כט) ואולך אתכם ארבעים שנה במדבר וגו' וכתיב (שם) ולא נתן ה' לכם לב לדעת אמר (רבא) [רבה] ש"מ לא קאים אינש אדעתא דרביה עד ארבעין שנין:

(שם ע"א) **יה ת"ר** (ויקרא כו) אם בחקותי תלכו אין אם אלא לשון בקשה וכן הוא אומר (תהלים פא) לו עמי שומע לי ישראל בדרכי יהלכו כמעט אויביהם אכניע וגו' ואומר (ישעיה מח) לוא הקשבת למצותי ויהי כנהר שלומך וגו':

נתתה עמדי. לשון גנאי שתלה הקלקול במתנתו של מקום וזהו עשאה לו לעזר: לא רמזה. לתוכחה זו אלא לארבעים שנה כמשנה תורה בערבות מואב אמר להם ולא נתן לכם לב לדעת שתהיו יודעים לשאול למה היה הקב"ה מבקש מכם אלמא אף משה רבינו לא הבין לתת על לבו דבר זה עד ארבעים שנה: לא קאי איניש אדעתא דרביה. לדעת סוף חכמתו עד מ' שנה שהרי משה לא רמזה לישראל עד ארבעים שנה:

וכן הוא אומר. שהקב"ה מתחנן לפניהם שישמרו את התורה: לו עמי. הייא תחנה כמו לו יהי כדברך:

משלחי רגל. משלחים ומשליכים רגלי יצה"ר הבא על האדם מעליהם. יצה"ר קרוי ארח כדאמר ויבא הלך לאיש העשיר:

(ע"ב) **יט אמר** רבי יוחנן משום רבי בנאה מאי דכתיב (ישעיה לב) אשריכם זורעי על כל מים משלחי רגל השור והחמור אשריהם ישראל שבזמן שהם עוסקים בתורה ובגמילות חסדים יצרם מסור בידם ולא הם מסורים ביד יצרם שנאמר אשריכם

---

טובה: ווארום עס שטייט אין פסוק אדם הראשון האט גיזאגט צו גאט דיא ווייב וואס דוא האסט מיר גיגעבין זיא האט מיר גיגעבין פון עץ הדעת האב איך גיגעסין (ווען דוא וואלסט מיר ניט גיגעבין דאס ווייב וואלט איך ניט געזינדיגט) . אונ גאט האט איהם גיגעבין דיא ווייב פון זיין טובה וועגין . אונ ער האט ניט בקענט דיא טובה . אונ משה רבינו האט ניט דר מאנט דיא יודין (פאר וואס זיי האבין ניט גיזאגט צו גאט גיב דוא אונז אגוט הארץ) ביז נאך פערציג יאהר . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צו דיא יודען איך האב אייך געפירט פערציג יאהר אין דער מדבר אונ גאט האט ניט גיגעבין צו אייך אהארץ צו וויסען (פאר וואס האט גאט גיזאגט צו אייך ווער וואלט געבין איהר זאלט האבין אגוט הארץ) . איהר זאלט ענפערען גיב דוא . אונ דאס האט איהר ניט פארשטאנען . אונ משה רבינו האט אויך ניט פר שטאנען וואס גאט האט גימיינט . ביז איצט נאך פערציג יאהר האט זיך משה דער מאנט וואס גאט האט גיזאגט פאר פערציג יאהר פריער ווער וואלט געבין דיא יודען זאלען האבען אגוט הארץ אייביג · האט גאט גימיינט די יודען זאלען ענפערין גיב דוא . האט רבה גיזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז עס קען אמאהל אוועק גיין פערציג יאהר ביז דער תלמיד זאל וויסען וואס דר רבי האט גיזאגט :

**יה** תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק אם בחקותי תלכו . דער ווארט אם איז דער טייטש בעטין . גאט האט גיזאגט צו דיא יודען איך בעט אייך איהר זאלט גיין אין מיינע חוקים . מיר געפינען נאך אמאהל אז גאט בעט דיא יודען זייא זאלען זיין פרום : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הלואי זאל מיין פאלק מיך צו הערין הלואי וואלטען דיא יודען גיין אין מיינע וועגין דאס קלענסטע טובה וואלט גיוועזן וואס איך וואלט אונטערטעניג מאכען זייערע פיינד . נאך זאגט דער פסוק הלואי וועלסטו פאר נומען מיינע גיבאט וועט זיין דיין פרידען אזוי וויא דער טייך . אזוי וויא דער קוואל הערט ניט אויף צו געבין זיינע וואסער . אזוי וואלט ניט אויפהערין דיין פרידען :

**יט** אמר . רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי בנאה וועגין עס שטייט אין פסוק וואוהל צו אייך וואס איר זייעט אויף אלע וואסער זייא שיקען דיא פיס פון אקס אונ פון איזיל . וואוהל צו דיא יודען ווען זייא לערנען תורה אונ טוען גמילות חסדים איז דער יצר הרע איבער גיגעבין אין זייער האנט אונ ניט זייא זענען איבער גיגעבן אין דיא האנט פון יצר הרע . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פאר זייעט צו אייך אויף צדקה (אזוי וויא אמענטש פאר זייעט אקארין קארין) וועט

דאך

אשריכם זורעי על כל מים ואין זריעה אלא צדקה שנאמר (הושע י) זרעו לכם לצדקה ואין מים אלא תורה שנאמר (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים משלחי רגל השור והחמור . תנא דבי אליהו לעולם ישים אדם עצמו על דברי תורה כשור לעול וכחמור למשאוי :

וכולן שחזרו . לגזלנין ועמי הארץ קאי : אין מקבלין אותן . להחזיק בתורת חברות לבמוך

(דף ז) **כ** **תנו** רבנן הנשאל לחכם וטמא לא ישאל לחכם ויטהר נחכם ואסר לא ישאל לחכם ויתיר היו שנים אחד מטמא ואחד מטהר אחד אוסר ואחד מתיר אם היה אחד מהם גדול מחברו בחכמה ובמנין הלך אחריו ואם לאו הלך אחר המחמיר . ר' יהושע בן קרחה אומר בשל תורה הלך אחר המחמיר בשל סופרים הלך אחר המיקל :

**כא** **תנו** רבנן וכולן שחזרו בהן אין מקבלין אותן עולמית דברי רבי מאיר רבי יהודה אומר חזרו בהן במטמוניות אין מקבלין אותן בפרהסיא מקבלין אותן

א"ד

---

דאך פון דעם קארן ארויס וואקסען פיל קארן . אונ מען זאל דיא פיל קארן פאר זייען וועט ארויס וואקסען נאך פיל אונ פיל תבואה . ביי צדקה איז אויך אזוי . א מענטש גיט צו אארעם מאן אגילדין צדקה האט ער דעם ארעם מאן מיט זיין ווייב אונ קינדער דער האלטען ביי זייער לעבין . רעכענט מען ניט דעם גילדין וואס ער האט גיגעבען . נאר מען רעכונט ער הט לעבעדיג גימאכט נפשות . אונ דיא נפשות האבען גיבארען נאך נפשות . אונ אזוי ווייטער ביז אייביג אונ דאס ווערט ארץ גירעכונט אויף זיין נאמען . אונ וואסער מיינט מען תורה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלע דארשטיגע זאלן גיין צום וואסער . דער וואס איז דארשטיג צו דינען גאט זאל ער לערנען תורה . דיא תורה אונ דיא צדקה שיקען אוועק פון דעם מענטשין דיא פיס פון דעם אקס אונ פון דעם אייזיל . דאס מיינט מען דעם יצר הרע . וואס ער פאר שטאפט דעם שכל פון דעם מענטש ער זאל לעבין אויף דער וועלט אזוי וויא אאקס אונ אזוי וויא אאייזל . אין דעם ספר תנא רבי אליהו שטייט א מענטש זאל אויף זיך ארויף נעמען די משא פון דער תורה אזוי ווי דער אקס טראגט אויף זיך דעם יאך פון האקער . אונ אזוי ווי דער אייזיל טראגט אויף זיך די משא פון די סחורה :

**כ** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט אז איינער פרעגט א שאלה ביי א מורה הוראה . אונ דער מורה הוראה זאגט דיא זאך איז טמא . טאר ער ניט גיין פרעגין די זעלביגע שאלה צו איין אנדער מורה הוראה טאמער וועט ער זאגן עס איז טהור . אדער ער האט גיפרעגט א שאלה ביי א מורה הוראה אונ ער האט גזאגט עס איז אסור . טאר ער ניט גיין פרעגין דיא זעלביגע שאלה צו איין אנדער מורה הוראה טאמער וועט ער זאגן עס איז מותר . אויב איינער איז געקומען פרעגין א שאלה אונ עס זענען גיזעסן צוויי מורה הוראות . איינער האט גזאגט די זאך איז טמא אונ איינער האט גזאגט די זאך איז טהור . אדער איינער האט גזאגט דיא זאך איז אסור אונ איינער הט גזאגט די זאך איז מותר . אויב איינער איז גיוועזן גרעסער פאר דעם אנדערין מיט חכמה אונ מיט מער תלמידים . זאל מען פסקנן וויא ער . אונ אויב זייא זענען גיוועזן ביידע גלייך אין חכמה אונ אין תלמידים זאל מען פסקנן וויא דער וואס זאגט טמא אונ אסור . רבי יהושע בן קרחה זאגט אויב זיי קריגען אין א דין וואס שטייט אין דער תורה . זאל מען פסקנן ווי דער וואס זאגט מען טאר ניט . אונ אויב זיי קריגען אין א דין וואס די רבנן האבען גזאגט . זאל מען פסקנן ווי דער וואס זאגט מען מעג :

**כא** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט גזלנים אונ עמי הארצים וואס פלעגין ניט געבין תרומה אונ מעשרות . אונ זייא האבען תשובה גיטאהן . דער נאך איז ער צוריק גיווארן א גזלן אונ דער עם הארץ וויל שוין נאך אמאהל ניט געבין תרומה אונ מעשר . אז זיי ווילען נאך אמאהל תשובה טאהן . נעמט מען זייא שוין ניט אן פאר פרום אונ מען גלויבט זיי ניט . אזוי זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט אויב זיי טוהען תשובה פאר זיך אין דער שטיל . נעמט מען

גיט

א"ד עשו דבריהם במטמוניות מקבלין אותן בפרהסיא (ע"ב) אין מקבלין אותן ר"ש ור' יהושע בן קרחה אומרים בין כך ובין כך מקבלים שנאמר (ירמיה ג) שובו בנים שובבים א"ר יצחק איש כפר עכו א"ר יוחנן הלכתא כותיה דהני זוגא (כוותיה דהזוג):

**כב תניא** ר' אליעזר אומר שואל אדם צרכיו ואח"כ יתפלל שנאמר (תהלים קב) תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו וגו' ואין שיחה אלא תפלה שנאמר (בראשית כד) ויצא יצחק לשוח בשדה, ר' יהושע אומר יתפלל ואח"כ ישאל צרכיו שנאמר (תהלים קמב) אשפוך לפניו שיחי צרתי לפניו אגיד . ור' אליעזר נמי הכתיב אשפוך לפניו שיחי ה"ק אשפוך לפניו שיחי בזמן שצרתי לפניו אגיד, ור' יהושע נמי הכתיב תפלה לעני כי יעטוף ה"ק אימתי תפלה לעני בזמן שלפני ה' ישפוך שיחו . ככדי קראי לא כמר דייקי ולא כמר דייקי במאי קמיפלגי כדדרש ר' שמלאי לעולם יסדר אדם שבחו של מקום

עליהם: עשו דבריהם. בסתר עבירות שבידן שמכרו עד הנה: בפרהסיא. בגלוי ופקרו כ"כ שוב אין נותנין לבן לבוא בתשובה שלמה: שובבים. משמע מזידים ופרהסיא לשון מרד וגלוי כמו וילך שובב בדרך לבו:
ואח"כ יתפלל. י"ח: כי יעטוף. עטיפת נפשו ודאגת לבו יתפלל התלה והדר לפני ה' ישפוך שיחו שמונה עשרה. עטיפה לשון כאב ופריחת לב מתוך צרה כמו בהתעטפם כחלל: לשוח בשדה. תפלת המנחה תיקן. בפרק תפלת השחר: בזמן שצרתי לפניו אגיד. כבר קודם לכן: לא כמר דייק וכו'. דלא איכא לשנויי הכי והכי: יסדר

---

גיט אן זייער תשובה: אבער אז זיי ווענען זיך מתודה פאר אלע מענטשין אויף זייערע עבירות אונ טוהען תשובה. נעמט מען אן זייער תשובה. אונ מען גלויבט זייא. אנדערע זאגן אזוי האט רבי יהודה גזאגט אויב זייא האבען געטאהן זייערע עבירות אין דער שטיל, נעמט מען אן זייער תשובה. אבער אז זייא האבען געטאהן זייערע עבירות עפענטליך פאר אלע מענטשין. נעמט מען ניט אן זייער תשובה. רבי שמעון אונ רבי יהושע בן קרחה זאגן וויא זייא האבען געטאהן האבען זייא געטאהן אונ אז זייא טוהען תשובה נעמט מען זיי אן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שובו בנים שובבים; טוהט תשובה איר ווילדע קינדער וועל איך אייך ברייננגען אין ציון. וועהן מיר עס איז אלץ איינס וויא זייא האבען געזינדיגט. אז מען טוהט נאר תשובה איז גוט. רבי יצחק פון דארף עכו האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגן דער דין איז ווי די פאר. וויא רבי שמעון אונ רבי יהושע בן קרחה:

**כב** תניא: מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט פריער זאל א מענטש בעטין פון גאט זיינע בדערפעניש. וואס ער דארף דעם טאג. דער נאך זאל ער דאווענען שמונה עשרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו. דער ארעם מאן וואס איז פאר וויקולט אין זיינע צרות. זאל ער פריער בעטין אויף זיינע צרות גאט זאל איהם פון זיי העלפין. דער נאך וועט ער דאווענען שמונה עשרה וואס דס איז דיא געוויינליכע תפלה פון אלע טאג. ווארום שיחה איז דער טייטש תפלה אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויצא יצחק לשוח בשדה. יצחק איז ארוים גיגאנגען אין פעלד צו מתפלל זיין. רבי יהושע זאגט פארקערט דארף זיין פריער זאל מען דאווענען שמונה עשרה. דער נאך זאל ער בעטין וואס ער דארף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשפוך לפניו שיחי וצרתי לפניו אגיד. פריער פר גיס איך פר גאט מיין געוויינליכע תפלה. דער נאך זאג איך פאר אים מיינע צרות. רבי אליעזר זאגט אזוי מיינט דער פסוק אשפוך לפניו שיחי. איך פאר גיס פאר גאט מיין געוויינליכע תפלה. שמונה עשרה. בזמן שצרתי לפניו אגיד ווען איך האב שוין פריער פאר שמונה עשרה גזאגט פאר גאט מיינע צרות. רבי יהושע זאגט אזוי מיינט דער פסוק תפלה לעני כי יעטוף ווען זאל דער ארעם מאן בעטין אויף זיינע צרות וואס ער איז אין זיי איין געוויקולט. בזמן שלפני ה' ישפוך שיחו. ווען ער האט שוין פריער פאר גאט פאר גאסען זיין געוויינליכע תפלה. שמונה עשרה. פרעגט די גמרא אז פון די פסוקים קען מען ניט וויסען ניט וויא רבי אליעזר ניט וויא רבי יהושע. אין וואס קריגען זיי. ענטפערט דיא גמרא זיי קריגען אזוי וויא רבי שמלאי האט גידרשת. ווארום רבי שמלאי האט גידרשת

פריער

בקום ואח"כ יתפלל מנ"ל ממשה רבינו דכתיב (דברים ג) ה' אלהים אתה החלות וגו' וכתיב בתריה אעברה נא וגו' ר' יהושע סבר ילפינן ממשה ור' אליעזר סבר לא ילפינן ממשה שאני משה דרב גובריה:

(דף ח) **כג תנו** רבנן כיון שראה אדם הראשון היום שמתמעט והולך אמר אוי לי שמא בשביל שסרחתי עולם השך בעדי והוזר לתהו ובהו וזו היא מיתה שנקנסה עלי מן השמים ישב ח ימים בתענית ובתפלה כיון שנפלה תקופת טבת וראה יום שמאריך והולך אמר מנהגו של עולם הוא עמד ועשה שמונה ימים י"ט לשנה אחרת עשאן אלו ואלו י"ט הוא קבעם לשמים והם קבעום לע"ז. בשלמא למ"ד בתשרי נברא העולם יומא זוטי חזא ליה יומי אריכי אכתי לא חזא אלא למ"ד בניסן נברא

שבח בשבחו של הקב"ה. שלשה ברכות ראשונות שבזה גבורות קדושת ה' שאין בהן תפלה אלא שבח ואח"כ בשאר ברכות יש דברי תחנה ותפלה: ר' יהושע סבר ילפינן ממשה. לכבודו שבח תחלה שלכך יתפלל י"ח תפלה דליכא שבח בתהלתו: דרב גובריה. גדולת מעשיו וחכמתו רבה ואלו לנו לשבח ולהעדיף בשבחו של מלך מלכי המלכים אבל אינו בעלמא מיחזי כיוהרא:
יום שמתמעט והולך. מתשרי ועד טבת: אי חזי ליה יומי אריכי. ביום תקופת תמוז (לפניו ולאחריו) ויומי זוטרי בתחלת תקופת ניסן וסוף תקופת תמוז) והיה לו לידע שמנהגו של עולם

---

פריער זאל אמענטש זאגען דיא לויב פון גאט (אזוי ויא מיר זאגען די ערשטע דרייא ברכות פון שמונה עשרה. וואס אין זייא איז ניטא קיין גיבעט נאר אלויב צו גאט). דער נאך זאל ער בעטין פון גאט וואס ער דארף. דאס ווייסען מיר פון משה רבינו. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט ה' אלהים אתה החלות גאט דוא האסט אן גיהויבען צוא ווייזען דיין קנעכט דיין גרויסקייט אונ דיין שטארקע האנט ווער איז נאך אגאט אין הימעל אונ אויף דיא ערד וואס ער זאל טאהן אזוי ויא דוא האסט גיטאהן אונ אזוי ויא דיינע שטארקייט). דער נאך האט ער גיבעטין זיין תפלה ער זאל אריבער גיין דעם ירדן. רבי יהושע זאגט מיר דארפען אפ לערנען פון משה. פריער זאלען מיר דאווענען שמונה עשרה. וואס דארט שטייט דיא לויב פון גאט. דער נאך זאל מען בעטין וואס מען דארף. אונ רבי אליעזר האלט מיר לערנען ניט אפ פון משה. דער כח פון משה איז גיוועזען גרויס. דריבער איז פאר גאט שיין גיוועזען צוא הערין די לויב פון משה. אונ משה האט געוואוסט ויא אזוי צו לויבען גאט. אבער איין אנדער מענטש אז ער שטעלט זיך לויבען גאט איז דס נאר אגרויסקייט פון אים. דריבער זאל אמענטש בעטין ביי גאט וואס ער דארף אן איהם צו לויבען פריער:

**כג** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט ויא אדם הראשון האט גיזעהן אז דיא טעג ווערין אלע מאהל קלענער. האט ער גזאגט וויי צו מיר טאמער וייל איך האב גזינדיגט ווערט דיא וועלט אלע מאהל פינסטערער ביז זיא וועט ווערין גאר וויסט. אונ דאס איז דער טויט וואס עס איז אויף מיר גיקנסת גיווארין פון הימעל. הט ער אכט טעג גיפאסט אונ גיבעטען ביי גאט ער זאל איהם מוחל זיין די עבירה. ויא עס איז געקומען דיא תקופה פון טבת. אונ ער האט גיזעהן דיא טעג הייבען אן גרעסער צו ווערין. האט ער גזאגט דער פירונג פון דער וועלט איז אזוי דיא טעג זאל ווערין גרעסער אונ קלענער. האט ער געמאכט אכט טעג יום טוב. אויף דעם אנדערין יאהר האט ער גימאכט יום טוב אכט טאג פאר די תקופה די טעג וואס ער האט אין זייא גיפאסט. אונ אכט טאג נאך די תקופה הט ער אויך געמאכט יום טוב. אדם הראשון האט געמאכט דיא זעכצעהן טעג יום טוב צוא גאט. אונ דיא פעלקער מאכען דעם יום טוב צוא דיא עבודה זרה. פרעגט דיא גמרא נאך דעם תנא וואס זאגט דיא וועלט איז בשאפען גיווארען אין תשרי. איז דאך אדם הראשון בשאפען גיווארען אין דער צייט ווס די טעג ווערין קלענער. האט ער נאר גיזעהן דיא טעג קלענער ווערין אבער גרעסער ווערין האט ער נאך ניט גיזעהן. דריבער האט ער מורא גיהאט. אבער נאך דעם וואס זאגט דיא וועלט איז בשאפען גיווארען אין ניסן. איז ער דאך בשאפען גיווארען צוא דער צייט ווען דיא טעג ווערין גרעסער. האט ער דאך גיזעהן טעג וואס זענען קליין אונ ווערין גרעסער. אונ טעג ווס

זענען

נברא העולם הא חזא ליה יומי זוטי ויומי אריכי יהת זוטי כולי האי לא חזא. ת"ר יום שנברא בו אדם הראשון כיון ששקעה עליו חמה אמר אוי לי שמא בשביל שסרחתי עולם חשך בעדי וחוזר לתהו ובהו וזו היא מיתה שנקנסה עלי מן השמים היה יושב בתענית ובוכה כל הלילה וחוה בוכה כנגדו וכיון שעלה עמוד השחר אמר מנהגו של עולם הוא עמד והקריב שור שקרניו קודמות לפרסותיו שנאמר (תהלים סט) ותיטב לה' משור פר מקרין מפרים ברישא מקרין והדר מפרים. אמר רב יהודה אמר שמואל שור שהקריב אדם הראשון קרן אחת היתה לו במצחו שנאמר מקרין מפרים מקרין תרי משמע אמר רב נחמן בר יצחק מקרן כתיב:

שור: שקרנותיו קודמות לפרסותיו. דאמר מר כל מעשה בראשית בקומתן נבראו שור עם קרנותיו מגודלים כיון שנוצר ראשו תחלה נמצאו קרנותיו קודמות לפרסותיו: ותיטב לה' משור פר. כך אמר דוד ותיטב לה' תפלתי משור שבירך ביום שור דביום אותו יום שנולד כדכתיב שור או כשב וגו' היה עשוי ונגמר כפר שהוא בן שלש שאפילו מקרניו לא חסר (כדמפרש מקרין והדר מפרים):

במצחו. כלומר בלא כוונה דאין שתים על גב:

**כד תניא** רבי ישמעאל אומר ישראל שבחוצה לארץ עובדי ע"ז בטהרה הם כיצד עכו"ם שעשה משתה לבנו וזימן כל היהודים שבעירו אע"פ שאוכלין משלהם ושותין משלהם ושמש שלהם עומד לפניהם מעלה עליהם הכתוב כאלו אכלו מזבחי

---

זענען גרוים אונ ווערין קלענער. האט ער דאך גידארפט פאר שטיין אז דער פירונג פון דער וועלט איז אזוי. ענטפערט די גמרא אזעלכע קליינע טעג וויא אין תקופת טבת איז האט ער נאך נים גיזעהן. דריבער האט ער גימיינט אז דיא זוהן וועט שוין אין גאנצען אונטער גיין דורך זיין עבירה:

דיא רבנן האבען גילערונט אין דעם טאג וואס אדם הראשון איז בשאפען גיווארען. ווי דיא זוהן איז אונטער גיגאנגען. האט ער גיזאגט ווי צו מיר טאמער ווייל איך האב געזינדיגט דריבער ווערט דיא וועלט פינסטער אונ זיא וועט צוריק וויסט ווערין. אונ דאס איז מיין טויט וואס מען האט אויף מיר גיקנסת פון הימעל. האט ער געפאסט אונ געוויינט אגאנצע נאכט אונ חוה איז גיזעסן אקעגין איהם אונ האט אויך געוויינט. וויא דער מארגען שטערין איז אויף גיגאנגען אונ עס איז ליכטיג גיווארין. האט אדם גיזאגט דער פירונג פון דער וועלט איז אזוי עס זאל ווערין ליכטיג אונ פינסטער. האט ער מקריב גיוועזן א קרבן אזוי אאקס וואס זיינע הערנער זענען גיזעהן גיווארין פריער וויא זיינע קלאען ווארום ווען גאט האט גיזאגט אז בהמות זאלען ארויס גיין פון דער ערד. איז ארויס גיגאנגען פון דער ערד אאקס. זענען דאך ארויס גיקומען פריער דיא הערנער דער נאך דיא קלאען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיזאגט מיין תפלה זאל זיין ביי גאט בעסער פון דעם קרבן וואס מען האט מקריב גיוועזן דעם אקס וואס פריער זענען גיזעהן גיווארין זיינע הערנער דער נאך זיינע קלאען. רב יהודה האט גיזאגט פון שמואלס וועגין דער אקס וואס אדם הראשון האט אים מקריב גיוועזן האט ער גיהאט נאר איין הארין אויף זיין שטערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מקרין מפרים. פרעגט דיא גמרא מקרין מיינט מען דאך צוויי הערנער. האט רב נחמן בר יצחק גיזאגט עס שטייט מקרן אן איד. מיינט מען נאר איין הארין:

**כד** תניא. מיר האבען גילערונט רבי ישמעאל זאגט דיא יודען וואס וואהנען אין חוצה לארץ. זייא דינען עבודה זרה. נאר זייא ווייסען נים אז זייא דינען עבודה זרה. דהיינו אעכו"ם האט גימאכט אסעודה ווייל ביי איהם איז גיבארען גיווארען אזוהן. אדער זיין זוהן האט חתונה גיהאט. אונ ער האט גיבעטען אלע יודען פון דיא שטאט זייא זאלען קומען אויף דער סעודה. אונ זייא זענען גיקומען. אפילו דיא יודען עסען דארט נאר זייערע עסען אונ זייא טרינקען זייערע משקה. אונ זייער בדינטער שטייט פאר זייא אונ בעדינט זייא. פון דעסט וועגין רעכונט אויף זייא דער פסוק גלייך וויא זייא וואלטען גיגעסין דיא פלייש וואס

איז

כזבחי מתים שנאמר (שמות לג) וקרא לך ואכלת מזבחו ואימא עד דאכיל אמר רבא אם כן נימא קרא ואכלת מאי וקרא לך משעת קריאה :

(ע"ב) כה כי אתא רב דימי אמר תלתין ותרין קרבי עבדי רומאי בהדי יונאי ולא יכילו להו רומאי עד דשתפינהו לישראל בהדייהו והכי אתנו בהדייהו אי מינן מלכי מנייכו אפרכי אי מנייכו מלכי מינן אפרכי שלחו להו רומאי ליונאי עד האידנא עבדינן בקרבא השתא נעבדו בדינא מרגלית ואבן טובה אי זה מהן יעשה בסים לחבירו שלחו להם מרגלית לאבן טובה אבן טובה ואינך איזה מהן יעשה בסים לחברו אבן טובה לאינך . אינך וספר תורה אי זה מהן יעשה בסים לחברו אינך לספר תורה. שלחו להו אם כן אנן ישראל בהדן וס"ת גבן כפו להו , עשרין ושית שנין קמו בהימנותייהו בהדי ישראל (ולא אשתעבדו בהו) מכאן ואילך אשתעבדו בהו . מעיקרא מאי דרוש ולבסוף מאי דרוש מעיקרא דרוש (בראשית לג) ויאמר נסעה ונלכה

וקרא לך . משעה שאתה קרוי לו מעלה אני עליך כאילו הוא מזבחו :
עד דשתפינהו . רומאי לישראל בהדייהו : והכי אתנו . רומאי לישראל אי מינן מלכי וכו' : מרגלית . אינה חשובה כאבן טובה : בסים . כן למושב הכתובה להושיבה עליה . הכנוס כמו בסיסה : אינך . הוא מפן : כפו נהו . רומאי ליונאי : עשרין ושית שנין קמו . רומאי בהימנותייהו דישראל : מעיקרא . כי קמו רומאי בהימנותייהו :

---

איז געשאכטען געווארען צו דיא עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער עכו"ם וועט דיך רופען אונ דוא וועסט עסין פון זיין שעכטונג . פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען טאקי אז ער עסט. האט רבא געזאגט וואלט גידארפט שטיין אין פסוק דוא וועסט עסין פון זיין שעכטונג . צו וואס שטייט דער ווארט רופען . צו לערנען אונז אז דער עכו"ם האט גירופען דעם יודען צו זיין סעודה אונ דער יוד איז גיקומען . אפילו ער האט גיגעסין פון זיין אייגענע פלייש פון דעסטוועגין איז גלייך וויא ער וואלט גיגעסין דיא פלייש וואס איז געשאכטען געווארען צו דיא עבודה זרה :

כה כי. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גיזאגט צוויי אונ דרייסיג מלחמות האבין דיא רוימער גימאכט מיט דיא יונים . אונ דיא רוימער האבען נישט גיקענט איין נעמען דיא יונים. ביז דיא רוימער האבען גימאכט שותפות מיט דיא יודען. אונ אזוי האבען גימאכט דיא רוימער מיט דיא יודען. אויב פון אונז וועלין זיין מלכים. זאלין זיין פון אייך פירשטען. אויב פון אייך וועלען זיין מלכים . זאלען זיין פון אונז פירשטען . דיא רוימער האבען געשיקט צוא דיא יונים ביז איצט האבען מיר מיט אייך גיהאט מלחמות . איצט וועלין מיר מיט אייך האבען אמשפט וועט מען זעהן ווער עס איז גירעכט . אז איינער האט אפעריל אונ אברילאנט . אונ מען דארף ארויף לייגען איינם אויף דאס אנדערע . וועלכעס זאל ווערען אפוס צו דם אנדערע . וועלכע זאל ליגען אונטען . האבין דיא יונים גיענטפערט דער פעריל זאל זיין אפוס צוא דעם ברילאנט . דער ברילאנט זאל ליגען אויף דעם פעריל . ווייל דער ברילאנט איז טייערער ווי דר פעריל . האבען דיא רוימער נאך גיפרעגט אז איינער האט איין פראסטען ברילאנט אונ איין ברילאנט וואס הייסט אינך. וועלכעס זאל ווערין אפוס צו דיא אנדערע. האבען דיא יונים גיזאגט דער אינך זאל ליגען אויף. דעם ברילאנט : אז איינער האט דעם אינך אונ אספר תורה פון וועלכעס זאל ווערין אפוס צו דיא אנדערע. האבין דיא יונים גיזאגט דיא ספר תורה זאל ליגען אויף דעם אינך. האבען דיא רוימער געשיקט צו דיא יונים אויב עס איז אזוי ביא אונז זענען דיא יודען אונ דיא ספרי תורות זענען ביא אונז . דארפט איהר דאך זיין איין גיבויגען אונטער אונז . זענען דיא יונים גיוועזען אונטערטעניג ביא דיא רוימער. זעקס אונ צוואנציג יאהר האבען דיא רוימער גילעבט גוט מיט דיא יודען. דער נאך האבען זייא גיארבעט מיט די יודען. פרעגט דיא גמרא אין אנהייב ווען דיא רוימער האבען גילעבט גוט מיט דיא יודען ווס האבען זייא גידרשת. אונ דער נאך ווען זייא זענען שלעכט גיווארען צו דיא יודען וואס האבען זייא גידרשת. אין אנהייב האבען זייא גידרשת דעם פסוק עשו האט גיזאגט צו יעקב. מיר וועלען ציהען

ונלכה ואלכה לנגדך וגו׳ ולבסוף דרוש יעבר נא אדני לפני עבדו :

**כן תני** ר׳ יוסי בר׳ (דף ט) מלכות פרס בפני הבית ל״ד שנה מלכות יון בפני הבית מאה ושמונים שנה מלכות חשמונאי בפני הבית ק״ג שנה מלכות בית הורדוס ק״ג מכאן ואילך צא וחשוב כמה שנים אחר החורבן :

**כן תנא** דבי אליהו ששת אלפים שנה הוי העולם שני אלפים תהו ושני אלפים תורה ושני אלפים ימות המשיח ובעונותינו שרבו יצאו מהם מה שיצאו . ב׳ אלפים תורה מאימת אילימא ממתן תורה עד הכא ליכא כולי האי דכי מעיינת בהו שפיר (בשני דתהו) תרי אלפי ופרטא דהאי אלפא הוא דהוי אלא מואת

מאי דרוש . אלכה לנגדך . יעקב ועשו שוין בגדולה : לפני עבדו . דרך הבר על נפיו : מלכות פרס בפני הבית . בזמן הבית בעודו בנוי נאחר שעלו כורש ומלכה מלכותו ל״ד שנה ובטלה ותפשוה בני יון ומלכו במ׳ שנים ומתה שנה סרי ר״ו ובני חשמונאי נטלו מלכות מיוונים ומלכו ק״ג והורדוס להריגם ק״ג הרי ה״כ שנים בית שני ביבוכו : מכאן ואילך . ממלכות הורדוס ואילך חרב הבית ובטלה מלכותן : ששת אלפים שנה . נגזר על העולם להתקיים כמנין ימי השבוע וביום השביעי שבת והאלף השביעי שה לעולם : ב׳ אלפים . תהו . נגזר עליהם להיות תוהו בלא תורה : ושני אלפים תורה . בלא ימות המשיח : ושני אלפים ימות המשיח ובעונותינו שרבו יצאו . משני אלפים האחרונים מה שיצאו ומשיח לא בא : אי נימא ממתן תורה ועד עכשיו . עד גמר ד׳ אלפים לבריאת עולם כדאמרת ליכא שני אלפים : דכי מעיינת . בשני קמאי דתוהו דקודם מתן תורה תרי אלפי וסרפת מאלף השלישי תמ״ח שנים משכחת בהו . כ״ג דכי מעיינת בהו וכו׳ ולא גרסינן ועוד ופירושם כדפרישים לא והשוב שמות כל דור ודור שהיו כל אחד וא׳ קודם שנולד בנו הבכור כל אחד כן אתה מוצא לכן ומאדם עד שנולד נח תתרנ״ו שנים ונח חי ק״ב שנים קודם שנולד שם דכתיב ויהי נח בן חמש מאות וגו׳ כשנולד בנו הראשון היה בן ה״ק

---

ציהען אונ מיר וועלען גיין אונ איך וועל גיין געגען דיר ומיר וועלען ביידע גלייך זיין . דארף זיין עשו מיט יעקב גלייך . דער נאך האבען זיא גידרשת דעם פסוק יעקב האט גיזאגט צו עשו ביין הער זאל גיין פאר אוים פאר זיין קנעכט . האט יעקב אליין גימאכט זיין ברודער עשו פאר אהערד אונ זיך האט ער גימאכט צו איהם פאר אקנעכט :

**כן** תני . רבי יוסי ברבי האט גילערונט דיא ערשטע פיר אונ דרייסיג יאהר ווי דר אנדערער בית המקדש איז גיבאהט גיווארען האט געקעניגט דיא מלוכה פון פרס . דער נאך האבין די יונים צו גינומען דיא מלוכה פון פרס אונ זייא האבין געקיניגט הונדערט מיט אכטציג יאהר . דער נאך האבין דיא חשמונאים צו גינומען דיא מלוכה פון דיא יונים . אונ האבין געקיניגט הונדערט מיט דרייא יאהר . דער נאך האט הורדוס צו גינומען דיא מלוכה פון די השמונאים אונ ער מיט זיין פאמיליע האבין געקיניגט הונדערט מיט דרייא יאהר . צו זאמען איז פיר הונדערט מיט צוואנציג יאהר . דער נאך איז דער בית המקדש פאר ברענט גיווארען . פון דער צייט זאלסטו רעכענען ביז היינט . וועסטו וויסען ווי פיל יאהר עס איז ווי דר בית המקדש איז חרוב גיווארען :

**כן** . תניא . אין דעם ספר תנא דבי אליהו האבין מיר גילערונט . זעקס טויזענד יאהר דארף שטיין דיא וועלט . דיא ערשטע צוויי טויזענד יאהר איז אוועק גיגאנגען וויסט אן תורה . דיא אנדערע צוויי טויזענד יאהר איז שוין גיוועזן דיא תורה . אבער עס איז ניט גיוועזן די צייט פון משיח . דיא דריטע צוויי טויזענד יאהר איז שוין דיא צייט משיח זאל קומען . נאר דורך אונזערע פיל עבירות איז שוין אוועק גיגאנגען פון דיא דריטע צוויי טויזענד יאהר פיל יאהר אונ משיח איז נאך ניט גיקומען . פרעגט דיא גמרא ווען האט זיך אן גיהויבין דיא צוויי טויזענד יאהר פון תורה , איך זאל זאגין פון דער צייט וואס די תורה איז גיגעבין גיווארען . איז דאך ניטא קיין צוויי טויזענד יאהר . ביז סוף פיר טויזענד יאהר וואס די וועלט איז בשאפען גיווארען . ווארום אז דוא וועסט ריכטיג רעכענען פון דער צייט וואס דיא וועלט איז בשאפען גיווארען ביז דיא תורה איז גיגעבין גיווארען . איז צווייא טויזענד מיט פיר הונדערט מיט אכט אונ פערציג יאהר . אונ פון דער צייט וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארען ביז סוף פיר טויזענד יאהר ווען די וועלט איז בשאפען גיווארען . איז טויזענד מיט פינף הונדערט צוויי אונ פופציג יאהר . ענטפערט דיא גמרא התורה האט זיך אן גיהויבען פון דער צייט וואס אברהם האט אן גיהויבען מגייר צו

זיין

(בראשית יב) סואת הנפש אשר עשו בחרן וגמירי דאברהם בההיא שעתא בר חמשין ותרתין שני הוה כמה בצרן מדתני תנא ארבע מאה וארבעים ותמני שנין הויא וכי מעיינת סואת הנפש אשר עשו בחרן עד מתן תורה ארבע מאה וארבעין ותמני שנין הויין:

(ע"ב) כח אמר ר' חנינא אחר ת' לחורבן דבית אם יאמר לך אדם קח שדה שוה אלף דינרין בדינר אחד אל תקח. במתניתא תנא אחר ד' אלפים ורל"א שנה לבריאת העולם אם יאמר לך אדם קח שדה שוה אלף דינרין בדינר אחד אל תקח מאי בינייהו איכא בינייהו תלת שנין דמתניתא טפיא תלת שנין:

ה"ק שנים ויפת הוא הגדול מחם שנה ותם גדול משם שנה הרי תק"ב שנים לנח כשנולד שם דכתיב שם בן מאה שנה ויולד את ארפכשד שנתים אחר המבול ואת שם נת"ק שנים דנת אוליד כי מטו שנתים אחר המבול הוה ליה בר ק"ב דהא כתיב ונח בן שש מאות שנה והמבול היה מים וגו' תשוב הק"ב דנה ומאה דשם עד ארפכשד הוסיף על כ"ז שנה של פרע הרי תרכ"ח וארפכשד הוליד את שלח לל"ה הרי תרנ"ג ושלח עד עבר שלשים הרי תשכ"ג ומעבר עד פלג ל"ד הרי תשנ"ז ומפלג עד רעו ל' הרי תשפ"ז ומרעו לשרוג ל"ב הרי תתי"ט ומשרוג לנחור שלשים הרי התמ"ט ומנחור לתרח כ"ט הרי תתע"ח ומתרח לאברהם שבעים הרי תתקמ"ח על אלף השני ומאברהם עד יצחק מאה הרי אלפים ומ"ה ומיצחק עד מתן תורה ת' שנים כיצד ששים עד שנולד יעקב וכשירד למצרים כתיב ימי שני מגורי שלשים ומאה שנה הרי ק"נ משנולד יצחק וישראל היו במצרים ר"י שנה כמנין רד"ו הרי תת"ח שנים על אלפים לבריאת עולם נמצא ממתן תורה עד ד' אלפים לבריאתו של עולם אלף ותקכ"ב: אלא מואת הנפש וגו' וכדמתרגמינן דשעבידו לאורייתא: וגמירי דההיא שעתא היה אברהם בר נ"ב כשתוסיף על אלף והתקמ"ח שהיו נידך כשנולד אברהם הרי אלפים הוו: כמה בצרן. לך משאת מאלפים דתורה דתני הנא: המ"ה שנה. הוי בצרן לך. וכי מעיינת מואת הנפש אשר עשו עד מתן תורה. הכי כמי תוסיף אותן על מנין מתן תורה והמלא אלפים מכוונים מואת הנפש עד גמר ד' אלפים לבריאת עולם וזהו קע"ב שנים לאחר החרבן כיצד הרי מנית עד יציאת מצרים המ"ח על עודף אלפים וכתיב ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה לצאת בני ישראל וגו' ויבן שלמה את הבית לה' הרי התקכ"ח על אלפים כשנבנה הבית וימי בית ראשון ת"י שנים הרי שלשה אלפים ושל"ח שנים וגלות בבל שבעים שנה הרי ה"ח וימי בית שני ת"כ הרי התכ"ח נמצא קע"ב חסרו מד' אלפים והכי תניא בסדר עולם: אל תקח. שהוא קץ הגאולה והקבץ נהר הקדם לנהלה אבוהיך ולמה תאביד כדינר: דמתניתא טפי תלת שנין. להשבון הברייתא מופך הגלות שלש

---

זיין גרים. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק די נפשות וואס אברהם מיט שרה האבין גימאכט אין חרן. דאס מיינט מען זייא האבין מגייר גיוועזן מענטשין אונ האבען מיט זייא גילערונט תורה. אונ מיר האבען גילערונט אז אין דער צייט איז אברהם אלט גיוועזן צוויי אונ פופציג יאהר. אונ פון דער צייט וואס דיא וועלט איז בשאפען גיווארען ביז אברהם איז גיבארין גיווארען. איז גיוועזן טויזענד נייז הונדערט אכט אונ פערציג יאהר. זאל מען צו לייגן דיא צווייא אונ פופציג יאהר פון אברהם וועט זיין ריכטיג צוויי טויזענד יאהר אן תורה. אונ בייא דער צייט האט זיך אן גיהויבין תורה וואס אברהם האט גילערונט מיט דיא גרים. אונ פון דער צייט אן וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארען ביז סוף פיר טויזענד יאהר ווי די וועלט איז בשאפען גיווארען וויא פיל יאהרין פעלט. פיר הונדערט מיט אכט אונ פערציג יאהר. אז דוא וועסט רעכענען פון דער צייט וואס אברהם האט אן גיהויבין מגייר זיין גרים. ביז דער צייט וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארען. איז פיר הונדערט אכט אונ פערציג יאהר: צו זאמען איז צווייא טויזענד יאהר:

כח אמר. רבי חנינא האט גיזאגט אז עס וועט אוועק גיין פיר הונדערט יאהר נאך דעם חורבן בית המקדש. אונ אמענטש וועט דיר זאגן קויף אין תוצה דארין אפעלד וואס איז ווערט טויזענד גילדען פאר איין גילדען. זאלסטו ניט קויפען. ווארום דוא וועסט באלד אויס גילייזט ווערען אונ וועסט קומען אין ארץ ישראל צו וואס זאלסטו שאדען האבען דעם גילדען. אין אברייתא האבין מיר גילערונט אז עס וועט אוועק גיין פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפען גיווארען פיר טויזענד צוויי הונדערט איין אונ דרייסיג יאהר. אויב אמענטש וועט צו דיר זאגין קויף אפעלד וואס איז ווערט טויזענד גילדען פאר איין גילדען. זאלסטו ניט קויפען. ווייל משיח וועט באלד קומען. פון רבי חנינא ביז די ברייתא איז אאונטער שייד אין דריי יאהר: נאך רבי חנינא האט זיך אן גיהויבין די צייט פון משיח אין סוף פיר טויזענד צוויי הונדערט אכט אונ צוואנציג יאהר. אונ נאך די ברייתא האט זיך אן גיהויבין די צייט פון משיח אין סוף פיר טויזענד צוויי הונדערט איין אונ דרייסיג יאהר.

(דף י) **כמ תני** רב יוסף מ"ד (עובדיה) הנה קטן נתתיך בגוים שאין מעמידין מלך בן מלך, בזוי אתה מאד שאין להם לא כתב ולא לשון:

**ל א"ל** אנטונינוס לרבי בעינא דימלוך אסוירוס ברי תחותי ותתעבד טבריא קלניא ואי אמינא להו חדא עבדי תרתי לא עבדי אייתי גברא ארכביה אחבריה ויהב ליה יונה לעילאי בידיה וא"ל לתתאה דיימר לעילאי דניפרח יונה מידיה אמר ש"מ הכי קאמר לי את בעי מינייהו דאסוירוס ברי ימלוך תחותי ואימא ליה לאסוירוס דתתעביד טבריא קלניא א"ל קא מצערין לי חשובי רומאי אעייליה לגנתא כל יומא הוה עקר חד פוגלא ממישרא קמיה אמר ש"מ ה"ק לי קטול חד חד מינייהו ולא תתגרי בהו בכולהו (ע"ב) ולימא ליה מימר בהדיא אמר שמעי חשובי דרומי ומצערי ליה ולימא ליה בצנעה משום דכתיב (קהלת י) כי עוף השמים יוליך את הקול הויא ליה ברתא ושמה גירא

וקא

**שלא** שנים יותר דאמרינן לעיל אחר קע"ב שנים לאחר חורבן כשלמו ארבעה אלפים הוסיף עליהם רל"א דקתני בברייתא הרי הקן לאחר ה"ג לחורבן וכ' תאינא ס' קאמר כבא"כ תאינא למילתיה עדיין לא עברו ארבע מאות לחורבן:

**כסב** ולשון של רומיים מאומה אחרת בא להם אחרים תקנו להם כל הספרים שלהם (לשון **של** גראמאטיק"א ש"א בלטין שמדברים בו הכומרים וע' בגמ'):

**קלניא**. בת חורין שלא ליתן מס לעולם משום דאית בה רבנן ואנטונינוס עצמו היה מתמם לפני **רבי** כדלקמן ומ"מ היה אוהב לרבנן: **אייתי** רבי **גברא** ארכביה וכו'. כלומר הרכב את בנך עליהם **ומליך** והא טבריא מסורה בידו: **ואימא** ליה. **לבנך** דלפרחיה ליונה מן ידיה כלומר דליעבד טבריא **קלניא** לחוליא מתחת עולו: **ומצערי** ליה. **גרני**: עבדה

**כמ תני**: רב יוסף האט געלערנט עס שטייט אין פסוק אויף דיא מדינה רוים איך האב דיך געגעבין דער קלענסטער צווישען פעלקער. דאס מיינט מען ביי זייא ווערט ניט דער זוהן פון מלך אמלך. נאר אפרעמדער מענטש ווערט אמלך. דוא ביסט זייער פאר שעמט דאס מיינט מען זייא האבען ניט קיין אייגענע שפראך. אונ ניט קיין אייגענע געשריפט. נאר פון איין אנדער פאלק:

**ל אמר**. אנטונינוס האט גזאגט צו רבי איך וויל דער נאך וויא איך וועל שטארבען זאל מיין זוהן אסוירוס זיין אמלך אויף מיין ארט. אונ איך וויל אז דיא שטאט טבריא זאל זיין פריי פון פאראטקעס אויף אייביג. אונ אז איך וועל פאר לאנגען דיא ביידע זאכען פון די פירשטען. איין זאך וועלען זייא מיר טאהן. ביידע זאכען וועלען זייא ניט טאהן. האט רבי גענומען אמענטשין אונ האט איהם ארויף גיזעצט רייטענדיג אויף זיין חבר. אונ דעם אויבערשטין מענטש האט ער געגעבין אטאהב אין האנט. אונ רבי הט גזאגט צום אונטערשטין מענטש ער זאל זאגען צום אויבערשטין מענטש ער זאל אוועק לאזין דיא טאהב פון זיין האנט. זיא זאל פליהען וואו הין זיא וויל. האט אנטונינוס גזאגט אזוי מיינט רבי איך זאל בעטין ביי די פירשטען נאר איין זאך אז מיין זוהן אסוירוס זאל ווערין אמלך. אונ איך זאל זאגן צו אסוירוס אז ער זאל פריי מאכען די שטאט טבריה:

נאך האט אנטונינוס גיפרעגט ביי רבי דיא גרויסע לייט פון רוים זענען מיך מצער. הט רבי אריין געפירט דעם אנטונינוס אין זיין גארטען. אלע טאג האט רבי אויס געריסען פון גארטען איין רעטאך אנטונינוס זאל דאס זעהן. האט אנטונינוס גזאגט אזוי מיינט רבי: איך זאל הרגנן די גרויסע לייט איינציג ווייז ואיך זאל אויף זייא מאכען בלבולים אונ הרגנן אונ איך זאל מיך ניט רייצען מיט אלע מיט איין מאהל. פרעגט די גמרא פר וואס הט רבי גידארפט מאכען אזעלכע זאכען. אונ האט איהם ניט גזאגט וויא ער זאל טאהן. ענטפערט דיא גמרא רבי האט מורא גיהאט די גרויסע לייט פון רוים וועלען דער וואוסט ווערין אז דיא עצות הט רבי גזאגט. וועלין זיי איהם מצער זיין. פרעגט די גמרא זאל רבי זאגען צו אנטונינוס אין דער שטיל קיינער זאל ניט הערין. ענטפערט די גמרא ווייל עס שטייט אין פסוק דיא פייגול וואס פליהען אונטערין הימעל וועלין פירען דעם קול אלע מענטשין זאלן וויסען נאזוי לאנג ווי אמענטש רעט ניט וואס ער ווייס. וועט קיינער ניט וויסען. וויא נאר דיא ווערטער זענען ארויס גיגאנגען פון דעם מענטשינס מויל. וועט מען שוין וויסען. אנטונינוס האט גיהאט אטאכטער זיא האט גיהייסען

גירא

וקא עבדה איסורא שדר ליה גרגירא שדר ליה כוסברתא שדר ליה כרתי שדר ליה הסא כל יומא הוה משדר ליה מטרתא דדהבא פריכא וחיטי אפומייהו א"ל אמטי ליה חיטי לרבי א"ל רבי לא צריכנא דאית לי טובא א"ל ליהוי למאן דבתרך דיהבו לבתראי דאתו בתרך ודאתי מינייהו ליפקי עלייהו. הויא ליה ההוא נקירתא דהוה אתי מביתיה לבי רבי וכל יומא הוו אתו תרי עבדי בהדיה חד קטיל אבבא דבי רבי וחד קטיל אבבא דביתיה ואמר ליה בעידנא דאתינא לא נשכח אינש בהדך. יומא חד אשכחיה לרבי חנינא בר חמא דהוה יתיב אמר ליה לא אמינא לך בעידנא דאתינא לא נשכח גברא קמך אמר ליה לית דין בר איניש א"ל אימא ליה ליזיל וליקרי להוא עבדא דנגאי אבבא דקאים וליתי אזל

עבדה איסורא. זהב: שדר ליה. אנטונינוס לרבי עשב ששמו גרגירא אורוג"א בלע"ז והבין רבי מה לו ולעשב הזה ודאי סימנא הוא ששאלו לו גרגירא נגררה ומתוך לב גירא עם השופטים יודע היה ללמוד אנטונינוס: שדר ליה רבי כוסברתא. גליאנדר"א בלע"ז כלומר בהוט והרוג סבת. כוס ברתא בתי מלות: הדר שדר ליה. אנטונינוס כרתי פורו"ש בלע"ז כלומר אם כן יכרת זרעי: הדר שדר ליה הסא. ליטוגא בלע"ז כלומר חוס עליו: מטרתא. דיסקיאות של עור כמין שקים גדולים: וחיטי אפומייהו. שאם יפתחו השקים רואים החטים ולא יבינו: ודאתי מינייהו ליפקי עלייהו. השרים מתוך יוציאו הולאות למלכי רומי העומדים אחרי על סמך ממון הוא: נקירתא. מערתא לשון נקרת הצור: לביתיה דרבי. ללמוד תורה:

---

גירא אונ זיא האט מזנה גיוועזן. האט אנטונינוס געשיקט צו רבי אזוי אגראז וואס הייסט גרגירא האט רבי גיקלערט צו וואס האט אנטונינוס מיר געשיקט דעם גראז גרגירא. נאר גרגירא איז צווי ווערטער גר גירא. דיא טאכטער גירא איז נאך גישלעפט גיווארען נאך אירע תאוות אונ האט מזנה גיוועזן. האט רבי געשיקט צו אנטונינוס אזוי אגראז וואס הייסט כוסברתא. האט אנטונינוס געוואוסט וואס רבי מיינט. כוסברתא איז אויך צווי ווערטער. כוס ברתא. שעכט די טאכטער. דוא זאלסט איר הרגנן. האט אנטונינוס געשיקט צו רבי אזוי אגראז וואס הייסט כרתי. האט רבי געוואוסט וואס אנטונינוס מיינט. עס איז איהם אשאד ער זאל פאר שניידען זיין קינד. האט רבי געשיקט צו אנטונינוס אזוי אגראז וואס הייסט חסא. אנטונינוס זאל רחמנות האבען אויף זיין טאכטער אונ זאל זיא ניט הרגנן. אלע טאג האט אנטונינוס געשיקט צוא רבי זעק מיט שטיקער גאלד אונ פון הויבען איז גילעגין ווייץ ודיא וואס וועלין טראגען דיא זעק זאלען מיינען אז זיא טראגען ווייץ אונ ער האט גזאגט צו דיא מענטשין טראגט אוועק די ווייץ צוא רבי. האט רבי גזאגט צו אנטונינוס איך דארף ניט דיין גאלד. איך האב גענוג. האט אנטונינוס גזאגט זאל דיא גאלד ביי דיר זיין וועט דאס זיין פאר דיינע קינדער וואס וועלין בלייבען נאך דיר. אונ זייא וועלין געבין דיא גאלד צו די מלכים וואס וועלען זיין נאך מיר. דיינע קינדער וואס וועלין בלייבען נאך דיר. אונ דיא קינדער וואס וועלין גיבארען ווערין פון דיא קינדער וועלען האבען דיא גאלד צו געבין דיא שפעטערדיגע מלכים וואס וועלין זיין נאך מיר זייא זאלען אויף אייך ניט גוזר זיין שלעכטע גזרות. אונטער די שטוב פון אנטונינוס איז גיוועזן אקעלער ביז צו דיא שטוב פון רבי. אלע טאג פלעגט אנטונינוס גיין דורך דעם קעלער פון זיין שטוב ביז צו רבי. אונ אנטונינוס האט גענומען מיט זיך צווי קנעכט. ווייל ער האט ניט גיוואלט אליין גיין דורך דעם קעלער. איין קנעכט פלעגט ער הרגנן נעבין דיא טיר פון רבי. אונ מיט איין קנעכט איז אנטונינוס גיגאנגען צוריק ביז צו זיין שטוב. אונ אז ער איז געקומען נעבין די טיר פון זיין שטוב האט ער גיהרגת דעם אנדערין קנעכט. ווארום אנטונינוס האט מורא גיהאט טאמער וועלין דיא קנעכט אויס זאגן אז ער גייט צו רבי. אנטונינוס האט גזאגט צו רבי ווען איך וועל קומען צו דיר זאל איך קיין מענטשין ניט טרעפין ביי דיר. אמאהל איז אנטונינוס ניקומען צו רבי האט ער גיטראפען רבי חנינא בר חמא איז דארטן גיוועזן. האט אנטונינוס גזאגט צו רבי איך האב דאך דיר גזאגט אז ווען איך וועל צו דיר קומען זאל איך קיין מענטשין ניט טרעפין ביי דיר. האט רבי גזאגט צו אנטונינוס דער איז ניט קיין מענטש. האט אנטונינוס גזאגט צו רבי זאג צו דעם מענטש ער זאל גיין רופען דעם קנעכט וואס שלאפט

שמש ליה. משמש לפניו בסעודה: שמה תדוס. בגיהנם מתחתי קלת:
מי שיש לו נימא ברגלו. כבר מת המנער:

אזל ר"ח בר חמא אשכחיה דקטיל אמר היכי ליעבד איזיל ואימא ליה דקטיל אין משיבין על הקלקלה אשבקיה ואיזיל השתא מזלזלנא במלכותא בעי רחמי עלי' ואחייה ושדריה אמר ידענא דאפילו זוטרי דאית בכו מחיי מיתי נינהו ומיהו בעידנא דאתינא לא נשכח איניש בהדך. כל יומא הוה משמש ליה לרבי ומאכיל ליה ומשקי ליה וכי הוה בעי רבי למיסק לפורייה הוה גחין קמיה א"ל סק עלואי לפורייך א"ל לאו אורח ארעא לזלזולי במלכותא כולי האי אמר מי ישימני מצע תחתיך לעה"ב א"ל אית לי לעלמא דאתי א"ל אין א"ל והכתיב (עובדיה) ולא יהיה שריד לבית עשו. בעושה מעשה עשו. והכתיב (יחזקאל לב) שמה אדום מלכיה וכל נשיאיה. א"ל מלכיה ולא כל מלכיה כל נשיאיה ולא כל שריה. תנ"ה מלכיה ולא כל מלכיה כל נשיאיה ולא כל שריה, מלכיה ולא כל מלכיה פרט לאנטונינוס בן אסוירוס והביריו כל נשיאיה ולא כל שריה פרט לקטיעא בר שלום:

**לא קטיעא** בר שלום מאי היא דההוא קיסר דהוה סני ליהודאי אמר להו לחשיבי מלכותיה מי שעלתה לו נימא ברגלו יקטענה ויחיה או יניחנה

ויצטער

---

ביי דיא מיר ער זאל אויף שטיין אונ זאל אריין קומען. איז רבי חנינא בר חמא גיגאנגען רופען דעם קנעכט האט ער גיטראפען אז דער קנעכט איז טויט. האט רבי חנינא גיזאגט ווי זאל איך טאהן. איך זאל גיין זאגען אז דער קנעכט איז טויט. אויף אשלעכטע זאך ענטפערט מען ניט. איך זאל גאר אוועק גיין אונ ניט ענטפערין. וועל איך דאך פאר שעמען דעם מלך. האט רבי חנינא גיבעטען ביי גאט איז דער קנעכט לעבעדיג גיווארען. האט רבי חנינא גיזאגט צום קנעכט גיי אריין דער מלך רופט דיך. הט אנטונינוס גיזאגט צו רבי איך וייס אז אפילו דער קלענסטער פון אייך קען אויך לעבעדיג מאכען מתים. פון דעסטוועגין ווען איך וועל צו דיר קומען וויל איך קיין מענטש זאל ניט זיין ביי דיר. אלע טאג פלעגט אנטונינוס בדינען צו רבי ער פלעגט איהם ברייגען עסין אונ טרינקען. אז רבי האט גיוואלט ארויף גיין אויף זיין בעט האט זיך אנטונינוס איין גיבויגען אונ האט גיזאגט צו רבי גיי ארויף דורך מיר אויף דיין בעט. שטעל דיך אויף מיר אונ פון מיר וועסטו ארויף גיין אויף דיין בעט. האט רבי גיזאגט מען טאר ניט אזוי פיל פאר שעמען דיין מלוכה. האט אנטונינוס גיזאגט צו רבי הלואי זאל איך זיין אוים גישפרייט אונטער דיר אויף יענע וועלט. אנטונינוס האט גיפרעגט ביי רבי איך וועל האבען עולם הבא: האט רבי גיזאגט יא. האט אנטונינוס גיזאגט עס שטייט דאך אין פסוק עס וועט ניט זיין קיין איבער בלייבונג צו די קינדער פון עשו. הט רבי גיזאגט דאס איז נאר ביי די קינדער וואס טוהען אזוי וויא עשו: האט אנטונינוס גיפרעגט עס שטייט דאך אין פסוק דארט און גיהנם וועלין זיין אדום אונ אירע קעניגען אונ אירע אלע נשיאים. האט רבי גיזאגט די מלכים פון אדום וועלען זיין אין גיהנם. אבער ניט אלע מלכים. אזוי אמך וויא דו ביסט וועט ניט זיין אין גיהנם. אלע נשיאים פון אדום וועלען זיין אין גיהנם אבער ניט אלע שרים. זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערנט די מלכים פון אדום וועלין זיין אין גיהנם: אבער ניט אלע מלכים. אלע נשיאים פון אדום וועלען זיין אין גיהנם. אבער ניט אלע שרים. דיא מלכים פון אדום וועלען זיין אין גיהנם. אבער ניט אלע מלכים. דאס מיינט מען אנטונינוס דער זוהן פון אסוירוס אונ זיינע חברים וועלען ניט זיין אין גיהנם. אלע נשיאים פון אדום וועלען זיין אין גיהנם אבער דיא שרים ניט. דאס מיינט מען קטיעא בר שלום וועט ניט זיין אין גיהנם:

**לא** קטיעא בר שלום וואס איז גיוועזען זיין פרומקייט: עס איז אמאהל גיוועזען א קיסר אין רוים וואס ער האט פיינט געהאט דיא יודען. האט דער קיסר גיזאגט צו זיינע גרויסע לייט דער

וואס

ריצטער אמרו ליה יקטענה ויחיה אמר להו קטיעא בר שלום חדא דלא יכלית להו דכתיב (זכריה ב) כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם מאי קאמר אילימא דבדרתינהו בד' רוחות השמים לימא בארבע אלא כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות כך אי אפשר לעולם בלא ישראל ועוד קראו לך מלכותא קטיעא אמר ליה מימר שפיר קאמרת מיהו כל דזכי למלכא שדו ליה לקמוניא הלולא כד נקטי ליה אזיל אמרה ליה ההיא מטרוניתא וי לה לאילפא דאזלא בלא מכסא (שקיל סכינא קטעא לערלתה נחין) נפל על רישא דערלתה וקטעה (בשיניה) אמר יהבית מכסאי חלפית ועברית כי קא שדו ליה אמר כל נכסאי לרבי עקיבא וחבריו נפק ר"ע ודרש (ויקרא כד) והיתה לאהרן ולבניו מחצה לאהרן ומחצה לבניו יצאה ב"ק ואמרה קטיעא בר שלום מזומן לחיי העולם הבא בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בשעה אחת ויש קונה עולמו בכמה שנים, אנטונינוס שמשיה לרבי.

אדרבן

ויחיה. ויכריח: כל דזכי למלכי. מלא את המלך ידכדים גובה הוא למלך ומפסס הארץ להשלימו: לקמוניא הלולא. כיס מלא עפר: מטרוניתא. רומית: אילפא. ספינה: בלא מכסא. כלו' אוי לך הואיל ועליכם אתה סובג שלא מלא את עלמך והטול חלק עמהם: וסיפה לאהרן ולבניו. בלחם הפנים כתיב וכהן גדול מטל מחצה כדאמרינן בסדר יומא ונוטל הלה מחצי חלקת פו עלמו ולכן עו ממנו ממעטה לחם הפנים והפס מפרש לטס דפלגא הוא וכלא נמי הבוה הותי נגד כלן שהזכיר שמי לגד: אדרבן. בר

---

וואס האט ווילד פלייש אויף זיין פיס. זאל ער דאס אפ שניידען ער זאל געזונד ווערין אדער ער זאל דאס לאזען וואקסען אונ זאל האבען צער. האבען דיא גרויסע לייט גזאגט מען זאל אפ שניידען דיא ווילד פלייש אונ מען זאל געזונד הערין. דאס האט ער גיפרעגט געגין די יודען. ער זאל זייא לאזען לעבין אפילו ער האט צער אז זייא לעבין. אדער ער זאל זייא הרגנן וועט ער שוין קיין צער ניט האבען. האט קטיעא בר שלום צו זייא גזאגט איין מאהל דוא וועסט ניט קענען הרגנן אלע יודען. ווארום עס שטייט אין פסוק כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם. אזוי וויא דיא פיר זייטען פון הימעל האב איך אייך פאר שפרייט. וואס מיינט דער פסוק. איך זאל זאגען דער פסוק מיינט גאט האט פאר שפרייט דיא יודען אין די פיר זייטען פון הימעל. באדף דאך ניט שטיין כארבע רוחות. אזוי וויא פיר זייטען. נאר עס באדף שטיין בארבע רוחות. אין דיא פיר זייטען פון הימל האב איך אייך פרשפרייט. נאר אזוי וויא די וועלט קען ניט זיין אן זייטען. אזוי קען דיא וועלט ניט זיין אן יודען. נאך אזאך וועל איך אייך זאגען מען וועט רופען דעם מלך כלבותא קטיעא. ער איז אמלך וואס הרגת מענטשין. האט דער מלך גזאגט צו שלום בר קטיעא. דו זאגסט גאנץ ריכטיג. נאר דער וואס מאכט אומגירעכט דעם מלך. מוז מען דעם מענטש אריין ווארפען אין אשטוב וואס איז פול מיט ערד. ווי מען האט געפירט דעם שלום בר קטיעא מען זאל איהם אריין ווארפען אין דיא שטוב. הט אגרעפין פון רוים גזאגט צו איהם ווי צו דיא שיף וואס זיא האט ניט אפ גיצאהלט פאר אירע סחורה מען וועט איר נישט אריין לאזן אין דער מדינה ודיא האט געמיינט קטיעא בר שלום גיים ניהרגת צו ווערין פאר יודענס וועגין. אונ ער וועט ניט קענען נעמען מיט זיי אחלק צו עולם הבא. חייל ער איז ניט גימהלתו. האט קטיעא איין גיבויגען דעם קאפ צו די ערלה אונ האט זיא אפ געביסען מיט דיא ציין. האט קטיעא גזאגט איך האב שוין גיגעבין מיין אפ צאהל איך וועל שוין קענען דורך גיין אונ קומען צו עולם הבא. ווען מען האט דעם קטיעא אריין גיווארפען אין די שטוב. האט ער גזאגט מיין פאר מעגין זאל גיהערין צו רבי עקיבא מיט זיינע חברים. האט רבי עקיבא גידרשת עס שטייט אין פסוק דער לחם הפנים זאל זיין צו אהרן אונ צו זיינע קינדער. העלפט גיט מען צו אהרן. אונ דיא אנדערע העלפט גיט מען צוא דיא קינדער. אזוי אז קטיעא האט גזאגט זיין פאר מעגין זאל גיהערין צו מיר מיט מיינע חברים. האט ער גימיינט העלפט זאל גיהערין צו מיר אליין. אונ מיט דיא אנדערע העלפט זאלן זיך טיילען מיינע חברים. אונ אקול פון הימעל האט גזאגט קטיעא בר שלום איז אן גיברייט צו עולם הבא. האט רבי געוויינט אונ האט גזאגט אמאהל איז דא אמענטש וואס קויפט עולם הבא אין איין שעה אזוי וויא קטיעא

בר

ש׳ שנאומם כיס : נתפרדה חבילה . אגודה שנתקשרה נפש בנפש : גונדא . גדוד : ניפורא . נקיט מלא לאפיפיורא . טפל ומוליך האבוקה לפני האפיפיור כולן מיני שררה זה למעלה מזה : קומא . מלך : שני גיים . כתיב וקרינן גוים : אנטונינוס ורבי . זה

אדרכן שמשיה לרב . כי שכיב אנטונינוס אמר רבי נתפרדה חבילה כי שכיב אדרכן אמר רב נתפרדה הבילה :

**רב אונקלוס** בר קלוניקוס איגייר שדר קיסר גונדא דרומאי אבתריה משכינהו בקראי ואיגיירו הדר שדר גונדא אחרינא אבתריה אמר להו לא תימרו ליה מידי כד נקטיה ליה ואזל אמר להו אימא לכו מלתא בעלמא ניפורא נקיט נורא קמי פיפיורא פיפיורא נקיט נורא לדוכסא דוכסא להגמונא הגמונא לקומא קומא מי נקיט נורא קמי אינשי אמרו ליה לא אמר להו הקב"ה נקט נורא קמי ישראל דכתיב (שמות יג) וה׳ הולך לפניהם יומם וגו׳ איגיור כולהו הדר שדר גונדא אחרינא בתריה אמר להו לא תשתעו כלל בהדיה כי נקטי לי׳ ואזלי חזא מזוזתא דמנחא אפתחא אותיב ידיה עלה אחיך אמרו ליה אמאי קא מחייכת אמר להו מנהגו של עולם מלך יושב מבפנים ועבדיו משמרין אותו מבחוץ אבל הקב"ה עבדיו מבפנים והוא משמרן מבחוץ שנאמר (תהלים קכא) ה׳ ישמר צאתך ובואך וגו׳ איגיור ותו לא שדר אבתריה. (בראשית כה) ויאמר ה׳ לה שני גוים בבטנך א"ר יהודה אמר רב אל תקרי שני גוים אלא שני גיים זה אנטונינוס ורבי שלא פסקו

---

בר שלום . אונ איין אנדער מענטש ארעוועט ווי פיל יאהר ביז ער הט עולם הבא . אנטונינוס האט בעדינט צו רבי . אדרכן האט בעדינט צו רב . ווען אנטונינוס איז געשטארבען הט רבי געזאגט אונזער פאר בינדונג איז אויף געבונדען געווארען . אונ ווען אדרכן איז געשטארבען הט רב געזאגט אונזער פאר בינדונג איז אויף געבונדען געווארען ואדרכן איז אויך געוועזן אגרויסער פירשט פון גוים וואס ער האט ליב געהאט דעם רב אזוי וויא אנטונינוס האט ליב געהאט דעם רבין :

**רב** אונקלוס דער זוהן פון קלוניקוס האט זיך מגייר געוועזן . האט דער קיסר פון רוים געשיקט צו איהם אקאמפאניע מענטשין רוימער זייא זאלין דעם אונקלוס ברייינגען צו איהם . האט אונקלוס זייא געברייינגט ראיות פון פיל פסוקים אויף דיא יודישע אמונה ביז זייא האבען זיך מגייר געוועזן : האט דער קיסר געשיקט נאך אקאמפאניע רוימער צו אונקלוס זייא זאלען איהם ברייינגען . אונ דער קיסר האט פארבאטען דיא מענטשין זייא זאלען מיט דעם אונקלוס גאר ניט ריידען פון אמונה . וויא זייא האבען געפירט דעם אונקלוס צום קיסר . האט אונקלוס געזאגט צו דיא רוימער . איך וועל אייך זאגין אוועלטליכע זאך . אז דער פיפיורא גייט בייא נאכט . גייט פאר איהם דער ניפורא מיט פייער אונ לייכט איהם דיא וועג . אז דער דוכסא גייט ביי נאכט . גייט פאר איהם דער פיפיורא אונ לייכט איהם דיא וועג . דער דוכס לייכט פאר דעם הגמונא . דער הגמונא לייכט פאר דעם קומא . אבער דער קומא גייט מיט פייער צו בעלייכטען פאר אנדערע מענטשין . האבען זייא געזאגט ניין . האט אונקלוס צו זייא געזאגט אבער גאט האט געהאלטען פייער אונ האט געלויכטען פאר דיא יודען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט גייט פאר דיא יודען ביי נאכט מיט אפייערדיגען זייל צו בעלייכטין . האבין זיך דיא קאמפאניע אויך מגייר געוועזן . האט דער קיסר געשיקט נאך אדריטע קאמפאניע צו אונקלוס זייא זאלען איהם ברייינגען . האט דער קיסר זייא פארבאטען זייא זאלען מיט דעם אונקלוס גאר ניט רייערן . ווען זייא האבען געפירט דעם אונקלוס . האט אונקלוס געזעהן אמזוזה איז צו געשלאגין צו אטיר . האט אונקלוס ארויף געלייגט דיא האנט אויף דער מזוזה אונ האט געלאכט : האבען זיי געזאגט צו איהם פאר וואס לאכסטו . האט אונקלוס צו זייא געזאגט דער שטייגער פון דער וועלט איז דער מלך זיצט אינווייניג אין זיין שטוב . אונ דיא קנעכט שטייען אויסווייניג אונ היטען איהם . אבער גאט טוהט ניט אזוי . זיינע קנעכט זענען אינווייניג אין שטוב אונ ער שטייט פון אויס ווייניג אונ היט זייא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט היטען דיין ארויס גיין אונ דיין

ארי

פסקו משלחנם לא צנון ולא חזרת ולא קישות לא בימות החמה ולא בימות הגשמים דאמר מר צנון מהתך המאכל חזרת מהפך המאכל קישות מרחיב בני מעים והא תנא דבי ר"י למה נקרא שמם קשואים שהם קשים לגוף כחרבות לא קשיא הא ברברבא הא בזוטרא: (סס ע"ב) לג אמר רב יהודה אמר שמואל עוד אחרת יש להם ברומי אחת לשבעים שנה מביאין אדם שלם ומרכיבין אותו על אדם חגר ומלבישין אותו בלבושו של אדם הראשון ומניחין לו קרקפלו של רבי ישמעאל בראשו ותלו ליה בצואריה מתקליה ארבעה זוזי פיזא וכחפין את השוקים באינך וכבריזין וקורין לפניו סך קירי פלסתר אהוהי דמרנא זייפנא

לא מעבורה לא מיעקב : הזרת . ליטוג"א בלעז : צנון . רפנ"א בלעז : חיתוך וסיפוך . מועילין למאכל :
עוד אחרת. עוד היה אחרת יש להם לרומיים שאינה שנויה במשנתנו : אדם שלם . כנגד עשו אדם הגר כנגד יעקב שנולע על ירכו כלומר עדיין עשו שליט על יעקב : של אדם הראשון . והן בגדי חמודות שהיו לעשו : קרקפלו של רבי ישמעאל. בן אלישע כהן גדול ומהרוגי מלכות היה ומתוך יפיו נכנה בקש בת קיסר להפשיט עור פניו והניטה אותו באפרסמון שאחת מקיימת ולא יבאישה ועדיין היא מונחת בגנזי רומי : פיזא . פז והוא אבן יקרה עד מאד ולויה מלויה בעולם : סך קירי פלסתר . חשבון הקלין הזה הוא נגוחה יעקב שקרא לבניו לאחרית הימים שבשפן לינאל כזה הוא: סך . חשבון : קירי : קלין : אחוה דמרנא זייפנא. אחיו של אדונינו עשו זייפן הוא יעקב שרמה

---

אריין קומען. האבען זיך דיא דרייע קאמפאניע אויך מגייר גיוועזן. האט שוין דער קיסר ניט מער געשיקט צו דעם אונקלוס ·

עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו רבקה שני גוים בבטנך. האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגן זאלסטו ניט לייענען גוים. נאר זאלסטו לייענען גיים. צוויי גרויסע לייט זענען אין דיין בויך. דאס איז אנטונינוס אונ רבי. וואס סיי זומער אונ סיי ווינטער איז איבריג גיוועזן אויף זייער טיש ביי זייער עסען צנון אונ חזרת אונ קישות. ווארום דער רבי האט גיזאגט אז דיא דרייא זאכען זענען גוט מען זאל עסין צו יעדער עסין. צנון דאס איז רעטאך. צו שניירט דאס עסין אין בויך. חזרת דאס איז חריין קערט אום דאס עסין אין בויך. קישות דער ברייטערט דיא קישקעס אין בויך דאס עסין זאל האבין איין ארט עס זאל נישט איינג ווערין אין בויך. פרעגט דיא גמרא דבי רבי ישמעאל האבין דאך גילערנט פאר וואס רופט מען דאס קישואים אונ קישות. ווייל קשה איז דער טייטש שלעכט. אונ דיא קשואים אונ קישות זענען שלעכט צום גוף ווי שווערדין. ענפערט דיא גמרא יונגע קישות איז גוט צום עסין אונ אלטע קישות איז שלעכט צום עסין :

**לג** אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון שמואלס וועגן נאך איין מוב איז דא אין רוים איין מאהל אין זיבעציג יאהר ברייננט מען אגאנצען מענטש אונ מען זעצט איהם רייטענדיג אויף ואלאמען ודער גאנצער מענטש איז געגין עשו אונ דער הינקענדיגער איז געגין יעקב. צו ווייזען אז עשו גיוועלטיגט אויף יעקבו. אונ מען קליידעט אן דעם גאנצין מענטש די קליידער פון אדם הראשון ואונ ווען מען האט גיוואלט הרגנן רבי ישמעאל כהן גדול. האט די טאכטע פון קיסר גיבעטען, אז פאר זיין טויט זאל מען אראפ ציהען דיא הויט פון זיין פנים. ווייל ער איז גיוועזן זייער שיין. אונ דיא הויט האבען דאקטורים דער האלטען עס זאל בלייבען פריש אונ שיין אזוי וויא זיא איז גיוועזן אויף דעם פנים פון רבי ישמעאלו דיא הויט ציהט מען דעם טאג ארויף אויף דעם פנים פון דעם גאנצען מענטש ער זאל אויס זעהן אזוי שיין וויא רב ישמעאל האט אויס גיזעהן. אונ אויף זיין האלדז הייננט מען אויף א ברילאנט וואס הייסט פיזא ער ווענט פיר גילדין. אונ דיא פיס זיינע בדעקט מען מיט אזעלכע ברילאנטין וואס הייסט אינך, אונ מען פירט דיא צוויי מענטשין אין דיא גאסין אונ מען רופט אויס סך קירי פלסתר. דער חשבון וואס יעקב האט גיזאגט צו זיינע קינדער אז זייא וועלין אויס גילייזט ווערין פון אונז. דאס איז פאלש. דער ברודער פון אונזער הער עשו איז אפאלשער. ווייל ער האט גינארט זיין ברודער עשו אונ האט ביא איהם צו גינומען דיא ברכות. פון דעסט וועגן זענען דיא ברכות ביי אונז געבליבען. דער וואס זעהט איצט דיא שמחה זעהט ער. אונ דער וואס זעהט

זייפנא דחמא חמא ודלא חמא לא חמא מאי אהני ליה לרמאה ברמאותיה ולזייפנא בזייפנותיה ומסיימי בה הבי וי לדין כד יקום דין. אמר רב אשי הכשילן פיהם אי אמרו זייפנא אחוה דמרנא כדקאמרי השתא דאמרי דמרנא זייפנא מרנא גופיה זייפנא:

(דף טז ע"ב) **לד** **ת"ר** כשנתפס ר"א למינות העלוהו לגרדום לידון א"ל אותו הגמון זקן שכמותך יתעסק בדברים בטלים הללו א"ל נאמן עלי הדיין כסבור אותו ההגמון עליו הוא אומר והוא לא אמר אלא כנגד אביו שבשמים א"ל האמנתני דימוס פטור אתה וכשבא אל ביתו נכנסו תלמידיו לנחמו ולא קבל מהן תנחומין א"ל ר"ע רבי הרשני לומר לפניך דבר אחד ממה שלמדתני א"ל אמור א"ל רבי שמא דבר מינות בא לידך (דף יז) והנאך הדבר ועליו נתפשת למינות א"ל עקיבא הזכרתני פעם אחת הייתי מהלך

לעשו ויעקב: לסיום נביר לאחיו: דחמא חמא. כרואה בשמחה זו עכשיו רואה ומי שאינו רואה עכשיו לא יראה עוד דעד שבעים שנה אינה נעשית: מאי אהני לרמאה ברמאותיה. ליעקב שרמה את עשו ולקח ברכתו: וי לדין. עשו: כד יקום דך. כשיקום יעקב:

למינות. מינים הפשוטו לכופו לע"ז: עליו הוא אומר. כלומר הדין עמך דדברים בטלים הם: הוא לא אמר כן. אלא נאמן עלי הדיין האמתי שבשמים דגלי ליתן לי צרה זו שפשעתי לקוני: האמנתני. במה שדנתני עליך: דימוס פטור אתה. דימוס היתה שם ירצאתו ונקבע בה: (לנחמו. שהיה מתאבל מאד על שלא היה יודע מפני מה אירע לו דבר זה והיה מחפש במעשיו לעשות תשובה): והנאך

---

ניט איצט דיא שמחה. ווערט ער שוין דיא שמחה ניט זעהן. ווייל עס ווערט דויערן זיבעציג יאהר ביז די שמחה וועט זיין נאך אמאהל. וואס האט געהאלפין דעם שווינדלער זיין שווינדעריי. און וואס האט געהאלפין דעם פאלשען זיינע פאלשקייט. און זייא פלעגין אזוי אויס לאזען זייער אויס רופען וויא וועט זיין צו דעם אז דער וועט אויף שטיין: האט רב אשי געזאגט זייער מויל האט זייא שלעכט אויס גירעדט. וויי וועט זיין צו עשו אז יעקב וועט אויף שטיין. ווען זייא וואלטען זאגען זייפנא אחוה דמרנא. פאלש איז דער ברודער פון אונזער הער עשו. וואלטען זייא גימיינט דיא פאלשקייט אויף יעקב. אבער איצט אז זייא זאגען אחוה דמרנא זייפנא. מיינען זיי דער ברודער פון אונזער פאלשען הערר. דער הערר אליין איז א פאלשער. עשו אליין איז פאלש:

**לד** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט ווען מען האט גיכאפט רבי אליעזר און מען האט איהם גיוואלט גייטין ער זאל ווערין אן אפיקורוס. האט מען איהם גיברייגט אין סאנד מען זאל איהם משפטין. האט דער גרעסטער פון דיא דיינים גיזאגט צו רבי אליעזר אזוי אן אלטער מאן וויא דוא ביזט זאל זיך בשעפטיגען מיט אזעלכע לערע רייד ווי אייער תורה איז. האט רבי אליעזר גיזאגט דער דיין איז גירעכט. האט דער דיין פון סאנד גימיינט אז רבי אליעזר זאגט דאס אויף איהם. אז ער איז גירעכט דיא תורה איז טאקי לערע רייד. און רבי אליעזר האט דאס גאר גימיינט אויף גאט. אז גאט וואס ער איז דער דיין פון דער וועלט איז גירעכט וואס ער האט מיך גיבריינגט אין דער צרה. האט דער דיין צו רבי אליעזר גיזאגט ווייל דוא האסט מיך גירעכט גימאכט. שווער איך ביי מיין גאט דימוס אז דוא ביזט פון דעם משפט פרייא. אז רבי אליעזר איז גיקומען אהיים. זענען צו איהם אריין גיגאנגען זיינע תלמידים איהם צו טרייסטען ווארום רבי אליעזר האט שטארק גיטרויערט אויף דער זאך. ער האט גיזוכט וואס פאר איין עבירה ער האט גיטאהן. וואס גאט האט איהם גישטראפט. האט ער ניט אן גינומען פון זיי קיין טרייסטונג. האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבי אליעזר רבי דערלויב מיר צו זאגין פאר דיר איין זאך וואס דוא האסט מיך גילערנט. האט רבי אליעזר גיזאגט צו רבי עקיבא זאג וואס דוא ווייסט. האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבי אליעזר רבי טאמער האסטו אמאהל גיהערט א זאך פון דיא אפיקורסים און דוא האסט הנאה גיהאט פון זייערע רייד. דריבער האט דיך גאט גישטראפט אז דו ביזט אריין גיפאלען אין זייערע הענט. האט רבי אליעזר גיזאגט צו רבי עקיבא. עקיבא דוא האסט מיך דער מאנט אמאהל בין איך גיגאנגען אין די אויבערשטע גאס פון צפורי האט מיך גיטראפען אמענטש זיין נאמען איז יעקב ער איז פון דארף סכניא האט ער גיזאגט צו מיר עס שטייט אין

אייער

מהלך בשוק העליון של צפורי ומצאני אחד ויעקב איש כפר סכניא שמו אמר לי כתיב בתורתכם (דברים כג) לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב בית ה' אלהיך וגו' מהו לעשות ממנו בית הכסא לכהן גדול ולא אמרתי לו כלום אמר לי כך למדני (מיכה א) כי מאתנן זונה קבצה עד אתנן זונה ישובו ממקום הטנופת באו למקום הטנופת ישובו והנאני הדבר ועי"ז נתפשתי למינות ועברתי על מה שכתוב בתורה (משלי ה) הרחק מעליה דרכך ואל תקרב אל פתח ביתה הרחק מעליה דרכך זו מינות ואל תקרב אל פתח ביתה זו הרשות א"ד הרחק מעליה דרכך זו המינות והרשות ואל תקרב אל פתח ביתה זו זונה ועד כמה אמר רב חסדא עד ארבע אמות ורבנן האי מאתנן זונה כאי דרשי ביה כדרב חסדא דא"ר חסדא כל זונה שנשכרת סופה שוכרת שנא' (יחזקאל טז) ובתתך אתנן ואתנן לא נתן לך ותהי להפך ופליגא דר' פדת דא"ר פדת לא אסרה תורה אלא קריבה של גלוי עריות בלבד שנא' (ויקרא יח) איש

איש

והנאך. ישר הדבר בעיניך : לכהן גדול . שהיה פורש מביתו לפני יוה"כ ללשכת פרהדרין ושם היו מתקנין לו כל צרכיו : והרשות . שולטנות לפי שמתמן עיניהם בנשי ממון להכנס וליטול ממונם : ורבנן. דניה להו האי דבר מינות דיעקב : לסוף . היא נבזית בעיני כל ושוכרתן והכי משמע מאתנן זונה קבצה (ממון) קיבלה מאתנן הזונה ובאתנן זונה ישוב ליתן : ופליגא דר' פדת . שני ד' אמות דרב חסדא :

---

איער תורה דיא מתנה וואס אזונה בעקומט פאר איהר זנות אונ וואס מען האט גיטאהשט אויף אהוגט זאלסטו ניט ברייננגען אין דיא הויז פון גאט . אין בית המקדש : וויא איז דער דין צו מעג מען מאכען פון דיא זאכען אבית הכסא פאר דעם כהן גדול ווארום אין דיא עזרה איז גיוועזן אשטוב פאר דעם כהן גדול . צו מעג מען מאכען פון דעם געלט וואס אזונה הט גינומען פאר איהר זנות אדער וואס ער איז פאר מאהשט גיווארען אויף אהונט אבית הכסא אין דער עזרה פאר דעם כהן גדולו . האב איך איהם גאר ניט גיענפערט . האט יעקב צו מיר גיזאגט אזוי האט מיך דער נביא גילערונט : זיא האט פאר זאמולט פון דיא מתנות פון אזונה אונ צו דיא מתנות פון אזונה זאל דאס צוריק גיין . פון אמיאוסען ארט איז דאס גקומען אונ צו אמיאוסען ארט זאל דאס צוריק גיין : צו אבית הכסא . האב איך הנאה גיהאט פון זיינע רייד . דורך דעם בין איך גיפאנגען גיווארען צוא דיא אפקורסים . ווייל איך האב ניט גיטאהן אזוי וויא עס שטייט אין דער תורה דוא זאלסט דער ווייטערין פון איהר דיין וועג דוא זאלסט ניט גינענען צו דיא טיר פון איהר שטוב . דוא זאלסט דער ווייטערען פון איהר דיין וועג . דאס מיינט מען דיא אפקורסים דוא זאלסט ניט גיין צו דיא אפקורסים . דוא זאלסט ניט גינעהנען צו דיא טיר פון איהר שטוב . דאס מיינט מען דיא פארצייטיגע מלכים זיז זייא האבין גיזעהן איוד האט געלט האבען זייא אויף איהם גימאכט אבלבול אונ האבען איהם גיהרגת אונ האבען צו גינומען זיין געלט . זאגט דער פסוק צו דיא מלכים זאלסטו ניט גינעהענען צו דיא טיר פון זייער שטוב בקענט ווערין מיט זייא . אנדערע זאגין אזוי מיינט דער פסוק דוא זאלסט דער ווייטערען פון איהר דיין וועג פון די אפקורסים אונ פון די פארצייטיגע מלכים . אונ דוא זאלסט ניט גינענען צו דיא טיר פון איהר שטוב . פון דיא שטוב פון אזונה . וויא פיל זאל מען זיך דער ווייטערען . האט רב חסדא גיזאגט פיר איילין . פרעגט דיא גמרא די רבנן וואס דרשנן ניט ווי דר אפקורוס יעקב האט גיזאגט צו רבי אליעזר . וויא דרשנן זייא דעם פסוק זיא האט דאס פאר זאמולט פון דיא מתנות פון אזונה אונ צו דיא מתנות פון אזונה זאל דאס צוריק גיין . ענפערט דיא גמרא זייא זאגין אזוי וויא רב חסדא האט גיזאגט . דיא זונה וואס ביז איצט האט מען איהר גיצאהלט פאר איהר זנות . וועט זיין איהר סוף אז זיא וועט בצאהלין מען זאל מיט איהר מזנה זיין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא וועסט געבין אמתנה מען זאל מיט דיר מזנה זיין . אונ דיר וועט מען קיין מתנה ניט געבין . עס איז גיווארין פאר קערט וויא עס איז גיוועזן . דאס מיינט דער פסוק וואס דיא זונה האט אן גיזאמולט פון זנות . וועט זיא דאס מוזן אוועק געבין צוריק מען זאל מיט איהר מזנה זיין . אונ וואס רב חסדא זאגט אז מען בארף זיך דר ווייטערין

פון

איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה עולא כי הוה אתא מבי רב הוה מנשק להו לאחתיה אבי ידייהו ואמרי לה אבי חדייהו ופליגא דידיה אדידיה דאמר עולא שום קריבה בעלמא אסור משום לך לך אמרין לנזירא סחור סחור לכרמא לא תקרב :

(משלי ל) **לה לעלוקה** שתי בנות הב הב אמר רב חסדא אמר מר עוקבא קול שתי בנות שצועקות בגיהנם האומרות בעה"ז הב הב ומאן נינהו המינות והרשות א"ד אמר רב חסדא אמר מר עוקבא קול גיהנם שצועקת ואומרת הביאו לי שתי בנות שאומרות בעה"ז הבא הבא. (שם ב) כל באיה לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים ומאחר שלא שבו היכן ישיגו. ה"ק ואם ישובו לא ישיגו. למימרא דכל דפריש ממינות מיית והא ההיא אתתא דאתת לקמיה דרב חסדא ואמרה ליה קלה שבקלות עשתה בנה הקטן מבנה הגדול ואמר להו רב

אבי ידייהו. בזרועותיהן: אבי חדייהו. חזה. דרך בני אדם כשיוצאין מבית הכנ"ס נושק הוא לאביו ולאמו או לגדול ממנו באצבעותיו או מסס ידו מפום כבוד :

לעלוקה. בגיהנם על רוב יסורי גיהנם: מינות. נוטקות בלא הקרובה אל ע"ז: רשות. נוטקות הבא ממון ודורון ואכלוגות ומס: לא ישובון. כל המוחרים אחר בנבתן במינות אין שבין: ואם שבין. ממהרין למות מתוך צרה וכפיות ילדים זאו גזרה מלך עליהם למות: קלה שבקלות. עבירה קלה שבידה זו היא שעשתה וילדה בנה קטן מבעילת בנה גדול בלא עליה וכתה לקבל דין ולגזר

---

פון אזונה פיר אידין: קריגט ער אויף רבי פדת. ווארום רבי פדת האט גיזאגט דיא תורה הט נאר גיאסרת מזנה זיין. אבער ניט מזנה זיין נאר אזוי שמועסין מיט אאשה מעג מען. ווארום עס שטייט אין פסוק אבענטש זאל ניט גינעהנען צו אזוי איין אשה וואס זיא איז זיינע אפריינדען ער זאל מיט איהר מזנה זיין. נאר מזנה זיין טאר מען ניט. אבער דער ווייטערין זיך פון איהר דארף ער ניט. אז עולא פלעגט קומען פון בית המדרש פלעגט ער קושען דיא הענט פון זיין שוועסטער. אנדערע זאגין ער פלעגט קושען דיא בריסט פון זיין שוועסטער. זעהן מיר דאך אז נאר ניט מזנה זיין מעג מען. זאגט די גמרא אונ עולא קריגט אויף זיך אליין; ווארום עולא האט גיזאגט אזוי אאשה וואס מען טאר זיא ניט נעמען פאר אווייב טאר מען גאר ניט צו גיין צו איהר. ווייל צו אנזיר וואס טאר ניט טרינקען ויין. זאגט מען צו איהם דו זאלסט גיין ארום דעם ויין גארטין אבער צום ויין גארטין זאלסטו ניט צו גיין. טאמער וועט ער עסין אויין טרויב: אזוי טאר מען ניט שמועסין מיט אפרעמדע אשה טאמער וועט מען קומען צו מזנה זיין:

**לה** לעלוקה. דער גיהנם הט צווייא טעכטער וואס זייא שרייען גיב גיב. רב חסדא זאגט פון מר עוקבאס וועגין אזוי מיינט דער פסוק צווייא טעכטער שרייען אין גיהנם פון זייערע יסורים. ווייל ווען זייא האבען גילעבט אויף דער וועלט האבען זייא געשריגען גיב גיב. ווער זענען דיא צווייא טעכטער. איינס זענען דיא אפיקורסים וואס זייא שרייען מען זאל געבין קרבנות צוא די עבודה זרה. דאס אנדערע זענען דיא פאר צייטיגע מלכים וואס פלעגין שרייען צו דיא יודען גיב געלט אונ מתנות. אנדערע זאגין אזו האט רב חסדא גיזאגט פון מר עוקבאס וועגין. דער גיהנם שרייט אונ זאגט ברייגגט צו מיר די צווייא טעכטער וואס האבען גיזאגט אויף דער וועלט גיב גיב. דאס מיינט מען דיא אפיקורסים אונ די פאר צייטיגע מלכים. עס שטייט אין פסוק כל באיה לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים. דיא וואס זענען גיקומען צו אפיקורסות וועלען ניט תשובה טאהן אונ וועלין ניט בעקומען דיא וועגין פון לעבין. אז זיי וועלין ניט תשובה טאהן געווים וועלין זייא ניט בעקומען דיא וועגין פון לעבין. נאר אזוי מיינט דער פסוק אפילו זייא וועלין תשובה טאהן וועלין זייא אויך ניט בעקומען דיא וועגין פון לעבין. ווייל באלד נאך דער תשובה וועלין זיי שטארבען. פרעגט דיא גמרא דער וואס טוהט תשובה אונ שיידט זיך אפ פון אפיקורסות שטארבט באלד. אאשה איז אמאהל געקומען פאר רב חסדא. האט זיא גיזאגט צו רב חסדא דיא קלענסטע עבירה וואס איך האב גיטאהן איז מיין עלטערער זוהן האט מיט מיר מזנה גיוועזן אונ פון איהם האב איך גיבארען

מין

רב חסדא טרחו לה בזוודתא ולא מתה כיון דאמרה ליה קלה שבקלות עשתה מכלל דמינות נמי הויא בה האי דלא מתה משום דלא הדרא בה שפיר. איכא דמתני הכי כמינות אין מעבירה לא והא ההיא אתתא דאתת לקמיה דרב חסדא אמרה ליה קלה שבקלות עשתה בנה קטן מבנה גדול ואמר להו רב חסדא זוידו לה זוודתא ומתה מדקאמרה ליה קלה שבקלות עשתה מכלל דמינות הויא בה:

בתשובה: זוודתא. תכריכין להו להנך מתרגמי' זוודין לאורחא ותכריכין נמי נראה להנך המתים: ש"מ. מדקאמרה קלה שבקלות מכלל דמינות נמי הוי בה. אתקפתא היא: ואיכא דמתני הכי ממינות אין מעבירה לא והא הויא איתתא דאתאי וכו' ומתה. ומשנין מדקאמרה קלה שבקלות מכלל דמינות הויא בה ומשום הכי מתה: הרגל דבר. תשמיש הרגל התאוה כמו מרגילין את האדם לעבירה מתמיכין והיינו התאוה: הפיחה. רוח:

**לו ומעבירה** לא והתניא אמרו עליו על ר' אלעזר בן דורדיא שלא הניח זונה אחת בעולם שלא בא עליה פ"א שמע שיש זונה בכרכי הים ונוטלת כיס דינרין בשכרה נטל כיס דינרין והלך ועבר עליה ז' נהרות בשעת הרגל דבר הפיחה אמרה כשם שהפיחה אינה חוזרת למקומה כך אלעזר בן דורדיא אין מקבלין אותו בתשובה הלך וישב בין הרים וגבעות אמר הרים וגבעות בקשו עלי רחמים אמרו לו עד

שאנו

---

מיין קליינעם זוהן. האט רב חסדא געזאגט צו זיינע מענטשין איר זאלט אן גרייטען פאר איר תכריכים וואָרום זיא וועט באלד שטארבען. אונ זיא איז גיט גישטארבען. אונ אז זיא האט געזאגט דיא גרינגסטע עבירה וואס זיא האט גיטאהן איז גיוועזן וואס זיא האט מזנה גיוועזן מיט איר זוהן. געוויס איז זיא גיוועזן אאפקורסת אויך. אונ זיא איז דאך געקומען פאר רב חסדא תשובה צו טאהן. פון דעסטוועגין האט זיא גילעבט. ענטפערט דיא גמרא דריבער האט זיא גילעבט ווייל זיא האט ניט גיטאהן קיין אמתה תשובה. אבער אז זיא וואלט גיטאהן אמתה תשובה וואלט זיא טאקי באלד גישטארבען. אונ ווייל רב חסדא האט געמיינט אז זיא איז גיקימען טאהן אמתה תשובה דריבער האט ער גיהייסען מען זאל אן גרייטען פאר איר תכריכים. אנדערע לערנען אזוי. אז מען טוהט תשובה פון אפקורסות שטארבט מען באלד. אבער אז מען טוהט תשובה פון אנדערע עבירות שטארבט מען ניט באלד. פרעגט דיא גמרא דיא אשה וואס איז גיקומען פאר רב חסדא אונ זיא האט געזאגט מיין גרינגסטע עבירה איז גיוועזן וואס איך האב מזנה גיוועזן מיט מיין עלטערין זוהן אונ פון איהם האב איך גיבארען מיין קליינעם קינד. איר עבירה איז דאך נאר גיוועזן זנות. ניט אפקורסות. פון דעסטוועגין האט רב חסדא געזאגט מען זאל אן גרייטען פון איהרט וועגין תכריכים אונ זיא איז טאקי גישטארבען. זעהן מיר דאך אז מען טוהט תשובה אפילו פון אנדערע עבירות שטארבט מען אויך באלד. ענטפערט דיא גמרא ווייל די אשה האט געזאגט אז דס וואס זי האט מזנה גיוועזן מיט איר זוהן איז די גרינגסטע עבירה אירע. געוויס איז זיא גיוועזן אאפקורסת אויך. דריבער איז זיא באלד גישטארבען:

**לן** ומעבירה לא. אז מען טוהט תשובה פון אנדערע עבירות שטארבט מען ניט באלד. מיר האבען דאך גילערינט מען האט געזאגט אויף רבי אלעזר בן דורדיא אז ער האט ניט אויס גילאזען איין זונה אויף דער וועלט וואס ער האט ניט מיט איר מזנה גיוועזן. אמאהל האט ער גיהערט אז אין דיא שטעט וואס זענען אויף דיא אינזלען פון ים איז דא א זונה וואס זיא נעמט אבייטיל געלט פאר איר מזנה זיין. האט דער רבי אלעזר גענומען אבייטיל געלט אונ איז גיגאנגען צו איר אונ ער איז אריבער גיגאנגען זיבען טייכען ביז ער איז צו איר גיקומען. ווען ער האט מיט איר מזנה גיוועזן איז פון איר ארויס גיגאנגען א רוח. האט דיא זונה געזאגט אזוי וויא דער לופט קען ניט קומען צוריק אויף דעם ארט פון וואנען ער איז ארויס גיגאנגען. אזוי וועט מען ניט אן נעמן די תשובה וואס אלעזר בן דורדיא וועט טאהן. איז אלעזר בן דורדיא גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט צווישען דיא בערג. אונ ער האט געזאגט צו דיא בערג זייא זאלן

בעטין

☜ הפתחה דע"ז. פסוק לפתח ע"ז כמו פלי שאנו מבקשים רחמים עליך נבקש על עצמנו שנאמר (ישעיה נד) כי ההרים ימושו והגבעות תמוטינה אמר שמים וארץ בקשו עלי רחמים אמרו לו עד שאנו מבקשים רחמים עליך נבקש על עצמנו שנאמר (שם נא) כי שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד הבלה אמר חמה ולבנה בקשו עלי רחמים אמרו לו עד שאנו מבקשים רחמים עליך נבקש רחמים על עצמנו שנאמר (שם כד) והפרה הלבנה ובושה החמה אמר כוכבים ומזלות בקשו עלי רחמים אמרו עד שנבקש רחמים עליך נבקש על עצמנו שנאמר (שם לד) ונמקו כל צבא השמים אמר אין הדבר הלוי אלא בי הניח ראשו בין ברכיו ונעה בבכיה עד שיצתה נשמתו יצתה ב"ק ואמרה רבי אלעזר בן דורדיא מזומן לחיי העולם הבא והא הכא בעבירה הוה ומית התם נמי כיון דאביק ביה טובא כמינות הוה דמיא בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בכמה שנים ויש קונה עולמו בשעה אחת אמר רבי לא דיין לבעלי תשובה שמקבלים אותם אלא שקורין אותם רבי:

**לז** רבי תנינא ור' יונתן הוו אזלי באורחא (כי) מטו להנהו תרי שבילי חד הוה פצי אפתחא

---

בעטין פון זיינעט וועגין גאט זאל אויף איהם רחמנות האבען. האבען דיא בערג טאגט צוא אלעזר איידער מיר זאלן בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען. ווען מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען. אויף אונז איז אויך דא אגזרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא בערג וועלין אפ גיטאהן ווערין אונ דיא הויכע ערטער וועלען איין גיבויגען ווערין. האט אלעזר גזאגט הימעל אונ ערד זאלען בעטין פון מיינעט וועגין גאט זאל אויף מיר רחמנות האבען. האבען דיא הימעל אונ ערד גזאגט צו אלעזר איידער מיר זאלען בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען. וועלן מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען. אויף אונז איז אויך דא אגזרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא הימלען וועלין צוא גיין אזוי וויא דער רויך אונ דיא ערד וועט פאר פוילט ווערין אזוי וויא אקלייד. האט אלעזר גזאגט דיא זוהן אונ די לבנה זאלן בעטין פון מיינעט וועגין גאט זאל אויף מיר רחמנות האבען. האבען די זוהן אונ דיא לבנה גזאגט צו אלעזר איידער מיר זאלן בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען. וועלין מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען. אויף אונז איז אויך דא אגזרה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא לבנה וועט זיך שעמען אונ דיא זוהן וועט זיך שעמען. דווייל זייער ליכטיגקייט וועט אונטער גיין. האט אלעזר גזאגט די שטערין אונ דיא מזלות זאלין בעטין פון מיינעט וועגין גאט זאל אויף מיר רחמנות האבען. האבען דיא שטערין אונ די מזלות גזאגט צוא אלעזר איידער מיר זאלען בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען. ווערין מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען. אויף אונז איז אויך דא אגזרה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלע הערשאפט פון הימעל וועלין צו גיין. האט אלעזר גזאגט דיא זאך ווענדט זיך נאר אן מיר. איך אליין דארף בעטין גאט פון מיינעט וועגין. האט ער גילייגט דעם קאפ צווישען דיא קניא אונ האט געשריגען מיט געוויין ביז זיין נשמה איז ארויס גיגאנגען. איז ארוס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט רבי אלעזר בן דורדיא איז אן גיברייט צו עולם הבא. איז דאך דיא קשיא רבי אלעזר האט דאך תשובה גיטאן נאר פון זנות פאר וואס איז ער באלד גישטארבען. ענפערט די גמרא דווייל רבי אלעזר איז גיוועזן אזוי שטארק בהעפט צו זנות איז ער אין דיא זאך גיוועזן אאפיקורוס. האט רבי געוויינט אונ האט גזאגט איינער דארף זיך מאטערין פיל יאהר ביז ער איז זוכה צו עולם הבא. אונ איינער קויפט עולם הבא אין איין שעה. הט רבי גזאגט ניט גענוג מען נעמט אן דיא תשובה פון דעם רשע. נאר מען רופט אים נאך רבי. ביז איצט הט ער גיהייסן אלעזר בן דורדיא. אונ איצט אז ער הט תשובה גיטאן רופט מען אים פון הימעל רבי אלעזר בן דורדיא:

**לז** רבי חנינא אונ רבי יונתן זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג. זענען זייא געקומען צו

אזוי

דע"ז וחד הוה פצי אפתחא דזונות א"ל חד לחבריה ניזיל אפתחא דע"ז (בס ע"ב) דנכים יצריה א"ל אידך ניזול אפתחא דזונות ונכפייה ליצרין ונקבל אגרא כי מטו להתם חזנהו לזונות איתכנעו מקמייהו א"ל מנא לך הא א"ל כתיב (משלי ב) מזמה תשמור עליך תבונה תנצרכה אמרו ליה רבנן לרבא מאי מזמה אי לימא תורה דכתיב בה זמה ומתרגמינן עצת חטאין וכתיב (ישעיה כח) הפליא עצה הגדיל תושיה אי הכי מזמה זמה מיבעי ליה אלא מאי מזמה מדברי זמה תשמור עליך תורה תנצרכה :

עליה פירש : דנכים. יצריה . כשהן ונעקר יצרא אנשי כנסת הגדולה בקשו רחמים ונמסר בידם והרגוהו כדאמרינן בד' מיתות כדאמר ביומ׳ בסנהד׳ בבלא ולא ניזיל אפתחא דזונות שלא ישלוט בנו יצה"ר : אתכנעו זונות מקמייהו . נכנסו מפניהם לקובהן : מנא לך הא . דסמכת אנפשך למיתי הכא ולא מסתפית מיצה"ר : זמה . מתרגמינן עצת חטאין . עצת הוא תרגום של זמה וחטאין הוא תוספת שהתרגום מפרש שהעצה הוא רעה היא של חטא אלמא דזמה היינו ל' עצה והתורה נקראת עצה דכתיב הפליא עצה הגדיל תושיה משמע תורה תשמור עליך : מזמה . מן הזמות תשמור עליך תורה דהיינו דקרא תבונה תנצרכה מזמה תשמור עליך מכל דבר רע וכהרהור חטא ואת כולהון כלוך ודבר כד"א :

לח ת"ר כשנתפסו ר' אלעזר בן פרטא ור' חנינא בן תרדיון (למינות) א"ל ר"א בן פרטא לר' חנינא בן תרדיון אשריך ר' חנינא שנתפסת על דבר אחד אוי לי שנתפסתי על חמשה דברים אמר ליה רבי חנינא בן תרדיון אשריך שנתפסת על חמשה דברים ואתה ניצול אוי לי

על חמשה דברים . חמשה על נות הן שאלין עלי :

---

אַזוֹי אַפְּרָט וָואס דָארְט הָאבֶּען זִיךְ גִיטֵיילְט צְווֵיי וֶועגִין . אֵיין וֶועג אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ אַקְלוֹיסְטֶער . אוּנ אֵיין וֶועג אִיז גִיגַאנְגֶען צוּא אַזֶעלְכֶע שְׁטוּבִּין וָואס דָארְטֶען וואוֹינֶען זוֹנוֹת . הָאט אֵיינֶער גִזָאגְט צוּם אַנְדֶערִין מִיר וֶועלִין גֵיין אִין דִיא וֶועג וָואס גֵייט צוּם קְלוֹיסְטֶער אוּנ מִיר בַּארְפֶען נִיט מוֹרָא הָאבֶּען טָאמֶער וֶועט אוּנְז דֶער יֵצֶר הָרָע אָן רֵייצְן צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה . וָוארוּם דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס פְלֶעגְט אָן רֵייצֶען צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה . אִיז עֶר שׁוֹין גִישָׁאכְטֶען . מֶעגְין מִיר שׁוֹין גֵיין אִין דִיא וֶועג . הָאט דֶער אַנְדֶערֶער גִזָאגְט מִיר זָאלֶען גֵיין אִין דִיא וֶועג וָואס גֵייט צוּ דִיא וואוֹהנוּנְגֶען פוּן דִיא זוֹנוֹת . וֶועט אוּנְז דֶער יֵצֶר הָרָע אָן רֵייצֶען צוּ זְנוּת אוּנ מִיר וֶועלֶען נִיט פָאלְגִין דֶעם יֵצֶר הָרָע . וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען שָׂכָר . וִויא זֵייא זֶענֶען גִיקוּמֶען נֶעבִּין דִיא זוֹנוֹת אוּנ זֵייא הָאבֶּען אַקוּק גִיטָאהן אוֹיף דִיא זוֹנוֹת . זֶענֶען דִיא זוֹנוֹת אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דִיא שְׁטוּבֶּען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען פַאר זֵייא . הָאט דֶער אַנְדֶערֶער גִזָאגְט צוּ אִיהם פוּן וַואנֶען הָאסְטוּ גֶעוואוּסְט אַז דוּא וֶועסְט דִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקִין אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרָע . הָאט עֶר גִזָאגְט צוּ אִיהם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מְזִמָּה תִּשְׁמוֹר עָלֶיךָ תְּבוּנָה תִּנְצְרֶכָּה . הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גִזָאגְט צוּ רָבָא וָואס מֵיינְט מֶען מְזִמָּה . אִיךְ זָאל זָאגֶען אַז מְזִמָּה מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה . וָוס אִין דִיא תּוֹרָה שְׁטֵייט דֶער וָוארְט זִמָּה . טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגוּם עֲצַת חָטָאִין . אַעֵצָה פוּן אַעֲבֵירָה צוּ טָאהְן . צוּ מְזַנֶּה זַיין . אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הִפְלִיא עֵצָה הִגְדִיל תּוּשִׁיָּה . עֶר הָאט וואוּנְדֶערְבַּאר גֶעמַאכְט דִיא עֵצָה אוּנ עֶר הָאט גִיגְרֵייסְט דִיא תּוֹרָה . וֶוערְט זְנוּת גִירוּפֶען עֲצַת אוּנ דִיא תּוֹרָה וֶוערְט אוֹיךְ גִירוּפֶען עֵצָה . פַאר וָואס שְׁטֵייט מְזִמָּה . דַארְף דָאךְ שְׁטֵיין זִמָּה . נָאר מְזִמָּה מֵיינְט מֶען פוּן זִמָּה . דִיא תּוֹרָה וָואס דוּא לֶערְנְסְט וֶועט דִיךְ הִיטֶען פוּן זִמָּה . פוּן זְנוּת . אוּנ מִיר לֶערְנֶען דָאךְ תּוֹרָה . דְרִיבֶּער וֶועלֶען מִיר גֶעהִיט וֶוערִין פוּן זְנוּת :

לח תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט וֶוען מֶען הָאט אַרַיין גִיזֶעצְט אִין אַמְטְרָאג דֶעם רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן פְּרָטָא אוּנ רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן . הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן פְּרָטָא גִזָאגְט צוּא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן וואוֹהל צוּ דִיר רַבִּי חֲנִינָא דוּא זִיצְט נָאר וֶועגִין אֵיין בִּלְבּוּל . וֵויי צוּ מִיר אִיךְ זִיץ וֶועגִין פִינְף בִּלְבּוּלִים . הָט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר וואוֹהל צוּא דִיר . דוּא זִיצְט וֶועגִין פִינְף בִּלְבּוּלִים פוּן דֶעסְטוֶועגִין וֶועט מֶען דִיךְ פְרַיי לָאזִין . אָבֶּער וֵויי צוּ מִיר אִיךְ זִיץ וֶועגִין אֵיין בִּלְבּוּל אוּנ מִיךְ וֶועט מֶען נִיט פְרַיי לָאזִין . וַוייל דוּ הָאסְט גִילֶערְנְט תּוֹרָה אוּנ הָאסְט גִיטָאהן גְמִילוּת חֲסָדִים דְרִיבֶּער וֶועסְטוּ פְרַיי וֶוערִין . אוּנ אִיךְ הָאבּ גְמִילוּת חֲסָדִים נִיט גִיטָאהן אִיךְ הָאבּ

כמי שאין לו אלוה . להגין עליו . ה"ג מאי ללא תורה : ור' חנינא בן תרדיון . גבאי של צדקה היה : מעות של פורים . שגביתי מבני העיר לחלק לעניים לסעודתן ואין אני רשאי ליקח מהן לשנותה לסכלו : נתחלפו לי במעות של צדקה. וסבור הייתי שהן של צדקה וחלקתים לעניים שלא לסעודת פורים והוי פרעתי משלי את של פורים . נ"א מעות שני לסעודת פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וסבור הייתי שהם של צדקה וחלקתים

לי שנתפסתי על דבר אחד ואיני ניצול שאתה עסקת בתורה ובג"ח ואני לא עסקתי אלא בתורה בלבד וכדרב הונא דאמר רב הונא כל העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה שנאמר (דה"ב טו) וימים רבים לישראל ללא אלהי אמת וללא כהן מורה וללא תורה מאי ללא אלהי אמת (אמר רב הונא) כל העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה . ובג"ח לא עסק והתניא ר' אליעזר בן יעקב אומר אל יתן אדם מעותיו לארנקי של צדקה אא"כ ממונה עליה ת"ח כר"ח בן תרדיון היכוני סהימן מעבד לא עבד והתניא אמר ליה מעות של פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וחלקתים לעניים מעבד עבד כדבעי ליה לא עבד :

---

נאר געלערנט תורה . אונ רב הונא האט געזאגט דער וואס לערנט נאר תורה אליין . אונ גמלות חסדים טוהט ער ניט . איז ער גלייך וויא ער וואלט ניט האבען קיין גאט וואס ער זאל איהם העלפין . ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועט זיין פיל טעג ביי יודען וואס עס וועט ניט זיין דער אמתר גאט . אונ עס וועט ניט זיין אכהן זאל פסקנן דינים . אונ עס וועט ניט זיין קיין תורה . וואס מיינט מען דער אמתר גאט וועט ניט זיין ביי זייא . הט רב הונא געזאגט דער וואס לערנט נאר תורה אליין אונ גמלות חסדים טוהט ער ניט . איז גלייך וויא ער האט ניט קיין גאט וואס זאל איהם העלפען ווארום גאט האט געבאהט דיא וועלט ער זאל טאהן חסד מיט מענטשין . דריבער דער וואס טוהט חסד מיט מענטשין איז ער בהעפט אין דיא מדות פון גאט . וועט גאט מיט איהם אויך טאהן חסד אונ וועט אויף איהם בשיצען . אבער אז דער מענטש טוהט ניט קיין חסד צו מענטשין . וויל גאט צו איהם אויך ניט טאהן קיין חסד . אונ וויל ניט בשיצען אויף דעם מענטשין . אונ ווען גאט טוהט חסד ווערט ער גערופען דער אמתר גאט . ווארום אז אמענטש טוהט חסד מיט אמענטשין איז דאס אפארשטער חסד . ווארום ער האפט אז פאר דיא טובה וועט גאט איהם אפ טאהן אטובה . אדער דער מענטש וועט איהם אפ מאהן אטובה . אבער אז גאט טוהט אמענטשין אטובה איז דאס אאמתה טובה . ווארום גאט דארף ניט דעם מענטשינס טובה אונ אמענטש קען ניט טאהן קיין טובה צו גאט . פרעגט דיא גמרא הט דען רבי חנינא בן תרדיון ניט געטאהן קיין גמלות חסדים . מיר האבען דאך געלערנט רבי אליעזר בן יעקב הט געזאגט אמענטש זאל ניט אריין ווארפען געלט אויף צדקה אין דער קאסטען וואו דארט ליגט דיא צדקה געלט . סיידין דער גבאי אויף דעם געלט איז אזו פרום וויא רבי חנינא בן תרדיון . זעהן מיר דאך אז רבי חנינא איז געוועזען אגבאי פון צדקה . ענפערט די גמרא אזוי מיינט מען דער גבאי זאל זיין אבגלויבטער מענטש אזוי וויא רבי חנינא בן תרדיון . אבער רבי חנינא איז ניט געוועזען קיין גבאי פון צדקה . פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט רבי חנינא בן תרדיון האט געזאגט איך האב צו זאמען גענומען פורים געלט ביי דיא מענטשין פון שטאט איך זאל זייא צו טיילען צו ארעמע לייט זייא זאלען קויפען עסין אויף פורים . אונ דער דין איז אז פון דעם פורים געלט וואס מען גיט דעם ארעם מאן מוז ער נאר קויפען עסין אויף פורים אונ טאר ניט אוים געבען אויף קיין אנדער זאך . איז אבער ביי רבי חנינא פאר טאהטט געווארען דיא פורים געלט . ער האט געמיינט אז דאס איז צדקה געלט . הט ער דאס צו טיילט צו דיא ארעמע לייט פאר צדקה געלט . האבען די ארעמע לייט פון דעם געלט געקויפט אנדערע זאכען אונ האבען ניט געקויפט עסין אויף פורים . האט רבי חנינא גינומען פון זיין אייגענע געלט אזוי פיל ווי ער הט צו זאמען גענומען די פורים געלט אונ ער הט צו טיילט צו דיא ארעמע לייט פאר פורים געלט . זעהן מיר דאך אז רבי חנינא איז געוועזען אגבאי פון צדקה . ענפערט די גמרא רבי חנינא האט טאקי געטאהן גמלות חסדים . נאר ניט אזוי פיל וויא ער האט גידארפט טאהן :

לט אתיוה לר"א בן פרטא אמרו ליה מ"ט תנית ומ"ט גנבת אמר להו אי סייפא לא ספרא ואי ספרא לא סייפא מדהא לא איתא הא נמי לא איתא ומאי טעמא קרו לך רבי רבן של טרסיים אני איתו ליה תרי קיבורי אמרן ליה הי דשתיא והי דערבא אתרחיש ליה ניסא אתיא זיבורא ויתיב על דערבא ואתיא זיבורתא ויתיב על דשתיא אמר להו הא דשתיא והא דערבא ומ"ט לא אתית לבי אבידן אמר להו זקן אני ומתיירא אני שמא תרמסוני ברגליכם אמרו ועד האידנא כמה סבא אתרמוס אתרחיש ניסא וארמס חד סבא בההוא יומא ומ"ט שבקת עבדך לחירות אמר להו לא היו דברים מעולם קם חד מינייהו לאסהודי ביה אתא אליהו אידמי ליה כחד מחשיבי דמלכותא אמר ליה מדאתרחיש ליה ניסא בכולהו בהא נמי מתרחיש לי' ניסא וההוא גברא בישותיה הוא דקא מחוי

ולא

לעניים ולא חזרתי לגבות מאדמתי של צדקה : גנבת. גנב וליסטים הייתי: מדהא לא איתא. כשם שאין סכינים כי דהא אין שחיטה כאדם אומר כן אין תכרתם כי והאומר להם עלי שקר ממש בדבריו : מ"ט קרו לך רבי. הרי עלילה שליסית : טרסיים. גרדיים : קיבורי. פקעיות למוסילא"ש הי דשתיא והי דערבא. איזה של שתי ואיזה של ערב : אתא זבורא. זכר ויתיב על דערבא ואתא זיבורתא נקבה ויתיבה על דשתיא ולכך שהוא נס הנעשה לו שהשתי מקבל ערב כנקבה המקבלת את הזכר : לבי אבידן. בית שאוכלין ושותין שם לכבוד ע"ז ומזבלין זבול לע"ז ומספקין על עסקים לידע מה היא צריכה ומתכוונין : עבדך לחירות. והם גזרו על כך לפי שהוא דת יהודים : אידמי ליה. להכות גברא : בישותיה הוא דקא מחוי.

---

לט אתיוה. מען הט געבריינגט רבי אלעזר בן פרטא צום משפט. האבען די דיינים געזאגט צו רבי אלעזר פאר וואס האסטו געלערנט תורה אונ פאר וואס האסטו גיגנבת. האט רבי אלעזר צו זייא געזאגט. דער מענטש וואס גייט מיט א שווערד צוא גנבען איז ער ניט פון דיא מענטשען וואס זיצען אין בית המדרש אונ לערנען תורה. אונ דער מענטש וואס זיצט אין בית המדרש אונ לערנט וועט ניט גיין מיט א שווערד גנבען. דיא ביידע זאכען צו זאמען קענען ניט זיין ביי איין מענטשען. הט מען דאך אייך געזאגט אלייגען אז איך האב גיטאהן ביידע זאכען. זאג איך אייך איצט אז ביידע זאכען האב איך ניט גיטאהן. איך האב ניט גילערנט תורה אונ האב ניט גיגנבת. האבען דיא דיינים געזאגט צו רבי אליעזר פאר וואס רופט מען דיך רבי. הט רבי אלעזר געזאגט די וועבערס רופען מיך רבי ווייל איך לערין זייא די ארבעט פון וועבעריי. האט מען גיבריינגט צוויי קנוילען פאדים. אונ מען האט גיפרעגט ביי רבי אלעזר אז דוא ביסט א וועבער זאג אונז וועלכער קנויל איז שתי וויא לאנגע פעדים אונ וועלכער קנויל איז ערב וויא דורך ווארף פעדים. האט זיך אים גיטראפען א נס איז גיקומען אפליג א זכר אונ האט זיך גיזעצט אויף דעם קנויל ערב פאדים. אונ עס איז געקומען אפליג א נקבה אונ האט זיך גיזעצט אויף דעם קנויל שתי פאדים. האט רבי אלעזר זייא געזאגט דער קנויל איז ערב פאדים אונ דער קנויל איז שתי פאדים ווארום דער פאדים ערב איז אזוי וויא א זכר אונ דער פאדים שתי איז אזוי וויא א נקבה: האבען דיא דיינים גיפרעגט ביי רבי אלעזר פאר וואס קומסטו ניט צוא אונזער פאר זאמלונג זאלסט מיט אונז עסין אונ טרינקען אונ געבין נדבות פון וועגין אונזער גאט. האט רבי אלעזר געזאגט איך בין אאלטער מאן אונ בייא אייער פאר זאמלונג זענען דא פיל מענטשען האב איך מורא מען זאל מיך ניט צו טרעטין מיט די פיס. האבען די דיינים געזאגט וויא פיל אלטע לייט האט מען דאס צו טרעטין ביז איצט. עס הט נאך קיין מאהל ניט גיטראפען מען זאל אאלטען מאן צו טרעטין. האט זיך גיטראפען א נס אז דעם טאג הט מען צוא טרעטין אאלטען מאן: נאך האבען דיא דיינים גיפרעגט ביי רבי אלעזר דוא האסט גיהאט א גוי'ישען קנעכט פאר וואס האסטו איהם ארויס גילאזען פריי ער זאל ווערין א יוד. האט רבי אלעזר געזאגט עס איז ליגען. האט זיך איינער פון זייא אויף גישטעלט אונ ה.ט גיוואלט צו גיין עדות זאגן אויף רבי אלעזר אז ער האט יא פריי גימאכט זיין קנעכט. איז גיקומען אליהו הנביא אונ הט זיך פאר שטעלט וויא איינער פון דיא גרויסע לייט פון מלך אונ האט געזאגט צו דעם עדות אזוי פיל נסים איז היינט גיטאהן גיווארען צו דעם רבי אלעזר געוויס וועט איהם אויף דער זאך אויך טרעפין א נס. דו וועסט נאר ווייזען דיין שלעכטיגקייט. אונ ער וועט גיהאלפען ווערין.

האט

ולא אשגח ביה קם למיכר להו הוה כתיבא אגרתא דהוה כתיב מחשובי דרומאי לשדורי לקיסר ושדרוה בידיה דההוא גברא אתא אליהו פתקיה ארבע מאה פרסי אזל ולא אתא

מ אתיוה לר׳ חנינא בן תרדיון א״ל מ״ט קא עסקת בתורה אמר להו כאשר צוני ה׳ אלהי מיד גזרו עליו לשרפה ועל אשתו להריגה ועל בתו לישב בקובה של זונות . עליו לשרפה שהיה (דף יח) הוגה את השם באותיותיו והיכי עביד הכי והא תנן אבא שאול אומר אף ההוגה את השם באותיותיו אין לו חלק לעה״ב , להתלמד עבד דתניא (דברים יח) לא תלמד לעשות אבל אתה למד להבין ולהורות ואלא מ״ט איענש משום דהוגה את השם בפרהסיא הוה , ועל אשתו להריגה דלא מיחתה ביה מכאן אמרו כל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה נענש עליו , ועל בתו לישב בקובה של זונות דאמר ר׳ יוחנן פעם אחת היתה בתו מהלכת לפני גדולי רומי אמרו

רשעך הלכה והודיע ברבים [illegible] עליו כם : הוה כתיבא חד אגרתא . דכתבו חשובי רומי לשדורי לקיסר על עסקיהן בההוא גברא בשליח בידיה דההוא גברא : פתקיה אליהו והרחיקו ד׳ מאות פרסי למען לא יבוא עוד לביתו כמו שקל קלא פתק ביה :

עליו לשרפה . למה נענש כן : לפי שהיה הוגה את השם באותיותיו . דורשו באותיותיו ובתיבות אותיות ושונה בו מה שחפץ : להתלמד עבד כדתניא כו׳ . ומיהו הקב״ה מדקדק עם הצדיקים כחוט השערה ואפילו להתלמד יש לחוש לכבוד הרב וקרא דלא תלמד נעבות כמילי אחרנייתא הוקמיה כגון נטיעה קבוצין דסנהדרין ודמות צורות לבנות דר״ג : בקובה . אהל זונה כדכתיב אל הקובה :

---

האט דער עדות ניט געקוקט אויף זיינע רייד . אונ האט זיך גישטעלט עדות זאגען אז רבי אלעזר האט פריי גימאכט זיין קנעכט . איז גילעגין אגעשריבענער בריף וואס דיא גרויסע לייט פון רוים האבען איהם געשריבען אונ האבען איהם גיוואלט שיקען צום קיסר . האט מען גזאגט צוא דעם עדות ער זאל שוין פארען מיט דעם בריף צום קיסר . האט ער שוין קיין צייט ניט גיהאט עדות צו זאגען . וויא ער איז ארויס גיפארען פון שטאט . איז גיקומען אליהו אונ האט דעם עדות פאר ווארפען פיר הונדערט מייל וייט אונ ער איז שוין ניט צוריק גיקומען :

מ אתיוה . דער נאך האט מען גיברייננגט רבי חנינא בן תרדיון צום משפט . האט מען גיזאגט צו איהם פאר וואס לערנסטו תורה . האט רבי חנינא גיזאגט וייל גאט האט גיבאטען איך זאל לערנען תורה . האט מען באלד גיפסקנט איהם זאל מען פאר ברענען . דאס וייב זאל מען הרגנן . דיא טאכטער זאל זיצען ביי די זונות . פאר וואס האט גאט גישטראפט מען זאל רבי חנינא פאר ברענען . וייל ער האט ארוים גירעט דעם נאמען פון גאט מיט די אותיות אונ ער האט גיטאהן וואס ער האט גיוואלט . פרעגט די גמרא וויא אזוי האט רבי חנינא גיטאהן אזוי אזאך מיר האבין דאך גילערונט אבא שאול זאגט דער וואס רעט ארויס דעם נאמען פון גאט מיט די אותיות האט ער ניט קיין חלק עולם הבא . ענפערט די גמרא ער האט דאס גיטאהן צום לערנען ער זאל דאס נאר קענען אבער גיטאהן האט ער מיט דיא שמות גאר ניט . אונ מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט לערנען צום טאהן . אבער דוא מעגסט לערנען צו פאר שטיין דוא זאלסט וויסען צו פסקנן איין אנדערין וואס ער טאר ניט . פרעגט די גמרא אז רבי חנינא האט גימעגט פאר וואס איז ער גישטראפט גיווארין . ענפערט די גמרא וייל ער האט גירעט דעם נאמען פון גאט מיט די אותיות פאר פיל מענטשין . אונ ער האט נאר גימעגט אין דער שטיל קיינער זאל ניט הערין . אונ פאר וואס האט גאט גישטראפט די וייב זיינע מען זאל זיא הרגנן . וייל זיא האט איהם ניט גישטערט ער זאל ניט ריידען דעם נאמען פון גאט פאר פיל מענטשין . פון דאנען האבין די חכמים גיזאגט דער מענטש וואס קען שטערין זיין חבר ער זאל ניט טאהן קיין עבירה . אונ ער שטערט איהם ניט . ווערט ער אויך גישטראפט . אונ פאר וואס האט גאט גישטראפט די טאכטער זיינע זיא זאל מוזען זיצען צווישען זונות . ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט אמאהל איז די טאכטער פון רבי חנינא גיגאנגען פאר די גרויסע לייט פון רוים . האבין די גרויסע לייט פון רוים גיזאגט וויא שיין זענען די טריט פון די מיידיל . וויא זיא האט

אמרו כמה נאה פסיעותיה של ריבה זאת מיד דקדקה בפסיעותיה והיינו דאמר ר"ל מ"ד (תהלים מט) עון עקבי יסובני עונות שאדם דש בעקביו בעה"ז מסבבין אותו ביום הדין ובשעת הוצאת שלשתן הצדיקו עליהם את הדין הוא אמר (דברים לב) הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט, אשתו אמרה (שם) אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא. בתו אמרה (ירמיה לב) גדול העצה ורב העליליה אשר עיניך פקוחות על כל דרכי בני אדם אמר רבי כמה גדולים שלשה הצדיקים הללו שנזדמנו להם שלשה מקראות של צדוק הדין בשעת צדוק הדין:

דקדקה. לפסוע פסיעה נאה וכתיב כל כבודה בת מלך פנימה: שאדם דש בעקביו. דקדוק פסיעות כי הכא. אלא שאדם דורכן ברגליו שמתן הבוזין בעיניו כלום: על כל דרכי. אפילו דקדוק פסיעות:

שאתה יושב ועוסק בתורה. והם גזרו על כך: דברים של טעם. שהתורה את ביתו

**מא ת"ר** כשחלה רבי יוסי בן קסמא הלך ר"ח בן תרדיון אצלו לבקרו א"ל חנינא אחי אי אתה יודע שאומה זו מן השמים המליכוה שהחריבה ביתו ושרפה את היכלו והרגה את חסידיו ואבדה את טוביו ועדיין היא קיימת ואני שמעתי עליך שאתה יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים וספר (תורה) מונחת בחיקך אמר ליה מן השמים ירחמו אמר ליה אני אומר לך דברים של טעם ואתה אומר מן השמים ירחמו תמהני

אם

---

האט דאס געהערט האט זיא געזעהן צו מאכען נאך שענערע טריט. דאס איז וואס ריש לקיש האט געזאגט עס שטייט אין פסוק די זינד פון מיינע טריט רינגלען מיך ארום. די זינד וואס דער מענטש טרעט מיט זיינע פיס אויף דער וועלט וואס דער מענטש רעכענט דאס גאר ניט פאר עבירות. וועלין איהם ארומרינגלען אויף יענער וועלט ווען ער וועט שטיין צום משפט און ער וועט אויף זייא געשטראפט ווערין. און ווען מען האט די אלע דריי ארויס געפירט האבין זיי אויף זיך גערעכט געמאכט דעם משפט פון גאט. רבי חנינא האט געזאגט דעם פסוק הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט ד"ה באשעפער זיינע ווערק זענען מיט גאנצקייט. זיינע אלע וועגין זענען מיט משפט. זיין ווייב האט געזאגט דעם פסוק אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא ד"ה גאט איז אמת ער טוהט קיין אומרעכט ער איז גערעכט און גלייך. זיין טאכטער האט געזאגט דעם פסוק גאט גיט גרויסע עצות און ער טוהט גרויסע זאכין. דיינע אויגין זענען אפען צו קוקען אויף אלע וועגין פון די מענטשין. האט רבי געזאגט ווי גרויס זענען געוועזן דיא דריי צדיקים. אז זייא האבען געטראפען צו זאגין דריי פסוקים פון צדוק הדין ווען זייא האבין אויף זיך גידארפט גירעכט מאכין דעם דין:

**מא** תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט ווען רבי יוסי בן קסמא איז קראנק געווען איז רבי חנינא בן תרדיון געגאנגען צו איהם מבקר חולה זיין. האט רבי יוסי געזאגט צו רבי חנינא, חנינא מיין ברודער ווייסטו דען ניט אז די פאלק רוים האט מען געמאכט קעניגען פון הימעל. זיא האט חרוב געמאכט דיא שטוב פון גאט און זיא האט פאר ברענט זיין היכל און זי האט געהרגעט זיינע חסידים און זיא האט פאר לענדט זיינע בעסטע מענטשין און זיא איז נאך דא. געוויס האט מען אזוי געהייסען פון הימעל. און איך האב געהערט אויף דיר אז דוא זיצט און לערנסט תורה. און דוא פאר זאמעלסט פיל מענטשין און א ספר תורה ליגט ביי דיר אין שויס. און לערנסט תורה. דיא רוימים האבען דאך פאר באטען מען זאל ניט לערנען תורה. האט רבי חנינא געזאגט פון הימעל וועט מען רחמנות האבען אויף מיר. האט רבי יוסי געזאגט צו רבי חנינא איך זאג דיר אזאך מיט א טעם ווייל מיר זעהן דיא רוימים האבען אזוי פיל שרעקליכס געטאהן און גאט לאזט זייא לעבין מיט גרויס גליק. איז דאך א סימן אז אלץ וואס זיי טוהען וויל גאט אזוי. ווייל גאט דיא גזרה אויך וואס זייא האבען גיזאגט מען זאל ניט לערנען תורה. און דוא זאגסט גאט וועט רחמנות האבען. אויב מען וועט דיך פאר ברענען דיך מיט דער ספר תורה אין פייער. וועט מיר זיין אחריות וואונדער. האט רבי חנינא געזאגט צו רבי יוסי ווען

איך

אם לא ישרפו אותך ואת ס"ת באש א"ל ר"ח מה אני לעולם הבא א"ל כלום בא מעשה לידך א"ל רבי מעות של פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וחלקתים לעניים אמר ליה אם כן מחלקך יהא חלקי ומגורלך יהא גורלי אמרו לא היו ימים מועטים עד שנפטר ר' יוסי בן קסמא והלכו כל גדולי רומי לקברו והספידוהו הספד גדול ובחזרתן מצאו לר"ח בן תרדיון שהיה יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים וס"ת מונח לו בחיקו הביאוהו וכרכוהו בס"ת והקיפוהו בחבילי זמורות והציתו בהן את האור והביאו ספוגין של צמר ושראום במים והניחום על לבו כדי שלא תצא נשמתו מהר אמרה לו בתו אבא אראך בכך אמר לה אלמלי אני נשרפתי לבדי היה קשה הדבר לי ועכשיו שאני נשרף וס"ת עמי מי שיבקש עלבונה של תורה הוא יבקש עלבוני אמרו לו תלמידיו ר' מה אתה רואה אמר להן גוילין נשרפין ואותיותיו פורחות אף אתה פתח פיך ויכנס בך האש אמר להן מוטב שיטלנה מי שנתנה ואל יחבל הוא בעצמו אמר ליה קליסטנירו רבי אם אני מרבה עליך בשלהבת ונוטל ספוגין של צמר מעל לבך אתה מביאני לעה"ב א"ל הן אשתבע לי אישתבע לו

זכינה את תכריכיו ועדיין היה קיימת: כלום מעכב מה לידך. ושמעתי אני ר' יח נוהג: מעות של פורים. שהנחתי לסעודת פורים בלי נתחלפו לי וחלקתים לעניים וסבור הייתי שחלקתי כל צדקה היה ולא נפרעתי מחלקי כל צדקה: מחלקך יהא חלקי. הואיל והייה ותכן כמזוגך: הרחך בכך. כלומר זהו בכבוד כל תורה: קליסטנירו. ממונה עני:

---

איך האבען עולם הבא. האט רבי יוסי גזאגט צוא רבי חנינא האט זיך דיר עפעס אנאהל גיטראפען. האט רבי חנינא גזאגט פורים געלט איז מיר פאר טאהשט געווארען אויף געלט פון צדקה האב איך זייא צו טיילט צו ארעמע לייט והאב איך בצאהלט די פורים געלט פון מיין אייגענע געלט. אזוי וויא עס שטייט אין סימן לחו. האט רבי יוסי גזאגט צוא רבי חנינא אויב עס איז אזוי פון דיין חלק זאל זיין מיין חלק אונ פון דיין גורל זאל זיין מיין גורל. איך וואלט אויך וועלען האבען אזוי עולם הבא וויא דוא וועסט האבען. מען האט גזאגט אין אקליינע צייט שפעטער איז רבי יוסי בן קסמא גישטארבען. אונ דיא גרעסטע מענטשן פון רוים זענען גיגאנגען ביז צו זיין קבר אונ זיי האבען איהם מספיד גיוועזן אגריסען הספד. אונ ווען זייא זענען גיגאנגען צוריק פון דער לויה האבען זייא גיטראפען רבי חנינא בן תרדיון זיצט אונ לערנט תורה אונ ער האט פאר זאמעלט נעבין זיך פיל מענטשן אונ אספר תורה ליגט ביי איהם אין שוים. האבען זייא גענומען אונ האבען איין געוויקעלט רבי חנינא אין דער ספר תורה אונ האבען געלייגט ארום איהם בינטלאך צווייגען אונ האבען אן געצונדען פייער אין דיא בינטלאך צווייגען. אונ זייא האבען גיבריינגט שטיקער וואל ניט געשפונענע אונ האבען די וואל גווייקט אין וואסער אונ האבען דיא וואל גילייגט אויף זיין הארץ ער זאל ניט קענען געשווינט שטארבען. האט די טאכטער גזאגט צו רבי חנינא טאטע דאס איז דער שבר פון דיין תורה איך זאל דיך אזוי זעהן. האט רבי חנינא צוא איר גזאגט ווען איך וואלט פאר ברענט געווארען אליין. וואלט מיר די זאך שווער גיוועזן. איצט אז איך בין פאר ברענט געווארען מיט די ספר תורה. ווער עס וועט זוכען די חרפה פון די ספר תורה. דער וועט זוכען מיין חרפה. די תלמידים האבען גזאגט צו רבי חנינא רבי וואס זעהסטו. האט רבי חנינא צו זייא גזאגט איך זעה וויא די אותיות פון דיא ספר תורה פליהען ארויף אונ עס ווערט פאר ברענט דער לידיגער פארמעט. זאבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי חנינא העפין דיין מויל וועט אין דיר אריין גיין דער פייער וועסטו געשווינט שטארבען. האט רבי חנינא צו זייא גזאגט עס איז בעסער עס זאל צו נעמען דיא נשמה דער וואס האט זיא מיר גיגעבען. אונ איך וויל מיך אליין ניט פאר ברענגען. האט אעלצטער גזאגט צו רבי חנינא רבי אויב איך וועל אויף דיר ארויף לייגען נאך פייער אונ וועל פאר בעסערין דעם פלאם אונ איך וועל אראפ נעמען דיא נאסע וואל פון דיין הארץ וועסטו מיך ברייגגען צו עולם הבא. האט רבי חנינא גזאגט יא. האט דער עלצטער גזאגט צו רבי חנינא שווער אז דוא וועסט מיך ברייגגען צוא עולם הבא. האט רבי חנינא גישוואוירן. האט דער

עלצטער

לו מיד הרבה עליו בשלהבת ונטל ספוגין של צמר מעל לבו ויצאה נשמתו במהרה אף הוא קפץ ונפל להוך האור יצאה בת קול ואמרה ר"ח בן הרדיון וקליסטנירו מזומנים לחיי העה"ב בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בשעה אחת ויש קונה עולמו בכמה שנים :

ספוג. צמר נקי שלו כמה: דינרי . זהובים : קצא נפשיה כחד פרשא . כאחד מן הפרשים עניני לבוש כאחד מן הפרשים : דשתנא הכא . דרך נשים ני : מנהגא . מאחר כלו' מאתן עד שיפסוק לך והזונותיה בבבא קמא בשלהי מרובה מתן שכר ניהיה שמואל : פלגא פלח . את כמלך בכל עם שיעלה עליך פייסנו בדינרין : וכי שלמי . כשיכלו הדינרין ממאי פלטה: מי יימר : שלמה אהך שאגל

**מב ברוריא** דביתהו דר' מאיר ברתיה דר' חנינא בן תרדיון הות אמרה ליה זילא בי מלתא דיתבה אחותי בקובה של זונות שקל תרקבא דדינרין ואזל ואמר אי לא אתעביד בה איסורא מתרחיש ניסא ואי עבדת איסורא לא מתרחיש ניסא אזל נקט נפשיה כחד פרשא אמר לה השמיעי לי אמרה ליה דשתנא אנא אמר לה מתרחנא לך אמרה ומאי נפקא לך מינאי דאיכא נפישין דשפירי סינאי טובא אמר ש"מ לא אתעביד בה איסורא כל דאתי אמרה ליה הכי אזל לגבי שומר דידה א"ל הבה ניהלי א"ל מסתפינא ממלכותא א"ל שקול תרקבא דדינרי פלגא פלח ופלגא ליהוי לך א"ל וכי שלמי מאי איעבד א"ל איכד אלהא דמאיר ענני ומיתצלת א"ל (ע"ב) וכי יימר דהכי הוא אמר ליה השתא חזית הוו כלבי דאכלי אינשי שקל קלא פתק בהו

---

עלצטער באהד געמאכט אגרויסען פלאם אונ האט אראפ גענומען דיא נאסע וואל פון זיין הארץ. איז באלד ארויס גיגאנגען די נשמה פון רבי חנינא. אונ דער עלצטער איז אויך אריין גישפרונגען אין פייער אונ איז פאר ברענט גיווארען. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט רבי חנינא בן תרדיון אונ דער עלצטער זענען אן גיברייט צוא עולם הבא. האט רבי געוויינט איינער קויפט עולם הבא אין איין שעה. אונ איינער מאטערט זיך פיל יאהר ביז ער קויפט עולם הבא:

**מב** ברוריא. די וייב פון רבי מאיר איז גיוועזן די טאכטער פון רבי חנינא בן תרדיון. האט ברוריא גיזאגט צו רבי מאיר עס איז פאר מיר ניט שיין אז מיין שוועסטער זאל זיצען בייא די זונות. האט רבי מאיר גינומען דריי מאס גילדינס אונ איז גיגאנגען איהר אויס לייזען. הט רבי מאיר אזוי גיזאגט אויב מען האט נאך מיט איהר ניט מזנה גיוועזן וועט זיך טרעפין א נס אונ איך וועל איהר קענען אויס לייזען. אונ אויב מען האט שוין מיט איהר מזנה גיוועזן. וועט קיין נס ניט טרעפין. אונ איך וועל איהר ניט קענען אויס לייזען. איז רבי מאיר גיגאנגען אונ האט זיך פאר שטעלט ווי א רייטער. די שוועגערין זיינע זאל איהם ניט דער קענען. אונ האט גיזאגט צו דיא שוועגערין זיא זאל מיט איהם מזנה זיין. האט די שוועגערין גיזאגט איך בין אנדה. האט רבי מאיר צו איהר גיזאגט איך וועל ווארטין ביז דוא וועסט שוין קענען מיט מיר מזנה זיין. האט זיא גיזאגט צו רבי מאיר צו וואס דארפסטו מיך גיי אריין אין שטוב איז דא נאך זונות וואס זענען שענער ווי איך. האט רבי מאיר ביי זיך געטראכט פון די רייד זעהט מען אז זיא האט נאך ניט מזנה גיוועזן. ווער עס קומט צו איהר ענטפערט זיא איהם אזוי ווי זי האט מיר גיענטפערט. איז רבי מאיר גיגאנגען צו איהר היטער אונ האט גיזאגט צו איהם גיב זיא מיר. האט דער היטער גיזאגט איך האב מורא פאר די עלצטע פון דעם מלך. האט רבי מאיר גיזאגט צו דעם היטער איך גיב דיר דריי מאס גילדען העלפט וועסטו נעמען פאר דיר אונ העלפט וועסטו האבין צו געבין די עלצטע פון מלך צו יעדער ציט ווען זיי וועלין דיר ווערין שלעכטם מאהן. הט דער היטער גיזאגט או רבי מאיר אז דאס געלט וועט זיך אויס לאזין אונ די עלצטע פון מלך וועלין מיך פייניגען וואס וועל איך טאהן. האט רבי מאיר גיזאגט צום היטער דו זאלסט ן דער גאט פון מאיר זאל מיר ענטפערין. וועלין זייא דיך פרייא לאזין. האט דער היטער גיזאגט צו רבי מאיר פון וואנען ווייס איך אז עס איז אזוי. האט רבי מאיר גיזאגט צום היטער דו וועסט באלד זעהן. דארטין זענען גיוועזן הינט וואס עסין מענטשין. האט ער גינומען איין שטיקל

בי"ו אתו עליה למיכליה אמר אלהא דמאיר ענני שבקוהו יהבה לה ניהליה לסוף אשתמע מלתא בי מלכא אתיוהו אסקוהו לזקיפא אמר אלהא דמאיר ענני אחתוהו אמרו ליה מאי האי אמר להו הכי הוה עובדא חקקוה לדמותיה דר"מ אפתחא דרומאי אמרי כל דחזייה ליה לתפסיה יומא חד חזיוה רהטו אבתריה רהט מקמייהו ואזל לבי זונות א"ד בשול עכו"ם חזא טמש בהא ומתק בהא וא"ד אתא אליהו אידמי ליה כזונה כרכתיה (ואחדתיה) אמרי ח"ו אי ר"מ הוה לא היה עביד הכי קא ערק לבבל א"ד משום האי מעשה וא"ד במעשה דברוריא :

ת"ר

בתפלה זו : בקל קלא. ססת רגבים : אתיוהו. לשומר : אסקוהו לזקיפא. להליס פורק"א בגולבין כס : מאי האי. דלא מלינא למזקפא : ההא לבי זונות. כדי שיאמרו לא הוא דאיהו לא הוה עייל : טמש בהא ומתק בהא. טבל אחד מאלבעותיו ומצץ את האחרת : כרכתיה. חבקתו כאילו היה רגיל אצלה : א"ד משום האי מעשה ערק : וא"ד משום מעשה דברוריא. בפעם אחת נלגלה על מה שאמרו חכמים נשים דעתן קלות עליהן ואמר לה חייך סופך להודות לדבריהן וצוה לאחד מתלמידיו לנסותה לדבר עבירה והפציר בה ימים רבים עד שנתרצית וכשנודע לה הדבר חנקה עצמה וערק ר"מ מחמת כיסופא :

---

שטיקל פלאטע אונ האט אוועק געטאהן צו די הינט. ווענען די הינט אן גירייצט גיווארען אויף איהם אונ האבען איהם גיוואלט אויף עסין. האט ער גיזאגט דער גאט פון מאיר זאל מיר ענטפערין, האבען אים די הינט אפ גילאזין. האט דער היטער גיגעבין צו רבי מאיר זיין שוועגערין. דער נאך איז גיהערט גיווארען דיא זאך ביי דעם מלך אז דער היטער האט פריי גילאזט גיין די טאכטער פון רבי חנינא. האט מען גינומען דעם היטער אונ מען האט איהם ארויף גיצויגין צום הייגען. האט דער היטער גיזאגט דער גאט פון מאיר זאל מיר ענטפערין. הט מען איהם אראפ גילאזט. האבען דיא עלצטע פון מלך זיך גיוואונדערט פאר וואס מען קען איהם ניט הייגען. האט דער היטער זיי דער ציילט די גאנצע געשיכטע מיט רבי מאיר. האט מען אויף גימאלט אויף דעם טויער פון רוים די צורה פון רבי מאיר. אונ מען האט גיזאגט ווער עס וועט זעהן אזוי אמענטש זאל ער אים חאפין. אמאהל האט מען איהם דער זעהן איז מען גילאפען נאך איהם איז ער ארייין גילאפען אין אשטוב וואס דארטען זיצען זונות. האט מען גיזאגט דס איז ניט רבי מאיר. ווארום רבי מאיר וואלט ניט אריין גיין צו זונות. האט מען איהם ניט גיזאגט. אנדערע זאגין רבי מאיר האט לויפענדיג דער זעהן ציין גוישע עסען געקאכטע האט ער אריין געטונקט איין פינגער אין דאס עסען אונ האט גינומען די האנט צום מויל אונ הט אריין גישטעקט איין אנדער פינגער אין מויל. די נאך יאגערס האבען גימיינט אז ער האט אריין גענומען אין מויל דעם זעלבינען פינגער וואס ער האט איין געטונקט אין די טרפה עסין: האבין זיי גיזאגט דס איז ניט רבי מאיר. ווארום רבי מאיר וועט ניט עסין טרפות. אנדערע זאגין אליהו הנביא איז געקומען אונ האט זיך פארשטעלט פאר אזונה אונ האט ארום גענומען דעם רבי מאיר. האבען די נאך יאגערס גיזאגט חס ושלום רבי מאיר וועט אזעלכעס ניט טאהן. דאס איז ניט רבי מאיר. איז רבי מאיר אנטלאפען אין בבל. אנדערע זאגין דורך דער מעשה איז רבי מאיר אנטלאפען אין בבל. אונ אנדערע זאגין דורך דער מעשה פון זיין ווייב ברוריא איז ער אנטלאפען אין בבל ווארום ברוריא די ווייב פון רבי מאיר פלעגט אייביג לאכען פון דעם וואס דיא חכמים האבען גיזאגט אז ווייבר האבען אגרינגע דעה מען קען זיי איבער רעדען. ויא האט גיזאגט אז מען וועט איהר ניט קענען איבער רעדין. האט רבי מאיר גיזאגט זיינעם אתלמיד אז ער זאל איבער רעדין די ברוריא זיא זאל מיט איהם מזנה זיין. עס האט אזוי לאנג גידוערט ביז זיא האט איינגעווילינט צו מזנה זיין מיט דעם תלמיד. דער נאך האט זיא זיך דר מאוסט אז דאס האט רבי מאיר גיטאהן. פאר חרפה האט זיא זיך דער שטיקט. אונ רבי מאיר איז פאר חרפה אנטלאפען אין בבל:

תט

**מג ת"ר** ההולך לאיצטדינין ולכרקום וראה את הנחשים ואת החברים בוקיון מוקיון מוליגין לוליון סגלרין סגלרינון הרי זה מושב לצים ועליהם הכתוב אומר (תהלים א) ובמושב לצים לא ישב וסמיך ליה כי אם בתורת ה' חפצו הא למדת שהדברים הללו מביאים את האדם לידי ביטול תורה ורמינהו (הולכין) לאיצטדינין מותר מפני שצוות ומציל לכרקום מותר מפני ישוב מדינה ובלבד שלא יתחשב עמהם ואם נתחשב עמהם אסור קשיא איצטדינין אאיצטדינין וקשיא כרקום אכרקום בשלמא כרקום אכרקום לא קשיא כאן במתחשב עמהם כאן בשאין מתחשב עמהם אלא איצטדינין אאיצטדינין קשיא תנאי היא דתניא אין הולכין לאיצטדינין מפני מושב לצים ר' נתן מתיר מפני שני דברים אחד מפני שצוות ומציל ואחד מפני שמעיד עדות אשה להשיאה. ת"ר אין הולכין (לאיצטדיאות) [לטרטיאות] ולקרקסיאות מפני שמזבלין שם לע"ז

דבר

לאיצטדינין. מקום שמנגחין את השור: ולכרקום. מגדל ועושים שם שחוק וליצנות: את הנחשים. מנחשים ומכשפים: ואת החברים. לוחשי לחשים: בוקיון מוקיון לוליין סגלרין סגלרינון. כולם מיני ליצנים הם: הא למדת. מדסמיך ליה כי אם בתורת ה' חפצו (ובתורתו יהגה יומם ולילה) מכלל דמאן דאזיל בהני לאו בתורת ה' חפצו: שצוות ומציל. אם רואה ביניהם שם יהודי צועק ומתחנן נגש ומצילו: מפני ישוב המדינה. ישראל הדרים בתוך העיר הזה מבקש מפני ישוב כרקום להצילם: שלא יתחשב עמהם. כחוקם ולעשות מגדל עמהם: שמעיד עדות אשה. אם רואה הכרו ישראל נהרג שם מעיד לאשתו ומשיאה: שמזבלין שם. מסדרין גללי ע"ז להתנדב לה: מזבלין. לשון יזבלני אישי אמיסנ"ר בלעז ענין חניה

---

**מג** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דער מענטש וואס גייט לאיצטדינין ודאס איז אזוי אארט וואס מען לערנט דארטען אקסען זייא זאלין שטויסען. אדער ער גייט לכרקום ואנרויסער פעסטונג ארום שפאט אונ דארט מאכט מען קונצען אונ גילעכטערס אונ ער זעהט דארטען שלאנגען אונ מכשפים אונ בוקיון מוקיון מוליגין לוליון סגלרין סגלרינון דאס איז אלך אזעלכע גילעכטערס: דארטען איז אזיצונג פון רשעים. אויף זיי זאגט דער פסוק וואוהל צו דעם מענטש וואס ער איז ניט גיזעסען צווישען די רשעים וואס פרייען זיך מיט אזעלכע זאכען. נאר וואס דען זאל דער מענטש טאהן. זיין בגערונג זאל זיין די לערנונג פון גאט. פון דאנען זעהן מיר אז די זאכען ברייגגען דעם מענטשין ער זאל ניט לערנען תורה. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערנט צו איצטדינין מעג מען גיין טאמער וועלען דיא אקסען שטויסען איודען וועט דער יוד שרייען וועט ער הערין זיין קול אונ וועט איהם גיין מציל זיין. צוא דעם פעסטונג מעג ער אויך גיין דר וייל וועט ער בעטין ביי די מענטשין וואס זיצען אין פעסטונג אז עס וועט זיין א מלחמה זאלען זיי אריין נעמען יודען אין דעם פעסטונג נאר ער זאל זיך ניט רעכענען מיט זיי. ער זאל זיי ניט העלפין צו מאכען דעם פעסטונג. אונ אויב ער העלפט זיי יא מאכען דעם פעסטונג טאר מען ניט. איז דאך אקשיא פאר וואס דא שטייט מען טאר ניט גיין צו איצטדינין. אונ דא שטייט מען מעג גיין צו איצטדינין. דא שטייט מען טאר ניט גיין צו כרקום אונ דא שטייט מען מעג גיין צו כרקום. ענפערט דיא גמרא פון כרקום אויף כרקום איז קיין קשיא ניט. אז ער העלפט זייא צו מאכען דעם כרקום טאר מען ניט. אונ אז ער העלפט זייא ניט מאכען דעם כרקום מעג מען יא. אבער פון איצטדינין אויף איצטדינין איז א קשיא. ענפערט דיא גמרא אין דעם קריגען תנאים. ווארום מיר האבען גילערנט מען טאר ניט גיין צו איצטדינין. ווייל דאס איז אזיצונג פון רשעים. רבי נתן זאגט מען מעג גיין צו איצטדינין. דורך צווייא זאכען. איין זאך איז טאמער וועט אאקס שטויסען איוד וועט ער איהם מציל זיין. אונ טאמער וועט ער איהם ניט קענען מציל זיין נאר דער יוד וועט גיהרגת ווערין. וועט ער קענען עדות זאגין צו זיין ווייב אז איהר מאן איז געהרגת גיווארען וועט זיא מעגען נעמען איין אנדער מאן:

דיא רבנן האבען גילערנט מען טאר ניט גיין אין דיא טרטיאות אונ אין די קרקסיאות. ווייל דארט געבט מען נדבות צו דיא עבודה זרה. אזוי זאגט רבי מאיר. אונ די חכמים זאגין אין דיא טעאטערס וווא מען געמט צו זאמען נדבות פאר די עבודה זרה טאר איוד ניט גיין.

וואורום

דברי ר"מ וחכ"א מקום שמזבלין שם אסור משום חשד ע"ז מקום שאין מזבלין אסור מפני כושב לצים מאי בינייהו א"ר חנינא מסורא נשא ונתן איכא בינייהו:
**מד דרש** ר' שמעון בן פזי מ"ד (תהלים א) אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים וגו' וכי מאחר שלא הלך מהיכן עמד ומאחר שלא עמד מהיכן ישב ומאחר שלא ישב מהיכן לץ אלא לומר לך שאם הלך סופו לעמוד ואם עמד סופו לישב ואם ישב סופו ללוץ ואם לץ עליו הכתוב אומר (משלי ט) אם חכמת חכמת לך ולצת לבדך תשא, א"ר אלעזר כל המתלוצץ יסורין באין עליו שנאמר (ישעיה כח) ועתה אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם. אמר להו רבא לרבנן במטותא מינייכו דלא תתלוצצו דלא לייתו יסורין עלייכו. אמר רב

של תנור וכיריים: מפני חשד ע"ז. שלא יחשדוהו בחזקת זיבול לע"ז: מאי בינייהו. לר"מ נמי כולהו אסירי דהא לר"מ כולהו בחזקת זיבול לע"ז נינהו: נשא ונתן. לר"מ נשא ונתן אסור דהא מפני שמזבלין סתמא קתני וסתמא דודאי מזבלין לע"ז הם והיכא למיהם לדמי ע"ז בידו וקונין מישראל זבל לצורך ע"ז ורבנן דמפרשי משום חשד נינהו ולמידי אחריני לא חיישי נשא ונתן מותר דלא חיישינן לדמי ע"ז:
אם הלך סופו לעמוד. הלך משמע בהעברה בעלמא סופו לעמוד ולהתעכב ביניהם מעט והכי קאמר אשרי שלא הלך ומתוך שלא הלך לא עמד ומתוך שלא עמד לא ישב הא אם הלך סופו לעמוד וכו': אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם כי כלה ונחרצה

---

ווארים מען וועט איהם חושד זיין אז ער האט אויך גיגעבין אנדבה צו דער עבודה זרה. אונ אין דיא טעאטערס ווא מען נעמט ניט צו זאמען נדבות פאר די עבודה זרה טאר מען אויך ניט גיין. ווייל דאס איז אזיצונג פון רשעים. פרעגט דיא גמרא וואס איז דער חילוק צווישען רבי מאיר אונ די רבנן. נאך רבי מאיר זענען אלע טעאטערס אסור. אונ נאך דיא רבנן זענען אויך אלע טעאטערס אסור. האט רבי חנינא פון סורא גיזאגט דער חילוק איז ווא דער יוד גייט אין טעאטער מיט סחורה ער זאל דארט זיין סחורה פאר קויפען. נאך רבי מאיר טאר מען ניט. ווייל ער האלט אז דאס גאנצע בשעפטיגונג אין דעם טעאטער איז נאר וועגין די עבודה זרה. אונ וואס מען וועט קויפען ביי איהם איז אויך נאר צוא דיא עבודה זרה. אונ רבי האלט זייא קויפען ניט צו דיא עבודה זרה אויך. דריבער מעג ער אהין גיין מיט סחורה צו פאר קויפען:

**מד** דרש. רבי שמעון בן פזי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק וואוהל צוא דעם מענטש וואס ער איז ניט גיגאנגען אין דיא עצה פון דיא רשעים אונ אין דעם וועג פון די זינדיגע איז ער ניט גישטאנען. אונ אין דיא זיצונג פון זייערע פרייליכקייט איז ער ניט גיזעסען. איז דאך א קשיא אז ער איז ניט גיגאנגען צו דיא רשעים. איז ער דאך נעבין זיי ניט גישטאנען. אונ אז ער איז נעבין זייא ניט גישטאנען. איז ער דאך נעבין זיי ניט גיזעסען. אונ אז ער איז נעבין זייא ניט גיזעסען. הט ער דאך ניט געלאכט מיט זייא. דארף דאך נאר שטיין אין פסוק. ער איז ניט גיגאנגען צו דיא רשעים. וועל איך שוין אליין וויסען אז ער איז ניט גישטאנען מיט זייא אונ איז ניט גיזעסן מיט זייא אונ האט ניט גילאכט מיט זייא. נאר דער פסוק זאגט אונז אז ער איז נאר דורך גיגאנגען צווישען רשעים. וועט דער סוף זיין ער וועט שטיין אביסל מיט זייא. אונ אז ער איז נאר גישטאנען מיט זייא. וועט דער סוף זיין ער וועט זיצען מיט זיי. אונ אז ער וועט זיצען מיט זייא. וועט דער סוף זיין ער וועט לאכען מיט זייא פון וואס זייא לאכען. אונ אז ער וועט לאכען מיט זייא זאגט אויף איהם דער פסוק אויב דוא וועסט זיין קלוג נאר פאר דיר אליין. אונ אויב דוא וועסט פאר בריינגען דיין צייט מיט גילעכטערס וועסטו אליין ליידען דעם שטראף. רבי אלעזר זאגט דער וואס פאר בריינגט זיין צייט מיט גילעכטערס קומט אויף איהם יסורים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט פאר בריינגען אייער צייט מיט גילעכטערס ווארום טאמער וועט זיך שטארקען אייער שטראף. רבא האט גזאגט צו דיא רבנן איך בעט פון אייך איר זאלט ניט פאר בריינגען אייער צייט מיט גילעכטערס. עס זאל אויף אייך ניט קומען יסורים. רב קטינא האט גזאגט דער וואס פאר בריינגט זיין צייט מיט גילעכטערס וועט זיין פרנסה ווייניגער ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין

רב קטינא כל המתלוצץ מזונותיו מתמעטין שנאמר (הושע ז) משך ידו את לוצצים אמר ר"ל כל המתלוצץ נופל בגיהנם שנאמר (משלי כא) זד יהיר לץ שמו עושה בעברת זדון ואין עברה אלא גיהנם דכתיב (צפניה א) יום עברה היום ההוא. א"ר אושעיא כל המתיהר נופל בגיהנם שנאמר זד יהיר לץ שמו עושה בעברת זדון ואין עברה אלא גיהנם דכתיב יום עברה היום ההוא וגו'. א"ר חנילאי (ס"א הגמוס) כל המתלוצץ גורם כליה לעולם שנאמר ועתה אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם כי כלה ונחרצה א"ר אלעזר קשה היא שתחלתו יסורין וסופו כליה. דרש ר' שמעון בן פזי (מ"ד אשרי האיש אשר לא הלך וגו') אשרי מי שלא הלך לטרטיאות ולקרקסיאות ובדרך חטאים לא עמד זה שלא עמד בקניגיון ובמושב לצים לא ישב שלא ישב בתחבולות שמא יאמר אדם הואיל ולא הלכתי לטרטיאות וקרקסיאות ולא עמדתי בקניגיון אלך ואתגרה בשינה ת"ל כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה ;

שמעתי : מוסריכם. יסוריכם : משך ידו : הקב"ה הפושט יד לנוך את כל מושכם מן הלוצים : יום עברה היום ההוא כיום הדין מפסעי קרא שניהם בו עכו"ם לגיהנם : לטרטיאות. פלטין וכל דבריהם כהנם נאספין לשחוק וללגון : קיניגין. לידת חיות ע"י כלבים וכל מעשיהם לשום שמחה

---

אין פסוק גאט ציהט אפ זיין האנט פון צו שפייזן דיא מענטשן וואס פאר ברייננען זייער צייט מיט גילעכטערס. ריש לקיש האט גזאגט דער וואס פאר ברייננט זיין צייט מיט גילעכטערס פאלט ער אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שלעכטער מענטש וואס איז גרוים ביי זיך איז זיין נאמען לץ ווארום דער שטייגער איז דער מענטש וואס איז גרוים ביי זיך גייט ער זוכען פערגעניגנס אין אזעלכע ערטער וואס מען מאכט דארט גילעכטערס דריבער הייסט ער לץ. דער לאכער. אבער זיין שלעכטקייט וואס ער טוהט וועט גישטראפט ווערין מיט צאהרין. דער צאהרין מיינט מען דעם גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דער טאג איז אטאג פון צאהרין ווייל אין איהם וועלען געמשפט ווערין מענטשן אריין צוא פאלען אין גיהנם. רבי אושעיא האט גזאגט דער וואס איז גרוים ביי זיך פאלט ער אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שלעכטער מענטש וואס איז גרוים ביי זיך. אונ דער מענטש ווס זיין נאמען איז לץ ווייל ער גייט זעהן דיא גילעכטערס וואס מען מאכט. פאר זיינע גרויסקייט אונ פאר זיינע גילעכטערס וואס ער טוהט וועט ער גישטראפט ווערין מיט צאהרין. צאהרין מיינט מען דעם גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דער טאג איז אטאג פון צאהרין ווייל אין איהם וועלען געמשפט ווערין מענטשן אריין צו פאלען אין גיהנם. רבי חנילאי האט גזאגט דער וואס מאכט גילעכטערס ווער פאר שטערט זיך מענטשן זאלען לאכען פון איהם. ברייננט ער אפארלענדונג אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט מאכען קיין גילעכטערס טאמער וועט זיך שטארקן אייער שטראף ווארום אפארלענדונג אונ אפארשניידונג וועט זיין. רבי אלעזר זאגט דיא גילעכטערס צו מאכען איז אשווערע עבירה. דער אנהייב פון דיא שטראף איז יסורים. אונ דער סוף איז אפארלענדונג. רבי שמעון בן פזי האט גידרשת דוד המלך האט גזאגט וואוהל צוא דעם מענטש וואס ער איז ניט גיגאנגען אין די עצה פון די רשעים. דאס מיינט מען וואוהל צו דעם מענטש וואס ער איז ניט גיגאנגען אין טעאטער אונ ניט אין אנדערע ערטער וואס מען שפילט דארט. אונ אין דעם וועג פון דיא זינדיגע איז ער ניט גישטאנען. דאס מיינט מען ער איז ניט גישטאנען זעהן וואו מען פאנגט חיות אונ מען מאכט מיט זייא קונצען מענטשן זאלען לאכען. אונ אין דיא זיצונג פון דיא לצים איז ער ניט גיזעסן. דאס מיינט מען ער איז ניט גיזעסן צווישען דיא מענטשן וואס פאר שטעלען זיך מענטשן זאלען לאכען. טאמער וועט אמענטש זאגען ווייל איך גיי ניט אין טעאטער. אונ גיי ניט זעהן דיא חיות פאנגען. אונ זיץ ניט ביי דיא לצים. וועל איך גיין שלאפען. שטייט אין פסוק ניין בגערונג זאל זיין דיא תורה פון גאט אונ אין זיין תורה זאל ער ריידען טאג אונ נאכט :

אמר

**מה** א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (תהלים א) אשרי האיש אשר לא הלך וגו' אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים זה (דף יט) אברהם שלא הלך בעצת אנשי דור הפלגה מפני שאנשי דור הפלגה רשעים היו שנאמר (בראשית יא) הבה נבנה לנו עיר ובדרך חטאים לא עמד שלא עמד במעמד אנשי סדום מפני שאנשי סדום חטאים היו שנאמר (בראשית יג) ואנשי סדום רעים וחטאים. ובמושב לצים לא ישב שלא ישב במושב אנשי פלשתים שאנשי פלשתים ליצנים היו שנאמר (שופטים טז) ויהי כטוב לבם ויאמרו קראו לשמשון וישחק וגו':

ישחוק והומתו בפתיחות תולין גבי מסה קינגי היה : אברהם אבינו בימי דור הפלגה היה בסוף ימי פלג נפלגה הארץ כדתניא בס"ע א"ר יוסי נביא גדול היה עבר שקרא שם בנו פלג אלא הארץ נתחלקה בימיו הרי יקטן אחיו לעיל ממנו והוליד משפחות קודם שנתפלגו שנאמר ויקטן ילד וגו' ואח"כ ויהי כל הארץ שפה אחת וא"ת בתולדותיו לא כת' הכתוב לכתוב אלא לברך ונלמד שבשנת מות פלג נתפלגו ופלג ראה את אברהם כמה שנים דהא לקמ"ח דפלג נולד אברהם והיה פלג אחר כך כמה שנים : במושב אנשי פלשתים : כשגר ביניהם דכתיב ויגר אברהם בארץ פלשתים :

כשהוא איש. כשהוא בחור בכחו כלומר מתגבר להכיר בוראו קודם ימי הזקנה : כאיש. גבור : ולא בשכר מצותיו . שעובד את יוצרו מאהבת במו

(תהלים קיב) **מו אשרי** איש ירא את ה' אשרי איש ולא אשה א"ר עמרם אמר רב אשרי מי שעושה תשובה כשהוא איש ר' יהושע ב"ל אמר אשרי מי שמתגבר על יצרו כאיש במצותיו חפץ מאד א"ר אלעזר במצותיו ולא בשכר מצותיו כדתנן

---

**מה** אמר ; רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגן עס שטייט אין פסוק וואוהל צו דעם מענטש וואס איז ניט געגאנגען אין דיא עצה פון די רשעים . דאס מיינט מען אברהם אבינו ער איז ניט געגאנגען אין דיא עצה פון דור הפלגה . ווייל די מענטשין פון דור הפלגה זענען געוועזן רשעים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא האבען געזאגט מיר ווערען באהען א שטאט אונ א טארעם ביז צום הימעל . אונ אין דיא וועג פון דיא זינדיגע איז ער ניט געשטאנען . דאס מיינט מען אברהם איז ניט געשטאנען מיט דיא מענטשין פון סדום ; ווייל דיא מענטשין זענען געוועזן זינדיגע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון סדום זענען שלעכט אונ זינדיג . אונ אין דעם זיצונג פון די לצים איז ער ניט געזעסען . דס מיינט מען ווען אברהם האט געוואוינט אין דעם לאנד פלשתים איז ער קיין מאהל ניט געזעסען צו זאמען מיט דיא מענטשין פון פלשתים . ווארום דיא מענטשין פון פלשתים זענען געוועזן לצים זייא האבען ליב געהאט צו מאכען קונצען מענטשין זאלען לאכען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזן אז זייער הארץ איז גוט אונ פרייליך געוועזן האבען זייא געזאגט מען זאל רופען שמשון וועט ער אונז מאכען געלעכטערס וועהן מיר אז זיי פלעגין זיך בשעפטיגען מיט געלעכטערס מאכען :

**מו** אשרי . אין פסוק שטייט וואוהל דעם מאן וואס האט מורא פאר גאט . איז דען נאר וואוהל דעם מאן וואס הט מורא פאר גאט . אונ דיא ווייב וואס האט מורא פאר גאט . איר איז דען ניט וואוהל . האט רב עמרם גזאגט פון רבס וועגין . מען מיינט ניט א מאן יא אונ א ווייב ניט . נאר אזוי מיינט מען וואוהל צו דעם מענטש וואס ער טוהט תשובה ווען ער איז נאך א מאן . ווען ער איז נאך יונג אונ איז נאך ביי זיינע כוחות . אונ ער ווארט ניט ביז אויף דער עלטער . רבי יהושע בן לוי זאגט וואוהל צו דעם מענטש וואס ער שטארקט זיך אויף זיין יצר הרע . אזוי וויא א שטארקער מענטש שטארקט זיך צו שלאגען זיין פיינט וואוהל צוא דעם וואס האט ניט געטאהן קיין עבירה אונ דארף ניט צוא טאהן תשובה . עס שטייט אין פסוק אין זיינע מצות וויל ער זייער שטארק ; רבי אלעזר האט גזאגט דאס מיינט מען ער וויל דיא מצות אונ ער וויל ניט דעם שכר פון דיא מצות . ער טוהט אלץ וואס גאט הט געבאטען ווייל ער האט ליב גאט . אונ ניט ווייל גאט גיט אבלאהנונג דעם מענטש וואס טוהט מצות . אזוי וויא מיר האבען געלערנט אנטיגנוס איש סוכו האט געזאגט איר זאלט ניט זיין אזוי וויא קנעכט וואס דינען זייער בעל הבית ווייל דער בעל הבית וועט זייא בצאהלען פאר זייער

ארבעט

כדתנן הוא היה אומ׳ אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס:

(שם א) **מה כי** אם בתורת ה׳ חפצו א״ר אין אדם לומד תורה אלא ממקום שלבו חפץ שנאמר כי אם בתורת ה׳ חפצו לוי ור״ש ברבי הוו יתבי קמיה דר׳ וקא פסקי סדרא שלים ספרא לוי אמר לייתו לן משלי ור״ש ברבי אמר לייתו לן תהלים כפייה ללוי ואייתו לתהלים כי מטו כי אם בתורת ה׳ חפצו פירש רבי ואמר אין אדם לומד תורה אלא ממקום שלבו חפץ (שנאמר כי אם בתורת ה׳ חפצו וגו׳) א״ל לוי לרבי נתת לי רשות לעמוד . א״ר אבדימי בר חמא בר חסא כל העוסק בתורה הקב״ה עושה לו חפציו שנאמר כי אם בתורת ה׳ חפצו , אמר רבא לעולם ילמוד אדם תורה במקום שלבו חפץ שנאמר כי אם בתורת ה׳ חפצו ואמר רבא בתחלה נקראת התורה

ומלהבת מצות פיו לא לשום קבול שכר: ע״מ שלא לקבל פרס . יהא לבך עמו לומר אפילו אין סופי לקבל שכר אוהב אני את בוראי ותפץ במצותיו: ממקום שלבו חפץ . לא ישנה לו רבו אלא מסכת שהוא מבקש ממנו שאם ישנה לו מסכת אחרת אינה מתקיימת לפי שלבו אחר תאוותו: חפצו . כשאדם חפץ מדלא כתיב חפץ: פסקי סדרי . פרשיות של מקרא: שלים ספרא . סיימו את אחד מהספרים: תהלים . ספר תהלים: עושה לו חפציו . הכי קאמר קרא כי אם בתורת ה׳ עושה חפצו: נקראת על שמו . של אותו התלמיד שטרח בה דכתיב ובתורתו דמשמע של כל אדם:

---

ארבעט וויא ריידען פריער מיט דעם בעל הבית אונ בדינגען זיך מיט איהם וויא פיל געלט ער וועט זייא געבין . אונ נאך דעם רעכענונג פון דיא געלט טוהען זייא זייער ארבעט . אויב מען גיט זייא פיל געלט ארבעטען זיי פיל . אונ אויב מען גיט זייא ווייניג געלט ארבעטען זייא ווייניג) . איר זאלט ניט אזוי דינען גאט . נאר איר זאלט זיין אזוי וויא קנעכט וואס דינען זייער בעל הבית אונ האבען מיט איהם ניט גירעט פון געלט בצאהלען ; זייא דינען איהם נאר מיט זייערע אלע כוחות וויל זייא דאבען איהם ליב . אפילו זייא ווייסען אז ער וועט זייא גאר ניט געבין פאר דיא ארבעט . אונ דער נאך אז ער גיט זייא געלט . איז דאס ביי זייא נאר וויא אמתנה . אונ ניט פאר דיא ארבעט . אונ אז דאס איז אמתנה . רעכענען זיך ביידע ניט . דער בעל הבית גיט נאך זיין רייכקייט נאך . אונ דער קנעכט דינגט זיך ניט . אזוי זאל דער מענטש דינען גאט . וועט אים גאט אזוי בצאהלען :

**מה כי** . נאר אין די לערנונג פון גאט זאל זיין זיין בגערונג . רבי זאגט אמענטש זאל נאר לערנען די תורה וואס זיין הארץ גלוסט . דער מענטש וואס איהם גלוסט צו לערנען גמרא ; זאל ער לערנען גמרא . ווענען עם גלוסט צו לערנען מדרש . זאל ער לערנען מדרש . אונ אזוי אלע לערנונגען . אזוי וויא עם שטייט אין פסוק אין דיא לערנונג פון גאט זאל זיין זיין בגערונג . ווען ער לערנט תורה זאל ער זיא לערנען מיט זיין גלוסטונג פון הארץ . לוי אונ רבי שמעון דער זוהן פון רבי זענען גיזעסען פאר רבי . אונ האבען גילערנט תנ״ך ; האבען זיי אפ גילערנט אספר . אונ זיי האבען גיוואלט אן הייבין לערנען איין אנדער ספר . לוי האט גיזאגט מען זאל לערנען משלי רבי שמעון האט גיזאגט מען זאל לערנען תהלים . האט רבי שמעון גיגייט לוין אונ מען האט אן גיהויבען לערנען תהלים . ווא זיי זענען גיקומען צו דעם פסוק כי אם בתורת יי חפצו . האט רבי גיזאגט דער פסוק זאגט אונז אז אמענטש זאל נאר לערנען דיא תורה וואס זיין הארץ גלוסט ; האט לוי גיזאגט צו רבי אויב אזוי מעג איך דאך אוועק גיין פון דאנען . ווארום איך וויל היינט ניט לערנען תהלים . נאר משלי . רבי אבדימי בר חמא בר חסא האט גיזאגט דער וואס לערנט תורה , וועט גאט טאהן פון זיינעטוועגין אלץ וואס ער בגערט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי אם בתורת יי חפצו . אז ער לערנט דיא תורה פון גאט . וועט גאט טאהן זיין בגערונג . רבא זאגט אייביג זאל אמענטש לערנען וועלכע תורה ער וויל . וואס זיין הארץ גלוסט זאל ער לערנען ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא לערנונג פון גאט זאל זיין זיין בגערונג . רבא זאגט פריער איידער דער מענטש לערנט דיא תורה . ווערט דיא תורה גערופען אויף דעם נאמען פון גאט . דער נאך אז ער האט שון גילערנט דיא תורה . ווערט דיא

התורה על שמו של הקב"ה ולבסוף נקראת על שמו שנאמר כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו וגו':

**מה ואמר** רבא לעולם ילמוד אדם תורה ואח"כ יהגה שנאמר בתורת ה' והדר ובתורתו יהגה ואמר רבא לעולם ליגרס איניש ואע"ג דמשכח ואע"ג דלא ידע מאי קאמר שנאמר (תהלים קיט) גרסה נפשי לתאבה גרסה כתיב ולא כתיב טחנה. רבא רמי כתיב (משלי ט) על גפי וכתיב (שם) על כסא בתחלה על גפי ולבסוף על כסא. (רבא רמי) כתיב (שם ח) בראש מרומים וכתיב עלי דרך בתחלה בראש מרומים ולבסוף עלי דרך. עולא רמי כתיב (שם ה) שתה מים מבורך וכתיב (שם) ונוזלים מתוך בארך בתחלה שתה מבורך ולבסוף

ילמד אדם. מכנו תורה עד שיהא גרסת התלמוד ופירושו שגורה לו בפיו: ואח"כ יהגה. יעיין בתלמודו לדמות מלתא למלתא להקשות ולתרץ וכראשונה לא יעשה כן שמא יבטל והרב לא ימלא לו בכל שעה ועוד דלאהר שתנה הרבה הוא מתיישב בתלמודו ומתרץ לעצמו דבר הקשה והכי אמרינן בפרק הרואה הכהה הם ואח"כ כהת ומייגען להא דרבא הכם: דלא ידע מאי קאמר. שאין רבו יודע לפרש לו כלום: גרסה. לשון גרש וכרמל שלא היה טוחן דק אלא כריתים של גרוסות שמחלקים את החטה לשנים או לארבע לצורך מאכל: גרסה נפשי לתאבה. מרוב התאוה להורה הייתי שובר לפי סיכולת אע"פ שאינה טוחנה דק ליכנס בעומקה: כתיב על גפי. בתורה משתעי בלהה נערותיה תקרא תלמידים העוסקים בה על גפי מבמע כעל כנפים מושב שאינו קבוע וכתיב קרא אחריתא על (מרומי קרה) [כסא] מקום כבוד קבוע כמו רק ככסא אגדל ממך. ל"א מתחלה על גפי יחידי בלא תלמידים כמו אם בגפו יבא בגפו יצא: בראש מרומים. מסתלק במחבואות: ולבסוף עלי דרך. ומורה הוראות לעין כל: בורך. מים המכונסין וסופן כלים: בארך. מים חיים ואין פוסקין

די תורה גערופען אויף דעם נאמען פון דעם וואס לערנט זיא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא תורה פון גאט איז זיין בגערונג. ווען ער בגערט נאר צום לערנען. אבער ער האט נאך ניט גילערנט. איז זיא די תורה פון גאט). אונ אין זיין תורה לערנט ער טאג אונ נאכט ואונ ווען ער לערנט שוין טאג אונ נאכט. הייסט זי זיין תורה):

**מה אמר**. רבא האט גיזאגט פריער זאל אמענטש לערנען תורה נאר צו וויסען דעם פשט. ער זאל זיין קלאר אין תנ"ך אונ אין ש"ס נאר דעם פשט. דער נאך זאל ער קלערין קשיות מיט תירוצים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בתורת ה' ופריער לערנט ער דיא תורה פון גאט. ווארום ער האט נאך זייניע קשיות מיט זייניע תירוצים נאר ניט גילערנט). דער נאך ובתורתו יהגה. ולערנט ער זייניע תורה. זייניע קשיות מיט זייניע תירוצים): נאך האט רבא גזאגט אייביג זאל אמענטש לערנען. אפילו ער פאר געסט. אונ אפילו ער וויים ניט וואס ער זאגט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גרסה נפשי לתאבה. עס שטייט גרסה וצוא בראכען אויף צוויי דריי שטיקלאך) אונ עס שטייט ניט טחנה (עס איז דין צוא מאהלין) דוד המלך עליו השלום האט גיזאגט אזוי וויא איינער וואס ער איז שטארק הונגעריג אונ ער האט קערנער ווייץ קוקט ער ניט ער זאל דיא קערנער גוט צוא מאהלען. נאר אז דער קערינדיל ווערט צו בראכען אויף צוויי דריי שטיקלאך מאכט ער שוין פון דיא גראבע מעהל ברויט צום עסין. אזוי וויל איך בין שטארק הונגעריג צום לערנען תורה. קוק איך ניט צוא פרעגין קשיות אונ ענפערין תירוצים. איך לערין נאר דעם פשט פון דיא תורה. וויפיל איך וויים. מער אדער ווייניגער. רבא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט ביי די תורה על גפי. זיא זיצט אזוי וויא מען זיצט אויף פלינגל. ניט קיין פעסטע זיצונג. אונ אין אנדערין פסוק שטייט על כסא. דיא תורה זיצט פעסט אזוי וויא מען זיצט אויף אשטוהל. נאר אין אנהייב ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה. זיצט נאך ניט דיא תורה פעסט אין דעם מענטשין: אבער דער נאך אז ער האט שוין פיל גילערנט. זיצט שוין דיא תורה פעסט ביא דעם מענטשין אין הארץ. נאך האט רבא גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דיא תורה איז אויף דיא שפיץ הייך (עס איז שווער צו קומען צו דיא תורה אזוי וויא עס איז שווער צו קומען צו אזאך וואס ליגט אויף אהויכען ארט). אונ אין אנדערין פסוק שטייט דיא תורה איז אויף דעם וועג (עס איז גרינג צו קומען צו דיא תורה אזוי וויא עס איז גרינג צו נעמען אזאך וואס ליגט אין מיטען וועג). נאר אין אנהייב ווען מען הייבט אן צו לערנען איז דיא תורה שווער. דער נאך אז מען לערנט שוין איז שוין גרינג צו לערנען. עולא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט טרינק וואסער פון דיין גרוב אונ אין אנדערין פסוק שטייט טרינק פליסענדע וואסער פון דיין

ברונען

ולבסוף ונוזלים מתוך בארך. אמר רבא א"ר סחורה א"ר הונא מ"ד (סס יג) הון מהבל ימעט וקובץ על יד ירבה אם עושה אדם תורתו חבילות חבילות מתמעט ואם קובץ על יד ירבה, אמר רבא ידעי רבנן להאי מלתא ועברי עלה א"ר נחמן בר יצחק אנא עבידתה ואיקיימה בידי. א"ר שיזבי משום ר"א בן עזריה מ"ד (סס יב) לא יחרוך רמיה צידו צייד הרמאי לא יחיה ולא יאריך ימים ורב ששת אמר צייד הרמאי

יחרוך

הבילות. הגורס הרבה יחד אינו יכול להזר עליו פעמים רבות ומתכה: על יד. מעט: (אלא עבידתא. עביתיה קבלתיה על יד): יחריך. מסליקין ימיו ויאריך: צייד הרמאי. במרמה הכנס להרבות כמה אני חכם להעמיד גרסות הרבה וזה לא מתכת ומקלר הוין דכתיב כי כזה צייד יאורך ימיך: ורב ששת אמר צייד הרמאי הוא יחרוך. לשון אחרוכי כלומר יש לו עופות לחריך ולאכול כך מי שלומד וגורס מעט מעט ומחזר עליו פעמים הרבה עד שיגבר כפיו ולח"כ

---

ברוגען. אין אנהייב ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה לערונט מען נאר דיא תורה וואס דער רבי האט מיט איהם גילערנט. אבער עס פליסט ניט אייגענע חכמה פון זיינע גידאנקען. אין דער מענטש אזוי וויא א גרוב וואס מען טרינקט פון איר דיא זעריגע וואסער וואס מען האט אריין גיגאסען: אבער דער נאך אז דער מענטש האט שוין פיל גילערנט: פליסט שוין זיין מוח אייגענע חכמה. אונ ער איז אזוי וויא צברונען וואס אין אידם פליסט אלע מינוט פרישע וואסער פון זיין אייגענעם קוואל: רבא האט גזאגט רב סחורה האט גזאגט פון רב הונאס וועגין עס מיינט אין פסוק הון מהבל ימעט וקובץ על יד ירבה. דער הון פון ווארט הבל איז פאר טאהשט אויף אח. איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען חבל. אבינטור. אונ אזוי מיינט דער פסוק אויב אמענטש מאכט פון זיין תורה בינטלאך. ער לערונט פיל אונ חזרט ניט. וועט פון איהם דיא תורה ווייניגער ווערין. ער וועט פאר געסין וואס ער דאס גילערונט. אבער אז ער זאמלט ביסלאך ווייז. ער לערונט אביסול אונ חזרט גוט איין. דער נאך לערונט ער נאך אביסול אונ חזרט גוט איין. זיין תורה וועט גימערט ווערין. רבא זאגט דיא רבנן ווייסען פון דער זאך אונ טוהען דאס ניט. רב נחמן בר יצחק זאגט איך האב יא אזוי גיטאהן איך האב גיזאמלט דיא תורה ביסלאכווייז איז מאקי דיא תורה ביא מיר געבליבען. רבי שיזבי האט גזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין עס מייט אין פסוק לא יחרוך רמיה צידו. יחרוך איז צווייי ווערטער יחיה יאריך. אונ אזוי זאגט דער פסוק דער פאלשער פאנגער. דאס מיינט מען דער פאלשער לערנער. וואס לערונט אונ פאר געסט ווייל ער חזרט ניט. וועט ער ניט לאנג לעבין. ווארום דאס גאנצע לעבין פון אידען איז דאך נאר דיא תורה. אונ אז ער האט דיא תורה פאר געסין וועט ער ניט לעבין. אונ רב ששת זאגט אזוי מיינט דער פסוק לא יחרוך רמיה צידו. דער קלוגער פאנגער וועט דען ניט בראטען אונ עסין וואס ער האט גיפאנגען. געווים וועט ער בראטען אונ עסין. ווייל ער טוהט קלוג יעדער פייגעלע וואס ער פאנגט פאר בינט ער באלד איהרע פליגער זיא זאל ניט קענען אוועק פליהען. אונ ער אייט זיך ניט צו זיין פאנגען דיא צווייטע פייגעלע. ביז ער איז זיכער אז די ערשטע וועט שוין ביא איהם בלייבען. אבער דער נארעשער פאנגער באלד וויא ער פאנגט איין פייגעלע ריינט ער זיא אוועק אונ פאר בינט ניט איהרע פליגער. ווייל ער אייט זיך גישווינט צו פאנגען די אנדערע. דער ווייל פליהט אוועק דיא ערשטע. אונ איידער ער פאנגט די דריטע פליהט אוועק דיא צווייטע. אונ אזוי פליהען אלע אוועק: דער ווייל האט ער גאר נישט. ביי תורה לערנען איז אויך אזוי. דער וואס לערונט אביסול תורה. אונ איילט זיך ניט צו לערנען ווייטער. נאר פריער חזרט ער גוט איין דיא ערשטע ביסיל. אונ אז ער ווייס שוין גוט די ערשטע ביסול. לערונט ער ווייטער אביסול אונ חזרט איין. אונ אזוי טוהט ער אלע מאהל. ביי דעם מענטש וועט דיא תורה בלייבען. אבער דער וואס חזרט ניט. ער אייט זיך נאר צוא לערנען ווייטער. איידער ער לערונט ווייטער פאר געסט ער דיא פריערדיגע. אונ אזוי פאר געסט ער אלע מאהל. ביז ער גידיינקט גאר ניט. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט אמשל

אפאנגער

יהרוך כי אתא רב דימי אמר משל לצייד שצד צפרים אם משבר כנפיה של ראשונה כולם מתקיימות בידו ואם לאו אינם מתקיימות בידו:

(תהלים א) **מט והיה** כעץ שתול על פלגי מים אמרי דבי ר' ינאי כעץ שתול ולא כעץ נטוע כל הלומד תורה מרב אחד אינו רואה סימן ברכה לעולם. אמר להו רב חסדא לרבנן בעינא דאימא לכו מלתא ואנא מסתפינא דשבקיתו לי ואזליתו כל הלומד תורה מרב אחד אינו רואה סימן ברכה לעולם שבקוה ואזלו קמי' דרבה אמר להו הני מילי בסברא אבל בגמרא כחד רבה מעלי כי היכי (בס ע"ג) דלא לפלוג ליטני. על פלגי מים א"ר תנחום בר הנילאי

אחר וגומר תלמודו מתקיים וקלה מתמה ומי לא יהרוך מי שלידו ברמים: : כנפיה. שלא הברח: שתול ו שמע עקור מכאן והזר ונשתל במקום אחר: נטוע. מעיקרא ולא זז משם מעולם כלומר כעץ שתול יעבה תלמיד את עצמו לילך וללמוד מכל אדם ולא כעץ נטוע להשתקע לפני רב אחד: סברא. ללמוד תריפות וההוד הלב לאחר שלמד והגורה בפיו גרסת התלמוד: דלא ליפלוג ליטני. דלא יתחלקו הלשונות דהאי גרים שמעתא בהאי

---

אפאנגער וואס פאנגט פייגעלאך אויב ער ברעכט אפ דיא פליגעל פון דיא ערשטע פייגעלע זיא זאל ניט קענען אוועק פליהען. אונ ער לאזט זיא ליגען אויף דיא ערד. אז ער פאנגט נאך פייגעלאך אונ ער לייגט זייא נעבין די ערשטע. אפילו וויערע פליגעל זענען נישט אפ געהאקט. דורך דיא ערשטע פייגעלע וועלין אלע בלייבען ליגען אונ וועלין ניט אוועק פליהען. אבער אז ער האט ניט אפ גיהאקט די פליגעל פון דיא פייגעלאך. אפילו פון דיא ערשטע פייגעלע אויך ניט. וועלין אלע אוועק פליהען אונ ער וועט גאר ניט האבין. ביא תורה לערנען איז אויך אזוי. אז דער מענטש הערט גוט איין די ערשטע תורה וואס ער לערנט אין דער יוגענד בלייבט ביי איהם אלע תורות וואס ער לערנט דיא גאנצע צייט וואס ער לעבט. אבער אז דיא ערשטע תורה וואס ער האט גילערנט אין דער יוגענד האט ער ניט גוט איין גיהאזרת. וועלין שוין אלע תורות וואס ער וועט לערנען ניט בלייבין ביי אים:

**מט והיה כעץ** שתול על פלגי מים. דבי רבי ינאי זאגין ער וועט זיין כעץ שתול: אונ ניט וויא אעץ נטוע. שתול איז דער טייטש גיפלאנצט. אונ נטוע איז דער טייטש גיפלאנצט. נאר שתול מיינט מען אבוים וואס איז גיוועזן איין גיפלאנצט אויף איין אנדער ארט אונ מען האט איהם פון דארט ארויס גינומען אונ איין גיפלאנצט אויף דעם ארט. דאס אנדערע פלאנצונג הייסט שתול. אונ נטוע הייסט אז ער איז גיפלאנצט אויף דעם ארט פון אייביג: מען האט איהם נאך פון דעם ארט ניט גערירט. ביא תורה לערנען איז אויך אזוי. דער וואס לערנט ביי איין רבי פון אנהייב אן. הייסט ער נטוע. אונ דער וואס איז אוועק גיגאנגען פון דעם ערשטען רבי צו איין אנדער רבי. הייסט ער שתול. זאגט דער פסוק דער וואס לערנט תורה זאל ער זיין אזוי וויא אבוים שתול על פלגי מים. וואס ער איז ארויס גינומען גיווארען פון זיין ארט אונ איין גיפלאנצט גיווארען אויף איין אנדער ארט ביא אקוואל וואסער. דאס מיינט מען ער זאל לערנען אלע מאהל ביא איין אנדער רבי. ווארום דער וואס לערנט תורה אלע מאהל ביי איין רבי זעהט ער ניט קיין ברכה אין זיין לערנען. רב חסדא האט גיזאגט צו זיינע תלמידים איך וויל אייך זאגען אזאך נאר איך האב מורא איהר וועט מיך אוועק לאזען אונ איהר וועט אוועק גיין פון מיר. דער וואס לערנט תורה פון איין רבי זעהט ער ניט קיין ברכה אין זיין לערנען. האבען דיא תלמידים איהם אוועק גילאזען אונ זייא זענען גיגאנגען לערנען ביא רבה. האט רבה גיזאגט צו דיא תלמידים פון רב חסדא אז מען וויל שארפען דעם שכל. דארף מען מאכי גיין אלע מאהל צו איין אנדער רבי. אבער אז מען דארף לערנען גמרא איז בעסער צו לערנען בון איין רבי. דיא שפראכע זאל ניט זיין צו מישט אונ אפ גיטיילט איינעמס פון דעם אנדערענס בײדע רבים זאגען טאקי דעם זעלביגען פשט אין דער גמרא. נאר דער רבי זאגט מיט אזעלכע ווערטער אונ דער רבי זאגט מיט אנדערע ווערטער. וועלין דיא תלמידים פאר מישט אונ ווייסען ניט וויא צו לערנען. דריבער דארפט איהר גיין צוריק צו אייער רבי רב חסדא.

חנילאי לעולם ישלש אדם שנותיו שליש במקרא ושליש במשנה ושליש בתלמוד ומי ידע כמה חיי כי קאמרינן ביומי. אשר פריו יתן בעתו אמר רבא אם פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול ואם לאו על הלומד ועל המלמד עליהם הכתוב אומר לא כן הרשעים וגו'׃
נ א"ר, אבא אמר רב הונא אמר רב מ"ד (משלי ז)
כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה
כי רבים חללים הפילה זה תלמיד שלא הגיע להוראה ומורה ועצומים כל הרוגיה זה תלמיד שהגיע להוראה ואינו מורה ועד כמה א"ר זירא עד ארבעין שנין והא רבא אורי התם בשוין. ועלהו לא יבול אמר רב אחא בר אדא אמר רב ואמרי לה א"ר אחא בר אבא אמר

רב

לישנא והאי גריס לה בלישנא אחרינא והדא מילתא היא ומיהו הכא דא דגריס מתרוייהו משמע בגמרא משום דמבלבלי ליבי׃ ביומי. שני ימים מקרא ושני ימים משנה וכו' וכן כל שבוע ושבוע׃ אם פריו יתן בעתו. שיקבע עתים לתורה׃ רבעים. הרי משמע לומד ומלמדו. ל"א פריו יתן בעתו שלמד ועושה פרי כלומר מקיים מה שכתוב בתורה וזהו עיקר׃ על הלומד ועל המלמד. שאינו למוד הורה לתלמיד שאינו הגון׃ הפילה. לשון נפל שלא מלאו ימיו כלומר תלמיד שלא מלאו ימיו רבים חללים׃ עצומים. המתעצמים ומיריבים ומתאפקים מלהורות הורגים את דורן׃ ועצומים. לשון ועוצם עיניו׃ ועד כמה. הוי ראוי להוראה׃ עד ארבעים שנה. מבנולד׃ והא רבא הורי. וכל ימיו לא היו אלא ארבעים שנה בפ"ק דר"ה׃ התם בשוין. שאין בעירו גדול ממנו׃ ביתא

עס שטייט אין פסוק על פלגי מים. רבי הנחום בר חנילאי זאגט אמענטש זאל צו טיילען זיינע יאהרין אין דרייא טייל. אדריטול יאהרין זאל ער לערנען תורה נביאים כתובים. דיא אנדערע דריטול יאהרין זאל ער לערנען משניות. דיא לעצטע דריטול זאל ער לערנען גמרא ורבי הנחום טייטשט פלגי מים גלייך וויא עס ווארט גישטאנען פלגי ימים. ער זאל צו טיילען דיא טעג. פרעגט דיא גמרא וויים דען אמענטש וויא לאנג ער וועט לעבין. פון וואנען וייס ער ווי פיל יאהר איז דא אין אדריטול פון זיין לעבין. נאר מען מיינט ער זאל צו טיילען דיא טעג פון דער וואך צווייא טעג פון וואך זאל ער לערנען תורה נביאים כתובים. צווייא טעג זאל ער לערנען משניות. צווייא טעג זאל ער לערנען גמרא ותוספות זאגט מען מיינט יעדער טאג זאל ער זעהן לערנען תנ"ך משניות גמרא. עס שטייט אין פסוק זיין פרוכט וועט ער געבין אין זיין צייט. רבא זאגט אויב ער גיט דעם פרוכט פון דעם לערנען אין זיין צייט. דאס מיינט מען דר מענטש וואס לערנט תורה אונ איז מקיים יעדער מצוה פון דער תורה אין זיין צייט. וועט ער האבין הצל"ה אז אפילו אבלאט וועט ניט פארפוילט ווערין. ער וועט אפילו אקליינעם שאדין אויך ניט האבען. אונ אויב ער האט גילערנט תורה אונ איז ניט מקיים דיא מצות אויף דעם לערנער אונ אויף זיין רבי זאגט דער פסוק ניט אזוי וועט זיין מיט דיא רשעים. ווערין זייא ביידע גירופען רשעים. ווארום אז דער רבי האט גיזעהן דער תלמיד איז ניט פרום האט ער ניט גידארפט לערנען מיט איהם תורה׃

נ אמר. רבי אבא זאגט רב הונא האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה. כי רבים חללים הפילה. פיל דער שלאגענע האט זיא גימאכט פאלין. דאס מיינט מען דער תלמיד וואס איז נאך יונג. עס איז נאך ניט צייט ער זאל פסקנען שאלות. אונ ער פסקנט יא. ער דער שלאגט פיל מענטשין ווער מאכט זינדיגען פיל מענטשין. ווארום דורך איהם עסין זייא פיל טרפות אדער זייא טוהען אנדערע עבירות. ועצומים כל הרוגיה. אונ עס זענין שטארק אירע אלע גיהרגעטע׃ דאס מיינט מען דער תלמיד וואס ער מעג שוין פסקנען שאלות אונ ער וויל ניט פסקנען. הרגת ער פיל מענטשין. ווייל דיא מענטשין האבין ניט ווער עס זאל זיי פסקנען מאכען זייא אלין טריף האבין זייא שאדין געלט. אונ מענטשין שיידין זיך אפ פון זייערע ווייבער דורך אשאלה וואס זייא ווייסין ניט צו פסקנען. דער ווייל ווערין גיבארין ווייניגער קינדער איז גלייך וויא ער וואלט דיא קינדער גיהרגת. וויא אלט זאל דער מענטש זיין ער זאל מעגין פסקנען אשאלה. זאגט רבי זירא פערציג יאהר. פרעגט דיא גמרא רבא האט דאך ניפסקנת שאלות פאר פערציג יאהר. ענטפערט דיא גמרא ווייל דער מורה הורה פון זיין שטאט האט ניט גיקענט בעסער לערנען פאר רבא. רבא איז גיוועזן מיט

איהם

חולין של תלמידי חכמים צריכה תלמוד כדי להתלמד לדבר בלשונם שהוא לשון נקיה ועושר ומרפא : ועלהו . אפי׳ דבר קל שבחולין וכתיב לא יבול כלומר לא יצך להבור :

רב המנונא אמר רב מנין שאפילו שיחת חולין של ת״ח צריכה תלמוד שנאמר (תהלים א) ועלהו לא יבול ·

**נא אמר** ריב״ל דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים ומשולש בכתובים כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין לו . כתוב בתורה דכתיב (דברים כט) ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם למען תשכילו את כל אשר תעשון . שנוי בנביאים דכתיב (יהושע א) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה למען תשמור לעשות ככל הכתוב בו כי אז תצליח את דרכך ואז תשכיל . ומשולש בכתובים דכתיב (תהלים א) כי אם בתורת ה׳ חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה והיה כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול וכל אשר יעשה יצליח . מכריז רבי אלכסנדראי מאן בעי חיי מאן בעי חיי כניפו ליה כולי עלמא ואתו לגביה אמרו ליה הב לן חיי אמר להו (שם לד) מי האיש החפץ חיים וגו׳ נצור לשונך מרע וגו׳ שמא יאמר אדם הואיל ונצרתי את לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה אלך ואתגרה בשינה ת״ל (שם) סור מרע ועשה טוב ואין טוב אלא תורה שנאמר (משלי ד) כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו (דף כ) (דברים ז) לא תחנם לא תתן להם חן מסייע ליה לרב דאמר רב יהודה אמר רב אסור לו לאדם שיאמר כמה נאה עכו״ם

---

איהם גלייך א לערנען. דריבער האט רבא גימיינט פסקנן אפילו פאר פערציג יאהר . עס שטייט אין פסוק זיינע בלעטער וועט ניט פאר פוילט ווערין . וואס מיינט מען דיא בלעטער · רב אחא בר אדא האט גזאגט פון רבם וועגין · אנדערע זאגין רב אחא בר אבא האט גזאגט או רב המנונא האט גזאגט פון רבם וועגין פון וואגען ווייסין מיר או אפילו דיא פראסטע רייד פון א תלמיד חכם דארף מען אויך לערנען . ווארום עס שטייט אין פסוק זיינע בלעטער וועלין ניט פאר פוילט ווערין :

**נא אמר** . רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דיא זאך שטייט געשריבען אין דער תורה . אונ נאך אמאהל אין נביאים אונ אדריטען מאהל אין כתובים דער וואס לערונט תורה וועלין זיינע גישעפטין זיין גליקלאך . אין דער תורה שטייט איר זאלט היטען דיא רייד פון דעם פאר בינדונג וואס איך האב מיט אייך גימאכט אונ איר זאלט זייא טאהן . וועט איר בגליקען אלץ וואס איר וועט טאהן . אין נביאים שטייט דיא רייד פון דער ספר תורה זאל זיך ניט אפ טאהן פון דיין מויל . אונ דוא זאלסט טראכטין אין איהם טאג אונ נאכט . דוא זאלסט היטען צוא טאהן אלץ וואס אין דער תורה שטייט . וועסטו בגליקען דיינע וועגין אונ דוא וועסט קלוג ווערין . אין כתובים שטייט אויב זיין בגערונג וועט זיין דיא תורה פון גאט : אונ אין זיין תורה וועט ער טראכטין טאג אונ נאכט . וועט ער זיין אזוי וויא אבוים וואס איז גיפלאנצט בייא קוואלין וואסער וואס זיין פרוכט וועט ער געבין אין זיין צייט אונ זיינע בלעטער וועלין ניט קאליע ווערין אונ אלץ וואס ער וועט טאהן וועט ער בגליקען . רבי אלכסנדראי האט אוים גירופען ווער וויל לעבין ווער וויל לעבין האבין זיך אלע פאר זאמולט אונ זענען גיקומען צוא איהם אונ האבין גזאגט צוא איהם גיב אונז לעבין . האט ער גזאגט צוא זייא דעם פסוק ווער איז דער מענטש וואס וויל לעבין היט דיין צונג פון שלעכץ אונ דיינע לעפצין רעדען היט פון צוא רייד פון פאלשקייט . טאמער וועט א מענטש זאגין או איך האב געהיט מיין צונג פון שלעכץ אונ מיינע לעפצין האב איך געהיט פון צו ריידין פאלשקייט · מער דארף איך גאר גיט טאהן מעג איך שלאפין יוען איך האב צייט פון מיין ארבעט . שטייט אין פסוק דוא זאלסט אפ קערין פון שלעכץ אונ זאלסט טאהן גוטס . גוטס מיינט מען תורה . דוא זאלסט לערנען תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אגוטע לערנונג האב איך אייך גיגעבין מיין תורה זאלט איר ניט פאר לאזין :

עס שטייט אין פסוק לא תחנם . דוא זאלסט ניט געבין חן אויף דיא גוים . דאס איז

אזוי

עכו"ם זה. מיתיבי מעשה ברבן שמעון בן גמליאל שהיה עומד על גב מעלה בהר הבית וראה נכרית אחת שהיתה נאה ביותר ואמר (תהלים קד) מה רבו מעשיך ה' ואף ר"ע ראה אשת טורנוס־רופוס ורק ושחק ובכה רק שהיתה באה מטפה סרוחה שחק דעתידה דמיגיירה ונסב לה בכה דהאי שופרא בלי בארעא, רבנן אודויי הוא דמודו דאמר מר הרואה בריות טובות ואילנות טובות אומר ברוך שככה לו בעולמו. ולאסתכולי מי שרי מיתיבי (דברים כג) ונשמרת מכל דבר רע שלא יסתכל איש באשה נאה אפי' היא פנויה באשת איש ואפילו היא מכוערת (ע"ג) ולא בבגדי צבע של אשה ולא בחמור ולא בחמורתה ולא בחזיר ולא בחזירה ולא בעוף ולא בעופפת בשעה שנזקקין זה לזה ואפי' מלא עינים כמלאך המות קרן זוית הואי:

ולא בבגדי צבע של אשה. שאסור את האשה כמו שהיא מלובשת בהן שמייפין אותה ומהרהר אחריה: קרן זוית הוא. כדמתרגם ליזיין אד לשמאל ליכנס ממבוי למבוי ופוגעין זה את זה בקרן זוית ואינו רואה אותה מרחוק באה כנגדו שמלאים עיניו:

נב אמרו עליו על מלאך המות שכולו מלא עינים ובשעת פטירתו של אדם עומד למעלה מראשותיו

---

אזוי וויא רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן איוד טאר ניט זאגן וויא שיין איז דער גוי. ער טאר ניט געבין אויף איהם קיין חן. פרעגט דיא גמרא עס האט אמאהל געטראפין רבן שמעון בן גמליאל איז געשטאנען אויף אטרעפ וואס ער איז געוועזן אויף דעם בארג וואס דער בית המקדש איז אויף איהם געשטאנען האט ער געזעהן אגויה וואס איז געוועזן זייער שיין האט ער געזאגט גאט וויא גרויס זענען דיינע ווערק. אונ רבי עקיבא האט געזעהן דיא ווייב פון טורנוסרופוס האט ער געשפיגען אונ געלאכט אונ געוויינט. געשפיגען האט ער ווייל ער האט זיך דער מאנט פון וואס פאר אמיאוסין ארט דער מענטש ווערט געבארין. געלאכט האט ער ווייל ער האט געוואוסט זיא וועט זיך מגייר זיין אונ ער וועט זיא נעמען פאר אווייב. געוויינט האט ער ווייל ער האט זיך דער מאנט אזוי אשונהייט וועט פארפוילט ווערין אין דער ערד. האבין דאך רבן שמעון בן גמליאל אונ רבי עקיבא גילויבט דיא שיינקייט פון אגויה. ענפערט דיא גמרא דיא צוויא רבנן האבין ניט גילויבט דיא שיינקייט פון די גויהם. זייא האבין נאר גילויבט צוא גאט וואס ער האט בשאפין אזעלכע שיינע מענטשין. ווארום מיר האבען גילערנט אז איינער זעהט שיינע בשעפעניש אדער שיינע בוימער דארף ער לויבין גאט אונ זאגין גילויבט איז גאט וואס ער האט אזעלכעס בשאפין אין זיין וועלט. פרעגט דיא גמרא מעג מען דען קוקען אויף אאשה. עס שטייט דאך אין פסוק דוא זאלסט דיך היטען פון שלעכטע זאכען. דאס מיינט מען מען זאל ניט קוקען אויף אשיינע נקבה אפילו זיא האט ניט קיין מאן. אונ מען זאל ניט קוקען אויף אנקבה וואס האט אמאן אפילו זי איז מיאוס. אונ מען טאר ניט קוקען אויף דיא שיינע קליידער פון אנקבה אפילו זייא איינגען אויף דיא וואנט. אונ מען טאר ניט קוקען ווען דער איזיל בהעפט זיך מיט זיין נקבה. אונ ניט ווען אחזיר בהעפט זיך מיט זיין נקבה. אונ ניט ווען דיא עופות בהעפטין זיך מיט זייערע נקבות. אפילו דער מענטש וואלט גיוועזן פול מיט אויגען אזוי וויא דער מלאך המות. וואס עס איז שווער איין צו היטען זיך מען זאל ניט קוקען. מוז ער זיך אויך היטען ער זאל ניט קוקען. ענפערט דיא גמרא דער דין איז טאקי אז מען זעהט פון ווייטין אאשה גייט דארף מען פאר מאכען דיא אויגען מען זאל ניט קוקען אויף איר. נאר דיא רבנן זענען גיגאנגען פון איין גאס אין דיא אנדערע גאס. אונ אין ווינקיל פון גאס זענען זייא פלוצלונג אין גיקומען איינער קעגען דעם אנדערין אונ האבין זיך גיזעהן:

נב אמרו. מען זאגט אויף דעם מלאך המות אז ער איז אין גאנצין פול מיט אויגען. אונ ווען עס קומט דיא צייט דער מענטש זאל שטארבען. שטייט דער מלאך המות געבין זיין קאפ אונ ער האלט דעם בלויזין שווערד אין האנט אונ אטראפין גאל איינגעט אויף זיין שווערד.

וויא

מראשותיו וחרבו שלופה בידו וטפה של מרה תלויה בו כיון שרואה אותו החולה מזדעזע ופותח את פיו וזורק טפה של מרה לתוך פיו ממנה מת ממנה מסריח ממנה פניו מוריקות ממנה מת נימא פליגא אדאבוה דשמואל דאמר אבוה דשמואל אמר לי מלאך המות אי לאו דחיישינא ליקרא דברייתא הוה פרענא להו בית השחיטה כבהמה דלמא ההיא טפה מחתכת להו לסימנין. ממנה מסריח מסייע ליה לרבי חנינא בר כהנא דא"ר חנינא בר כהנא אמרי בי רב הרוצה שלא יסריח מתו יהפכנו על פניו:

כ: נעל כיס בשתיסם. לירושה מבהון כבהמה מנמת מתוך ממש כולו: וכ מרת. וסמיך ליה כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור מקרה לילה וקרת מזהיר ניה להכמר שלא יבוא לידי כך: תורה. ע"י שיעסוק בה ועוד שרולה ונבין אזהרות שבה ונזכר: זריזות. זריז ונשמר קודם לכן שלא תבא עבירה לידו כי כיון דלינו מהרהר לבא לידי טומאה: זכירות. כשהעבירה באה לידו זהיר להשמר שלא יכשל וכי למרינן בכל כשכר בשעת הולין גולי לאו דוזיר ולא נגע בא דוריז וקדם ומשי ידיה מעיקרא: נקיות. נקי בלאין חטא: פרישות. אף מדבר המותר פורש להחמיר על עצמו: טהור. לא ומלוכן ועדיף מנקי: לידי רוח הקודש. לנבואה

**נג ת"ר** (דברים כג) ונשמרת מכל דבר רע שלא יהרהר אדם ביום ויבא לידי טומאה בלילה מכאן א"ר פנחס בן יאיר תורה מביאה לידי זהירות. זהירות מביאה לידי זריזות. זריזות מביאה לידי נקיות, נקיות מביאה לידי פרישות. פרישות מביאה לידי טהרה. טהרה מביאה לידי קדושה. קדושה מביאה לידי ענוה. ענוה מביאה לידי יראת חטא. יראת חטא מביאה לידי חסידות חסידות

---

ווי דער קראנקער דער זעהט דעם מלאך המות ווערט ער פאר ציטערט אונ ער עפינט דיא מויל. נעמט דער מלאך המות דעם טראפין גאל אונווארפט איהם אריין דעם קראנקין אין מויל. פון דעם טראפין גאל שטארבט דער קראנקער. אונ פון דעם שטינקט דער טויטער. אונ פון דעם ווערט געל זיין פנים. פרעגט דיא גמרא פון דעם טראפין גאל שטארבט דער קראנקער. אבוה דשמואל האט דאך גזאגט דער מלאך המות האט מיר גזאגט ווען עס וואלט מיך ניט גיהארט דער כבוד פון מענטשין וואלט איך גישאכטין דעם מענטשין פון אויסווייניג אזוי וויא מען שעכט א בהמה. נאר היינט שעכט איך איהם אינווייניג אונטער דיא הויט. ענטפערט דיא גמרא טאמער דער טראפין גאל שניידט איבער דיא סימנים ודעם קנה מיט דעם וושט וואס זענען אין האלדז. פון דעם טראפין גאל שטינקט דער טויטער. דאס איז אזוי וויא רבי חנינא בר כהנא האט גזאגט דיא תלמידים פון רב האבין גזאגט דער וואס וויל אז דער טויטער זאל ניט שטינקען (איידער ער שטארבט) זאל ער אים אומקערין מיט דעם פנים אראפ אונ זאל איהם אזוי לאזין ליגען:

**נג** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיך היטען פון א שלעכטע זאך. דאס מיינט מען א מענטש זאל ניט טראכטין ביי טאג פון זנות. ווערט ער ניט טמא ווערין פון שכבת זרע ביי נאכט. פון דאנען האט רבי פנחס בן יאיר גזאגט דער מענטש וואס לערנט תורה. ברענגט איהם דיא תורה ער זאל זיין א געהיט פון אלע שלעכטע זאכען. ער זאל ניט עובר זיין אויף אלע לאוין פון דער תורה. אונ אז ער איז א געהיט פון שלעכטס ברענגט דאס איהם צוא געשווינדיגקייט מקיים צוא זיין אלע מצות עשה וואס דיא תורה האט גיבאטין. אונ דער מענטש וואס איז געשווינט צוא מקיים זיין אלע מצות עשה. דאס ברענגט איהם ער זאל זיין ריין אן אעבירה ואפילו פון א עבירה וואס דיא רבנן האבין גיאסרת איז ער אויך ריין. אונ אז ער איז ריין פון אלע עבירות דאס ברענגט איהם ער זאל זיין א גישיידט אפילו פון דיא זאכין וואס מען מעג נאר מען קען אויס קומען אן דעם. אונ אז ער איז א גישיידט אפילו פון דיא זאכען וואס מען מעג. דאס ברענגט איהם ער זאל זיין ביי זיך נידעריג. אונ אז ער איז ביי זיך נידעריג. דאס ברענגט איהם ער זאל מורא האבין צו יעדער צייט ער זאל ניט מאכען עפעס אפעלער אין די אויבערשטע הייליגקייט וואס אויף דעם הימעל. אונ אז ער איז א געהיט ער זאל ניט מאכין אפעלער אין דיא הייליגקייט פון הימעל. דאס ברענגט איהם ער זאל זיין א חסיד. אונ אז ער איז א חסיד ווערט

ער

חסידות מביאה לידי רוח הקדש. רוח הקדש מביאה לידי תחית המתים. והסידות גדולה מכלם שנאמר (תהלים פט) אז דברת בחזון לחסידיך ופליגא דריב"ל דאמר ריב"ל ענוה גדולה מכולן שנאמר (ישעיה סא) יען משח ה' אותי לבשר ענוים חסידים וצדיקים לא נאמר כאן אלא ענוים הא למדת שענוה גדולה מכלם :

עליו בכיפה : אז דברת בחזון לחסידיך. ולא נאמר ניראיך ולענויך. ע"כ פירוש רבינו ז"ל :
ישראל שעמדו על הר סיני. והקנו מכל מוס דכתיב כלך יפה רעיתי ומום אין בך וכתבו בתוס' דגריס נמי דפסקה זוהמתן היינו ממום ולתע"ג דליכא לא כוו מזליהו הוו :
וכן היה ר' אליעזר פוסל וכו'. ממום דחיים לרביעה (כל העכו"ם נהדו עליה וכן היה פוסל בכל הקרבנות : מאי אהדרו ליה הברותי. הכמים דמכשירים פרת הטאה הנלקחה מן העכו"ם): כל צאן קדר. קדר הוא ישמעאל וכתיב יעלו לר וז על מזבחי הלמא כשאר קרבנות נמי שרי : גרים גרורים. מעצמם נגררים להתגייר אע"פ שאין

## אין מעמידין פרק שני

(דף כב ע"ב) **א** ואמר מר חביבה עליהן בהמתן של ישראל יותר מנשותיהן,

א"ר יוחנן בשעה שבא נחש על חוה הטיל בה זוהמא אי הכי ישראל נמי ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן עכו"ם שלא עמדו על הר סיני לא פסקה זוהמתן :

(דף כד) **ב** יתיב ר' אמי ור' אסי ור' יצחק נפחא אקילעא דר' יצחק נפחא פתח חד מינייהו ואמר וכן היה ר' אליעזר פוסל בכל הקרבנות כולן פתח אידך ואמר מאי אהדרו ליה (ישעיה ס) כל צאן קדר יקבצו לך וגו' יעלו לרצון על מזבחי א"ל ר"א כלם גרים גרורים הם לעתיד לבא אמר רב יוסף מאי קראה (צפניה ג) כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה א"ל

---

ער האבין רוח הקודש. אונ אז ער וועט האבין רוח הקודש וועט ער קענען לעבעדיג מאכין מתים, אונ חסידות איז דיא גרעסטע מעלה פון אלע מעלות. אונ רבי פינחס קריגט אויף רבי יהושע בן לוי. ווארום רבי יהושע בן לוי זאגט אז ענוה וואס אמענטש איז נידעריג ביא זיך איז דיא גרעסטע מעלה. ווארום עס שטייט אין פסוק ישעיה הנביא זאגט גאט האט מיך גיזאלבט אן צו זאגין דיא ענוים. חסידים אונ צדיקים שטייט ניט. נאר ענוים. זעהן מיר אז ענוה איז דיא גרעסטע מעלה :

## פרק שני

**א** אמר. דער תנא האט גזאגט אז ביא דיא גערצין דינער איז גיוועון ליבער צוא מזנה דין מיט דיא יודישע בהמות וויא מיט זייערע ווייבער. רבי יוחנן זאגט ווען דער שלאנג האט מזנה גיוועזן מיט חוה. האט ער אין איר אריין גיגעבין זיינע זרע וואס פון דעם איז פאר מיאוסט גיווארין איר גאנצער גוף. אונ דאס מיאוסקייט האט זיא איין גיפלאנצט אין אלע מענטשין פון דער וועלט וואס זענין פון איר גיבארין גיווארן, נאר דיא יודין וואס זענין גישטאנען אויף דעם בארג סיני איז פון זייא אפ גיטאהן גיווארין זייער מיאוסקייט. אונ דיא גערצין דינער וואס זענען ניט גישטאנען אויף דעם בארג סיני. איז פון זייא ניט אפ גיטאהן גיווארין זייער מיאוסקייט :

**ב** יתיב. רבי אמי אונ רבי אסי אונ רבי יצחק נפחא זענין גיזעסין ביא רבי יצחק נפחא אין שטוב. האט איינער פון זייא אן גיהויבין אונ האט גזאגט אזוי האט רבי אליעזר פסול גימאכט אלע קרבנות וואס זענין גיקויפט גיווארין פון אגוי. וויל ער האט מורא טאמער האט דער גוי מזנה גיוועזן מיט דער בהמה. האט דער אנדערער גזאגט וואס האבין דיא חכמים גיענטפערט צוא רבי אליעזר עס שטייט אין פסוק אלע שעפסין פון קדר וועלין פאר זאמעלט ווערין צוא דיר אונ זייא וועלין אויף גיבריינגט ווערין אויף מיין מזבח צום בעווילינג. זעהן מיר אז דיא גוישע בהמות זענען כשר מקריב צוא זיין אויף דעם מזבח. האט רבי אליעזר גזאגט צוא דיא חכמים פון דער צייט וואס משיח וועט קומען שמועסין מיר ניט. ווארום עס וועט שוין ניט זיין קיין גוים. אלע וועלין זיך מגייר זיין ווען משיח וועט קומען. האט רב יוסף גזאגט

פון

א"ל אביי ודלמא מע"ז הוא דהדרי בה א"ל רב יוסף (שם) לעבדו שכם אחד כתיב:

(ע"ב) ג וישרנה הפרות בדרך וגו' (ש"א ו) מאי וישרנה הפרות א"ר יוחנן משום ר"מ שאמרו שירה וכן אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב שישרו פניהם כלפי ארון ואמרו שירה ומה שירה אמרו א"ר יוחנן משום ר"מ (שמות טו) אז ישיר משה וגו' ור' יוחנן דידיה אמר (ישעיה יב) ואמרתם ביום ההוא הודו לה' קראו בשמו וגו'. וריש לקיש אמר מזמורא יתמא (תהלים צח) מזמור שירו לה' שיר חדש כי נפלאות עשה וגו', ר' אלעזר אומר (שם צט) ה' מלך ירגזו עמים. ר' שמואל בר נחמני אמר (שם צג) ה' מלך גאות לבש. ר' יצחק נפחא אמר רני רני השטה התנופפי ברוב הדרך המחושקה ברקמי זהב המהוללה בדביר ארמון המפוארה בעדי עדיים. רב אשי מתני לה להא דר' יצחק

מקבלין אותן: מע"ז הדרי בה. כדכתיב לקרוא כולם בשם ה' אבל מלכיעה לא הדרי: שכם אחד. משמע אין חילוק בעבודתן ישראל והאומות והיא עבודתן שוה בכל מנהיו: ושרנה אז ישיר כי נהה גאה לגאוה יד בפלשתים ובדגון אלהיהם: יתמא. בלא מכר בה אמרו: ירגזו. על שהכם במכת טחורים: השטה. ארון עצי שטים: התנופפי. התרוממי: המחושקה. קבועה לשון ותשוקיהם כסף: ברקמי זהב. מצופה זהב טהור מבית ומבחוץ: המהוללה בדביר הרמון. שכ"ת של מטה בתיכו וארון מהולל ומפואר במה בתוכו: בעדי עדיים. ואין לך

פון דאנען ווייסין מיר אז דיא גוים וועלין זיך מגייר זיין ווען משיח וועט קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק דאמאלס ווען משיח וועט קומען וועל איך פארקערין צוא דיא פעלקער איינע שפראכע זייא וועלין אלע רעדין לשון קודש וועלין זייא דאך זיין יודין. האט אביי גיפרעגט טאמער וועלין זייא זיך נאר מגייר זיין זייא זאלין זיין יודין. אבער מיט בהמות וועלין זיי נאך מזנה זיין. האט רב יוסף גזאגט עס שטייט אין פסוק לעבדו שכם אחד. זייא וועלין דינען גאט אלע גלייך. דיא גרים אזוי וויא דיא יודין:

ג וישרנה. ווען דיא פלשתים האבען גיפאנגען דעם ארון אונ נאך האט זיי גישטראפט ביז זיי האבען געמוזט דעם ארון צוריק שיקען צו דיא יודען. שטייט אין פסוק דיא פלשתים האבען ארויף גישטעלט דעם ארון אויף א נייעם וואגין. אונ זייא האבען איין גישפאנט אין דעם וואגין צווייא קיה. אונ זייא האבין גילאזין דיא קיה זאלען אליין גיין. זאגט דער פסוק וישרנה הפרות בדרך. וואס מיינט מען וישרנה הפרות. רבי יוחנן זאגט פון רבי מאירס וועגין. דיא קיה האבען גיזאגט שירה. אונ אזוי האט גיזאגט רב זוטרא בר טוביה פון רבס וועגין אז דיא קיה האבען אוים גיגלייכט זייער פנים געגין דעם ארון אונ זיי האבען גיזאגט שירה. וועלכע שירה האבען זייא גיזאגט. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי מאירס וועגין זייא האבען גיזאגט דיא שירה וואס משה האט גיזאגט בייא דעם ים אויף דיא גרויסקייט וואס גאט האט גיטאהן אין מצרים. דיא קיה האבען אויך גיזונגען צו גאט אויף זיין גרויסקייט וואס ער האט בעוויזען צו שטראפען דיא פלשתים מיט זייער גאט. אונ רבי יוחנן זאגט פון זיינעט וועגין דעם פסוק האבען זייא גיזונגען איהר וועט זאגין אין דעם טאג לויבט צו גאט רופט זיין נאמען (אונ ווי ווייטער שטייט). ריש לקיש זאגט זייא האבען גיזונגען דעם מזמור וואס ער איז א יתום מען ווייס ניט ווער עס האט איהם גיזאגט. דאס איז דער מזמור שירו ליי שיר חדש כי נפלאות עשה (אונ וויא ווייטער שטייט). רבי אלעזר זאגט זייא האבען גיזונגען דעם קפיטל יי מלך ירגזו עמים. רבי שמואל בר נחמני זאגט זייא האבען גיזונגען דעם קפיטל יי מלך גאות לבש. רבי יצחק נפחא זאגט דיא קיה האבען גיזאגט צום ארון רני רני השטה (זינג דוא ארון וואס דוא ביזט גימאכט פון טענען האלץ): התנופפי ברוב הדרך (דער הויב דיך מיט דיינע פיל שיינקייט) המחושקה ברקמי זהב (וואס דוא ביזט ארומגינומען מיט גאלד פון איניווייניג אונ פון אויסווייניג) המהוללה בדביר ארמון (וואס דוא בערימסט דיך מיט דיא תורה וואס ליגט אין דיר) המפוארה בעדי עדיים (וואס דוא ביסט בעצירט מיט א שיינעם צירונג. דאס איז די תורה). רב אשי האט גילערנט וואס רבי יצחק נפחא האט גיזאגט אויף דער זאך. ניט דיא קיה האבען גיזאגט רני רני השטה. נאר ווען דער ארון האט גיצויגין אונ משה האט גיזאגט קומה יי וואס

האבען

יצחק נפחא אהא (במדבר י) ויהי בנסוע הארון ויאמר משה וגו' ישראל מאי אמרו א"ר יצחק רני רני השטה וגו' אמר רב כמאן קרו פרסאי לספרא דביר מהכא (שופטים א) ושם דביר לפנים קרית ספר. אמר רב אשי כמאן קרו פרסאי לנדה דשתנא מהכא (בראשית לא) כי דרך נשים לי:

(דף כה) (יהושע י) **וידם** השמש וירח עמד עד יקום גוי אויביו הלא היא כתובה

על ספר הישר מאי ספר הישר אמר ר' חייא בר אבא א"ר יוחנן זה ספר אברהם יצחק ויעקב שנקראו ישרים שנאמר (במדבר כג) תמות נפשי מות ישרים וגו' והיכא רמיזא (בראשית מח) וזרעו יהיה מלא הגוים אימתי יהיה מלא גוים בשעה שעמדה לו חמה ליהושע. (ר' אלעזר אומר זה ספר משנה תורה ואמאי קרי ליה ספר הישר דכתיב ביה (דברים יב) ועשית הטוב והישר בעיני ה' וגו' והיכא רמיזא (שם לג) בהם עמים ינגח יחדו אפסי ארץ

עדי גזול מזה : דביר. הוא ספר בלשון פרס : ישראל מאי אמרו. בנסוע הארון בשעת מסעות שבמדבר שהיה משה אומר קומה ה' מה ישראל עונין אחריו : דשתנא. מעדיקין ד' דרך נשים : וידום השמש. ביהושע כתיב כשנלחם עם חמשת מלכים האמורים על הגבעונים ונקט לה משום דפליגי לעיל ר"א ורבי שמואל בר נחמני במדרש פסוקא דוישרנה הפרות ופליגי נמי במדרש ויעמוד השמש, וידום שתק מלומר שירה שבכל עת לכתו הוא שותק ובעמידתו שותק ויהושע אומר שירה בשבילה דכתיב אז ידבר יהושע לה' ביום תת וגו' : עד יקום גוי. יקום ישראל מאויביו : הלא היא כתובה על ספר הישר. שעתיד לעשות לי נס : ספר אברהם וכו'. היינו ספר בראשית שמעשה אבות כתובים בו : מות ישרים. בלעם מבקש על עצמו שימות מיתה של גויעה כמותן : והיכא רמיזא. בבראשית שעתיד יהושע לבא לנס זה. יהושע משבט אפרים בא דכתיב למטה אפרים הושע בן נון וכתיב באפרים וזרעו יהיה מלא הגוים כל הגוים יתמלאו מיראה אימת זרעו של אפרים יהיה מלא הגוים אם אדם עלה כאן במלחמה אין בני האפסיה יודעין בה אבל בשעה שעמד ליהושע השמש נראה לכל העולם ויראו מפניו: בהם עמים ינגח יחדו אפסי ארץ. כלומר תפול

---

האבען דיא יודען גיזאגט. האט רבי יצחק נפחא גיזאגט דיא יודען האבין גיזאגט רני רני השטה. רב האט גיזאגט פאר וואס רופען דיא פרסיאנער אויף א ספר דביר אזוי וויא עס שטייט פריער המהוללה בדביר ארמון אונ דביר מיינט מען דיא ספר תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק דעם נאמען דביר האט מען פריער גירופען קרית ספר. רב אשי זאגט פאר וואס רופען דיא פרסיאנער אויף אנדה דשתנא. ווארום עס שטייט אין פסוק כי דרך נשים לי. רחל האט גיזאגט צו איהר פאטער לבן איך האב בעקומען דאס ווייבערשע נאטור: איך בין אנדה. אונ דער דל"ת פון דשתנא מאכט דרך. דער שי"ן מאכט נשים:

**ד** וידום. ווען יהושע האט מלחמה גיהאלטען אונ עס האט אן גיהויבען נאכט צוא ווערין. האט יהושע גיזאגט דיא זוהן זאל בלייבען שטיין אין גבעון אונ דיא לבנה זאל בלייבען שטיין אין עמק אילון. איז דיא זוהן געבליבען שטיין אין גבעון. אונ דיא לבנה איז געבליבען שטיין אין עמק אילון. ביז דאס פאלק (דיא יודען) האבען גיטאהן אנקמה אין זייערע פיינד. עס איז פאר שריבען אין ספר הישר. וועלכער ספר איז דאס דער ספר הישר. האט רבי חייא בר אבא גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין. דאס איז דער ספר בראשית וואס דארט ווערט דער צייל פון אברהם יצחק יעקב וואס זייא ווערין גערופען ישרים. אזוי וויא בלעם האט גיזאגט תמות נפשי מות ישרים. הלואי זאל איך אויך שטארבען אזוי וויא דיא ישרים אברהם יצחק יעקב זענען גישטארבען. ווא שטייט דאס אין ספר בראשית. יעקב האט גיזאגט אויף אפרים דער נאמען פון זיין קינד וועט זיין פול אלע פעלקער (אונ יהושע איז גיבארן פון שבט אפרים) ווען איז גיוועזען דער נאמען פון יהושע פול צווישען אלע פעלקער. ווען יהושע האט געהייסען די זוהן מיט דיא לבנה זאלען בלייבען שטיין. דעם נס האבען גיזעהן דיא גאנצע וועלט. אונ דר נאמען פון יהושע איז גרויס גיווארען אונ אלע האבען מורא גיהאט פאר איהם. רבי אלעזר זאגט דעם ספר הישר מיינט מען דעם ספר משנה תורה (דאס איז דער ספר דברים). פאר וואס רופט מען איהם ספר הישר. ווייל אין איהם שטייט ועשית הטוב והישר בעיני יי: אונ ווא שטייט דער מאנט אין משנה תורה דיא זאך פון יהושע. ווארום עס שטייט אין פסוק מיט די הערנער וועט ער שטויסען אלע פעלקער צו זאמען ואונ זיין מורא וועט זיין ביזו אין דיא עקין וועלט. ווען וועט ער שטויסען דיא פעלקער צו זאמען אונ זיין נאמען וועט זיין ביז אין די עקין וועלט

ווען

ארץ אימתי בהם עמים ינגח יהדו אפסי ארץ בשעה שעמדה לו חמה ליהושע). (יהושע י) ויעמוד השמש בחצי השמים ולא אץ לבא כיום תמים וכמה אריב"ל עשרים וד' שעי אזל שית וקם שית אזל שית וקם שית כולה מלתא כיום תמים. ר' אלעזר אומר ל"ו אזל שית וקם תרי עשר אזל שית וקם י"ב עמידתו כיום תמים ר' שמואל בר נחמני אמר מ"ח אזל שית וקם תרתי סרי אזל שית וקם עשרין וארבע שנאמר ולא אץ לבא כיום תמים מכלל דמעיקרא לאו כיום תמים הוה. א"ד בתוספת פליגי ריב"ל אמר כ"ד אזל שית וקם תריסר אזל שית וקם תריסר עמידתו כיום תמים ר' אלעזר אומר ל"ו אזל שית וקם תרתי סרי אזל שית וקם כ"ד ולא

שהדו ולימתאו לאומות העומדים בקלה הלכן והשמש כמס כדכתיב ולא קם עוד כוה וגו'. כפר משנה תורה וספר שופטים ל"ג ככה ותגב ריהטא הגרסי' לקמן נקבע הכא ובנבתאה היא דהא לא רמיזא בהו: ויעמוד השמש. יש במשמע שני עכבות אחת בחצי השמים דהיינו בחצי היום ואחת סמוך לשקיעת החמה דכתיב ולא אץ לבוא אלא שהה כיום תמים והיינו כ"ד שעות דיום אינו תמים ונפלם אלא עם לילו: כ"ד שעות. היה אותו היום מעלות השחר עד צאת הכוכבים ויום תמים הכולה מלתא קאי אהלוך ואעמידה: אזל שית. עד חצי השמים: וקם שית. דכתיב ויעמוד השמש: ואזיל שית. עד ערב: וקם שית. דכתיב ולא אץ לבא: כולה מלתא. הלוכו ועמידתו כיום תמים כ"ד שעות של יום וכל לילה דשאר ימים: בלשים וכם. דיום תמים דקרא אעמידה להוד קאי: מ"ח. כיום תמים דקרא אתרוי' דשקיעה קאי וקמייתא דלא כתיב בה כיום תמים שהם עמידה י"ב שעות כעמידה בדרכו לעמוד לשחוק בלילה: איכא דאמרי. הנך שיעורי דהני רבנן בתוספת דמיתוסף על היום קאמרי להו: ריב"ל אמר כ"ד. הואי התוספת ויום תמים דקרא אעמידה קאי: ור"א אמר ל"ו. הואי התוספת ויום תמים דהכא אעמידה דלא אץ לבא קאי וקמייתא שהמה י"ב שעות כתורת

---

ווען ער האט געשטעלט דיא זוהן מיט דיא לבנה. אין פסוק שטייט די זוהן האט זיך געשטעלט אין האלבען הימעל אונ זיא האט ניט געאיילט אונטער צו גיין אזוי וויא אגאנצין מעת לעת. וויא לאנג איז געוועזן דער טאג. רבי יהושע בן לוי זאגט דער טאג איז געוועזן פיר אונ צוואנציג שעה. די זוהן איז געגאנגען זעקס שעה. אונ איז געשטאנען זעקס שעה. דער נאך איז זי וויטער געגאנגען זעקס שעה. אונ איז געשטאנען זעקס שעה. צו זאמען איז געוועזן דער טאג לאנג אזוי וויא א גאנצער מעת לעת. דאס איז פיר אונ צוואנציג שעה. דער נאך איז געווארען נאכט. רבי אלעזר זאגט זעקס אונ דרייסיג שעה איז געוועזן דער טאג. דיא זוהן איז געגאנגען זעקס שעה אונ איז געשטאנען צוועלף שעה. דער נאך איז זיא וויטער געגאנגען זעקס שעה אונ איז געשטאנען צוועלף שעה. דער נאך איז געווארען נאכט. איז דיא זוהן געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה אזוי וויא א גאנצער מעת לעת. אויסער דיא צוועלף שעה וואס זיא איז געגאנגען. רבי שמואל בר נחמני זאגט דער טאג איז גרוס געוועזן אכט אונ פערציג שעה. די זוהן איז געגאנגען זעקס שעה. אונ איז געשטאנען צוועלף שעה. דער נאך איז זיא וויטער געגאנגען זעקס שעה. אונ איז געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא זוהן האט ניט געאיילט אונטער צו גיין אזוי וויא א גאנצער טאג (אזוי וויא א גאנצער מעת לעת). ווען מיר אז פאר דעם אונטער גיין איז זיא געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה צו זאמען איז אכט אונ פערציג שעה. ווייסען מיר אבער אין מיטען טאג ווען זיא איז געשטאנען. איז זיא ניט געשטאנען וויא א גאנצין מעת לעת. נאר וויא א האלבען מעת לעת. דאס איז צוועלף שעה. אנדערע זאגין ניט זייא קריגען וויא גרוס דער טאג איז געוועזן פון פריא ביז נאכט. נאר זייא קריגען מיט וויא פיל דער טאג איז לינגער געוועזן פון אלע טאג. רבי יהושע בן לוי זאגט דער טאג איז געוועזן גרעסער מיט פיר אונ צוואנציג שעה. דיא זוהן איז געגאנגען זעקס שעה. אונ איז געשטאנען צוועלף שעה. דער נאך איז זיא וויטער געגאנגען זעקס שעה אונ איז געשטאנען צוועלף שעה. איז דיא זוהן געשטאנען אזוי וויא א גאנצער טאג וויא א גאנצער מעת לעת. פיר אונ צוואנציג שעה. צו זאמען איז געוועזן טאג זעקס אונ דרייסיג שעה. רבי אלעזר זאגט דיא זוהן איז געשטאנען זעקס אונ דרייסיג שעה. זיא איז געגאנגען זעקס שעה. אונ איז געשטאנען צוועלף שעה. זיא איז געגאנגען נאך זעקס שעה אונ איז געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא האט ניט געאיילט אונטער צוא גיין אזוי וויא א גאנצער טאג אזוי וויא א גאנצער מעת לעת. פיר אונ צוואנציג שעה. ווען מיר אז ביא דעם אונטער גיין

ולא אץ לבא כיום תמים רשב"נ אמר כ"ה אזל שית וקם כ"ד אזל שית וקם כ"ד מקיש עמידהו לביאתו מה ביאתו כיום תמים אף עמידתו כיום תמים :

ה תנא כשם שעמדה לו חמה ליהושע כך עמדה לו למשה ולנקדימון בן גוריון . יהושע קרא . נקדימון בן גוריון גמרא אלא משה מנ"ל (א"ר אלעזר) אתיא אחל אחל כתיב הכא (דברים ב) אחל תת פחדך וכתיב ביהושע (יהושע ג) אחל גדלך לעיני העמים ר' יוחנן אמר אתיא תת תת כתיב הכא תת וכתיב התם (שם י) ביום תת ה' את האמורי לפני בני ישראל ר"ש בר נחמני אמר מגופיה דקרא שמעת ליה (דברים ב) אשר ישמעון שמעך ורגזו וחלו מפניך אימתי ורגזו וחלו מפניך בשעה שעמדה לו חמה למשה מיתיבי (יהושע י) ולא היה כיום ההוא לפניו ואחריו אבע א שעות הוא דלא נפישן כולי האי ואבע"א אבני ברד לא הואי דכתיב (שם) ויהי בנוסם מפני ישראל וגו' וה' השליך עליהם

כתורת כלילה : ור' שמואל בר נחמני . ס"ל דיום המ ס דקרא לעמידה דלא אן לבא קאי ומיהו מקיש עמידתו דהאי השמים לביאתו דלא אן לבא : נקדימון בן גוריון גמרא . בהלוהו הגמון שתים עשר מעינות מים במסכת תענית בפרק סדר תעניות האלו : למשה . במלחמת סיחון : ולא היה כיום ההוא . במעשה דיהושע כתיב : אבני

---

איז זיא געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . צו זאמען איז געוועזן דער טאג אכט אונ פערציג שעה . רבי שמואל בר נחמני זאגט דיא זוהן איז געשטאנען אכט אונ פערציג שעה . זיא איז גיגאנגען זעקס שעה אונ איז געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . זיא איז גיגאנגען נאך זעקס שעה . אונ איז געשטאנען נאך פיר אונ צוואנציג שעה . ווארום מיר גלייכען דעם שטיין פון מיטען טאג צו דעם שטיין פון אונטער גיין . אזוי וויא פר דעם אונטער גיין איז זיא געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . אזוי אין מיטען טאג איז זיא אויך געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . צו זאמען איז געוועזן דער טאג זעכציג שעה :

ה תנא : מיר האבען גילערנט אזוי וויא דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון יהושעס וועגין . אזוי איז זיא געבליבען שטיין פון משהס וועגין . אונ אזוי איז זיא געבליבען שטיין פון נקדימון בן גוריונס וועגין . זאגט דיא גמרא אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון יהושעס וועגין שטייט אין פסוק . אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון נקדימון בן גוריונס וועגין שטייט אין דיא גמרא . אבער פון וואנען ווייסען מיר אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון משהס וועגין . רבי אלעזר זאגט מיר לערנען אפ אחל אחל . ביא משה שטייט אחל תת פחדך ואיך וועל אנהייבין געבין דיין מורא . אונ ביא יהושע שטייט אחל גדלך לעיני העמים איך וועל אנהייבען דיך גרוים צוא מאכען פאר דיא אויגען פון אלע פעלקער אזוי וויא דיא גרויסקייט פון יהושע איז גיווארין וייל דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין . אזוי דיא מורא פאר משה איז אויך גיווארין וייל דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין . רבי יוחנן זאגט מיר לערנען אפ תת תת . ביא משה שטייט דער ווארט תת . אונ ביי יהושע שטייט דער ווארט תת . צו ווייזען אלץ וואס עס האט גיטראפען ביי יהושע האט גיטראפען ביא משה . אזוי וויא ביי יהושע איז געבליבען שטיין דיא זוהן . איז ביא משה אויך געבליבען שטיין דיא זוהן . רבי שמואל בר נחמני זאגט מען דארף ניט אפ לערנען משה פון יהושע . נאר ביי משה אליין שטייט אין פסוק אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין . ווארום עס שטייט אין פסוק זייא וועלין הערין דיין הערונג וועלין זייא ציטערין אונ שרעקין פאר דיר . ווען האבען אלע פעלקער געציטערט אונ גישראקען פאר משה ווען די זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין ווארום אלע נסים וואס משה האט גיטאהן האבען נאר גיוואוסט דיא גאנטע . אבער ניט דיא גאנצע וועלט . אונ אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין . האבען דעם נס דיא גאנצע וועלט גיזעהן . אונ אלע פעלקער האבען געציטערט פאר משהו . פרעגט די גמרא עס שטייט דאך ביי יהושע אזוי וויא דער טאג איז ניט גיוועזן פריער אונ עס וועט ניט זיין שפעטער . זעהן מיר דאך אז פריער פאר יהושע איז דיא זוהן קיין מאהל ניט געבליבען שטיין

עליהם אבנים גדולות מן השמים וגו'. (ש"ב א) ויאמר ללמד את בני יהודה קשת הלא היא כתובה על ספר הישר מאי ספר הישר א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן זה ספר אברהם יצחק ויעקב שנקראו ישרים דכתיב (במדבר כ:) תמות נפשי מות ישרים היכא רמיזא (בראשית מט) יהודה אתה יודוך אחיך ידך בערף איביך אי זו היא מלחמה שצריכה יד כנגד עורף הוי אומר זו קשת ר"א אומר זה ספר משנה תורה ואמאי קרי ליה ספר הישר (דברים י) ועשית הישר והטוב בעיני ה' היכא רמיזא (שם לג) ידיו רב לו אי זו היא מלחמה שצריכה שתי ידים הוי אומר זה קשת. רבי שמואל בר נחמני אמר זה ספר שופטים ואמאי קרי ליה ספר הישר דכתיב בי' (שופטים יז) בימים ההם אין מלך בישראל איש הישר בעיניו יעשה היכא רמיזא (שם ג) למען דעת דורות בני ישראל ללמדם מלחמה אי זו היא מלחמה שצריכה למוד הוי אומר זו קשת ומנ"ל דביהודה כתיב דכתיב (שם א) מי יעלה לנו בתחלה אל הכנעני להלחם בו ויאמר

בעד לא סוס. במשה: ויאמר ללמד לבני יהודה קשת. בקינה שקונן דוד על שאול כתיב: הלא היא כתובה על ספר הישר. דמבני יהודה היו תופשי קשת: יד כנגד עורף. המושך בקשת מתן ידיו כנגד עיניו דהיינו מול עורף אקסי"ל בלעז: דכתיב ביה. במשנה תורה ועשית הישר והטוב: אי זו היא מלחמה שצריכה למוד כו' מנא לן. דקרא ביהודה כתיב: דכתיב. בריש דספרא מי יעלה לנו אל הכנעני בתחלה להלחם

---

שטיין. ענטפערט די גמרא אז דו ווילסט ווער איך דיר זאגן די זוהן איז טאקי געשטאנען ביי משה אויך. נאר ניט אזוי לאנג וויא זיא איז געשטאנען ביי יהושע. אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגן האגיל אזוי וויא שטיינער איז ניט געוועזן ביי די מלחמות פון משה. אונ ביי די מלחמות פון יהושע איז יא געוועזן האגיל אזוי וויא שטיינער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזן ווען זייא זענען אנטלאפען האט גאט געווארפען אויף זיי גרויסע שטיינער פון הימעל:

עס שטייט אין פסוק דוד האט גזאגט דיא קינדער פון שבט יהודה דארפין זיך לערנען שיסען מיט בויגנס. דאס שטייט געשריבען אין ספר הישר אז דער שבט יהודה וועט שיסען מיט בויגנס. וועלכער ספר איז דאס דער ספר הישר. האט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דאס איז דער ספר בראשית וואס אין איהם ווערט דער ציילט פון אברהם יצחק יעקב וואס זייא ווערין גירופען ישרים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בלעם האט גזאגט הלוואי זאל איך שטארבען אזוי וויא דיא ישרים דיא פרומע אברהם יצחק יעקב זענען געשטארבן. אונ וואו שטייט אין ספר בראשית אז דער שבט יהודה וועט שיסען מיט בויגנס. יעקב האט גזאגט צוא יהודה. יהודה דיך וועלין לויבען דיינע ברידער דיין האנט וועט זיין אין נאקין פון דיינע פיינט. צוא וועלכע מלחמה דארף מען האלטען דיא האנט קעגין נאקין (דאס הייסט קעגין אקסיל). דאס איז נאר אז מען שיסט מיט אבויגען. רבי אלעזר זאגט דער ספר. משנה תורה (דער ספר דברים) ווערט גירופען ספר הישר. פאר וואס רופט מען איהם ספר הישר. וויל אין איהם שטייט דער פסוק ועשית הישר והטוב בעיני ה'. אונ וואו שטייט אין ספר דברים אז דער שבט יהודה וועט מלחמה האלטען מיט בויגנס. ווארום משה רבינו האט גזאגט צום שבט יהודה ידיו רב לו זיינע הענט זאלין זיך קריגען פאר איהם. צו וועלכע מלחמה דארף מען ביידע הענט. דאס איז אז מען שיסט מיט אבויגען. רבי שמואל בר נחמני זאגט דער ספר שופטים ווערט גירופען דער ספר הישר. פאר וואס רופט מען דעם ספר שופטים ספר הישר. וויל אין איהם שטייט אין דיא צייטען איז ניט געוועזן קיין מלך ביי יודען איש הישר בעיניו יעשה. וואו שטייט אין ספר שופטים אז מען וועט מלחמה האלטען מיט בויגנס. עס שטייט אין פסוק דיא דורות פון יודען זאלין וויסען צוא לערנען מלחמה. וועלכע מלחמה דארף מען לערנען. דאס איז צוא שיסען מיט אבויגען. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דם מיינט מען דעם שבט יהודה. ווארום עס שטייט אין פסוק ווער וועט אויף גיין פון אונזערט וועגין צוא ערשט צוא דעם כנעני מלחמה צו האלטען מיט איהם. האט גאט גזאגט יהודה זאל זיין

דער

ויאמר ה' יהודה יעלה, (ש"א ט) וירם הטבח את השוק והעליה וישם לפני שאול מאי והעליה רבי יוחנן אמר השוק והאליה ואמאי קרי ליה והעליה משום דמסמכא שוק לאליה ר' אלעזר אמר חזה ושוק ומאי והעליה דמחית ליה לחזה עילוי שוק כי בעי אנופי ומנפי ליה ר' שמואל בר נחמני אמר שוק ושופי מאי והעליה משום דשופי עילוי שוק קאי:

(שם ע"ב) ו ת"ר ישראל שנזדמן לו עכו"ם בדרך טופלו ליכינו רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן בן ברוקה אומר בסייף טופלו לימינו במקל טופלו לשמאלו היו עולים במעלה או יורדים בירידה לא יהא ישראל למטה ועכו"ם למעלה אלא ישראל למעלה ועכו"ם למטה ואל ישוח לפניו שמא ירוץ את גלגלתו

מו ויאמר ה' יהודה יעלה אלמא סתם מלחמות דכספרא איהודה קאי: וירם הטבח את השוק והעליה. משום פלוגתא דהני אמוראי גופייהו נקט לה: העליה. מה שעליה: דמסמכא שוק לאליה. השוק סמוך לאליה שהאליה מלמעלה ונשוכבה על השוק ושוק הוא עצם של צומת הגידין המחולק בין קולית להארכובה ואברים התחתונים סומכין את העליונים: דמחית. מנית חזה על השוק גבי חזה ושוק של שלמים בשעת תנופה. והכית סעודתא אע"ג דזבח היה דכתיב כי הוא יברך את הזבח לא הוה חזה ושוק דידהו לכהן דבמה קטנה הוה וקי"ל בפ' בתרא דזבחים חזה ושוק בבמה גדולה ואין חזה ושוק בבמה קטנה: שופי. כף הירך הסובב עצם הקוליה יקורין אותן שולפ"א: טופלו לימינו. מחברו לעכו"ם לימינו של ישראל שאם יעלה העכו"ם להרגו ימצא ישראל יד ימינו ויאחז בו: בסייף. דאם היה כלכעים חגור סייף טופלו לימינו כדי שיהא יד שמאל של עכו"ם שהסייף חגור בו נגד ימינו של ישראל ומאמנת לימין ישראל נאחוז בה: במקל. אם ביד העכו"ם מקל טופלו ישראל לשמאלו שתהא יד ימין העכו"ם שהמקל בה סמוכה לישראל ואם ירים יד ימינו יאחזנו בשמאלו של ישראל במקל הסמוך לה דאי טופלו לימינו יהא המקל רחוק מידו של ישראל: במעלה. בהר או בסלע: לא יהא ישראל למטה. אלא למעלה בעליה ילך ישראל לפני העכו"ם דסיים למעלה אלא בטופלו לימינו דלא הוי אחריו ממש ובירידה יוליך העכו"ם לפניו: ואל ישוח לפניו. אפי' במישור לא ישחה ישראל

---

דער ערשטער צו מלחמה האלטען מיט דעם כנעני · זעהן מיר אז די מלחמות פון ספר שופטים איז געוועזן פון יהודה:

עס שטייט אין פסוק דער סארוועער האט גענומען די פאלקע אונ אלץ וואס אויף איר איז געוועזן אונ ער האט דאס געלייגט פאר שאול. וואס איז געוועזן אויף דיא פאלקע · רבי יוחנן זאגט דער סארוועער האט געגעבען פאר שאול דעם וויידיל אונ דיא פאלקע · פאר וואס רופט מען דאס אויף איר · ווייל ווען דיא בהמה לעבט ליגט דער וויידיל אויף דיא פאלקע · רבי אלעזר זאגט ער האט איהם געגעבען דיא ברוסט אונ דיא פאלקע · פאר וואס רופט מען דס · אויף איר · ווייל ביא שלמים ווען מען בארף אויף הייבען דיא ברוסט מיט דער פאלקע לייגט מען ארויף דיא ברוסט אויף דיא פאלקע אונ מען הייבט אויף · רבי שמואל בר נחמני זאגט ער האט איהם געגעבען דיא פאלקע אונ דיא שטיק פלייש וואס איז קיילעכדיג אזוי וויא אלעפיל · פאר וואס רופט מען דאס · אויף איר · ווייל ווען דיא בהמה לעבט איז דיא קיילעכדיגע שטיק פלייש אויף דיא פאלקע:

ו תנו רבנן: דיא רבנן האבען געלערנט אז איוד גייט אין וועג אונ אגוי טרעפט איהם אונ דער גוי וויל גיין מיט דעם יודען צוא זאמען · זאל דער יוד נעמען דעם גוי ביא זיין רעכטע זייט · טאמער וויל דער גוי נהרגן דעם יוד · וועט דער יוד איהם באלד צוא האלטען מיט זיין רעכטע האנט · רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוחנן בן ברוקה האט געזאגט אויב דער גוי גייט מיט אשווערד אויף זיין לינקע זייט · זאל דער יוד נעמען דעם גוי צוא זיין רעכטע זייט · דער שווערד פון גוי זאל זיין נעבען דיא רעכטע האנט פון דעם יוד · טאמער וועט דער גוי וועלין נעמען דיא שווערד וועט איהם דער יוד באלד ניט לאזין · אונ אויב דער גוי האלט אשטעקין אין זיין רעכטע האנט · זאל דער יוד נעמען דעם גוי צוא זיין לינקע זייט · דיא רעכטע האנט מיט דעם שטעקין פון גוי זאל זיין נעבין דיא לינקע האנט פון יודען · טאמער וויל דער גוי אויף הייבין זיין רעכטע האנט מיט דעם שטעקין וועט דער יוד איהם פאר האלטען דער ווייל מיט זיין לינקע האנט · אז דער יוד מיט דעם גוי דארפין גיין ארויף בארג · זאל גיין פריער דער יוד אונ ביא זיין רעכטע זייט אביסול פון אינטען זאל גיין דער גוי · אונ אז זיא דארפין גיין אראפ בארג · זאל גיין פריער דער גוי אונ אינטער איהם פון הויבין זאל גיין דער יוד · אונ דער יוד זאל

גלגלתו שאלו לאן אתה הולך ירחיב לו את הדרך כדרך שעשה יעקב אבינו לעשו דכתיב (בראשית לג) עד אשר אבא אל אדני שעירה וכתיב (שם) ויעקב נסע סכותה ומעשה בתלמידי רבי עקיבא שהיו הולכין לכזיב ופגעו בהן לסטים ואמרו להיכן אתם הולכין א"ל לעכו כיון שהגיעו לכזיב פרשו א"ל תלמידים של מי אתם א"ל תלמידים של ר"ע אמר להן אשרי ר"ע ותלמידיו שלא פגע בהן אדם רע מעולם רב מנשה הוה אזיל (דף כו) לבי תורתא פגעו בו גנבי אמרו לו להיכן אתה הולך אמר להן לפומבדיתא כי מטא לבי תורתא פירש אמרו ליה תלמידא דיהודה רמאה את אמר להו ידעיתו ליה ליהוו הנך אינשי בשמתא אזלו עבוד גניבתא עשרין ותרתין שנין ולא אצלחו כיון דחזו אתו כלהו תבעו שמתייהו הוה בהו חד גרדנא לא אתא לשרויה שמתיה אכליה אריא והיינו דאמרי אינשי גרדנא דלא טייזא שתא בצרה משני תא חזי מה בין גנבי דבבל ללסטים דא"י

ישראל לפני העכו"ם ליטול כלום : במה ירוק. ירוקן : ירחיב לו את הדרך . אם היה צריך לו לילך עד פרסה יאמר שתי פרסאות אני רוצה לילך שמא ימתין העכו"ם מלהכותו עד פרסה שניה וזה יפרוש ממנו קודם לכן : נסע סכותה. ולא הלך עד שעיר : ליכסין . ישראל היו : לעכו . רחוקה מכזיב : לבי תורתא . מקום : תלמידא דיהודה רמאה את . תלמידו של רב יהודה הוא וקרי ליה רמאי כלומר ממנו למדתם לרמותנו : ידעיתו ליה . שהוא רמאי : בשמתיה . לפי שאדם גדול הוה ותיילא שמתיה לייטינהו בשמתיה : גרדנא . (גרדי) אורג : דלא טייזא . כגון כתם גרדי אין לו בתה פנים : משני . במהיך שהוא סרק יד כל בו והורגין אותו : גנבי דבבל . שפגעו בו ברב מנשה כהספרו

---

זאל זיך ניט איינבייגן פאר דעם גוי. טאמער וועט דער גוי איהם צוא האקן דעם קאפ: אויב דער גוי פרעגט דעם יודין ביז וויא ווייט ער גייט . זאל דער יוד דער ווייטערן דעם וועג. למשל אויב דער יוד דארף גיין א מייל זאל ער זאגין איך דארף גיין צווייא מייל. ווארום אויב דער גוי טראכט שלעכץ צוא טאהן דעם יודין. וועט זיך דער גוי ניט איילין. דער וויל וועט זיך ענדיגען זיין וועג אונ ער וועט אוועק גיין פון גוי. אזוי וויא יעקב אבינו האט גיטאהן צו עשו. יעקב האט גזאגט צוא עשו ביז איך וועל קומען צוא מיין הערד אין שעיר. אונ יעקב האט גיצויגען אין סכות. אונ אין שעיר איז ער גאר ניט גיקומען:

עס האט אמאהל גיטראפען די תלמידים פון רבי עקיבא זענען גיגאנגען צוא דיא שטאט כזיב. האבין גזלנים זייא בגעגינט. האבען דיא גזלנים גזאגט צוא דיא תלמידים וואו הין גייט איר. האבען דיא תלמידים גזאגט מיר גייען צו דיא שטאט עכו דאס איז ווייטער ווי כזיב. ווי זייא זענען גיקומען אין דיא שטאט כזיב. זענען דיא תלמידים געבליבען אין כזיב אונ זייא האבען גזאגט צוא דיא גזלנים ווייטער דארפין מיר ניט גיין. האבען דיא גזלנים גזאגט צוא דיא תלמידים וועמעס תלמידים זענט איר. האבען דיא תלמידים גזאגט מיר זענען דיא תלמידים פון רבי עקיבא. האבען דיא גזלנים גזאגט וואוהל צו רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים. וואס זייא האט קיין מאהל קיין שלעכטער מענטש קיין שלעכטס גיטאהן. רב מנשה איז אמאהל גיגאנגען צו דיא שטאט תורתא. האבען איהם בגעגינט גנבים. האבען די גנבים גזאגט צוא רב מנשה וואו הין גייסטו. האט רב מנשה גזאגט איך גייא צוא פומבדיתא דאס איז ווייטער וויא תורתא. ווי רב מנשה איז געקומען אין תורתא איז ער דארט געבליבען. האבען דיא גנבים גזאגט צוא רב מנשה דוא מוזט זיין א תלמיד פון דעם פאלשין יהודה. האט רב מנשה גזאגט צו די גנבים איר קענט דען מיין רבי רב יהודה אז ער איז א פאלשער. איר זאלט זיין אין חרם. צווייא אונ צוואנציג יאהר זענען זייא גיגאנגען גנבנן אונ האבען קיין גליק ניט גיהאט. וויא דיא גנבים האבען גיזעהן אז עס איז אזוי. זענען אלע גיקומען צוא רב מנשה ער זאל זייא מתיר זיין דעם חרם. איין וועבער איז גיוועזן צווישען דיא גנבים וואס ער איז ניט גיקומען צוא רב מנשה ער זאל איהם מתיר זיין דעם חרם האט אים א לייב אויף גיגעסין. דאס איז וואס מענטשין זאגין דער וועבער ווייל ער איז ניט נידעריג בייא זיך. פעלט איהם יאהרין פון זיינע יאהרין. זאגט דיא גמרא קום אונ זעה דעם אונטערשייד פון דיא גנבים וואס אין בבל צו דיא גזלנים וואס אין ארץ ישראל. דיא גנבים פון בבל האם

זייא

דארץ ישראל:

(דף כז) ז איתמר מנין למילה בנכרי שהיא פסולה דרו בר פפא משמיה דרב אמר (בראשית יז) ואתה את בריתי תשמור ור' יוחנן אמר המול ימול מאי בינייהו וכו' איכא בינייהו אשה למ"ד ואתה את בריתי תשמור ליכא דאשה לאו בת מילה היא ולמ"ד המול ימול איכא דאשה כמאן דמהילא דמיא ומי איכא למ"ד אשה לא והכתיב (שמות ד) ותקח צפורה צור קרי ביה ותקח והכתיב ותכרות קרי ביה ותכרת דאמרה לאינש אחרינא ועבד ואי בעית אימא אתאי איהי ואתהלה ואתא משה ואגמרה:

(ע"ב) ח כתיב (מלכים ב ז) אם אמרנו נבוא העיר והרעב בעיר ומתנו שם וגו' והא איכא חיי שעה אלא לחיי שעה לא חיישינן מיתיבי לא ישא ויתן אדם עם

להרוג אדם גדול ולסטים דא"י שפגעו בתלמידי דרבי עקיבא ספרו בשבחו ואע"ג שהם לסטים פרוצים מגנבים להודיעך שבחה של ארץ ישראל: המול ימול. וקרי ביה המל ימול מי שהוא מהול ימול אחרים: ותקח. על ידי שליח: ותכרת. אמרה לאחר וכרת:

אם אמרנו נבוא העיר. בארבעה אנשים מצורעים כתיב אם אמרנו נבא העיר והרעב בעיר ומתנו שם ואם ישבנו פה ומתנו. ועתה לכו ונפלה אל מחנה ארם אם יחיינו נחיה ואם ימיתנו ומתנו: והא איכא חיי שעה. שמא יחיונו מיד: לא

---

זייא האבען בגעגנט דעם רב מנשה האבען געזידולט אזוי אגרויסען מאן וויא רב יהודה. אונ דיא גזלנים פון ארץ ישראל וואס גזלנים זענען ערגער וויא גנבים וואס זייא האבען בגעגינט דיא תלמידים פון רבי עקיבא האבען נאך גילויבט רבי עקיבא:

ז איתמר. מיר האבען גיהערט פון וואנען ווייסען מיר אז אעכו"ם איז פסול מל צו זיין אקינד. דרו בר פפא האט גיזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט היטען מיין ברית. דער וואס גאט האט מיט איהם גימאכט אפאר בינדונג דאס מיינט מען וועמען גאט האט גיבאטין ער זאל זיך מל זיין. דער מעג מל זיין אין אנדערין אויך. אונ דער וואס גאט האט איהם נים גיבאטען ער זאל זיך מל זיין. דער טאר נים מל זיין אין אנדערין. רבי יוחנן זאגט עס שטייט אין פסוק המול ימול. דער וואס איז אליין גימלת. מעג מל זיין איין אנדערען. אונ דער וואס איז אליין נים גימלת. טאר נים מל זיין איין אנדערין. וואס איז דער חילוק צווישען רב אונ רבי יוחנן. דער חילוק איז אויב אאשה מעג מל זיין: דער וואס זאגט פון פסוק דוא זאלסט היטען מיין ברית. טאר נים אאשה מל זיין. ווארום מיט איהר האט דאך גאט נים גימאכט קיין פאר בינדונג אויף מל צו זיין. אונ דער וואס זאגט פון פסוק המול ימול. מעג אאשה מל זיין. ווארום אאשה איז גליך וויא זיא איז גימלת. פרעגט דיא גמרא איז דען דא ווער עס זאל זאגין אז אאשה טאר נים מל זיין. עס שטייט דאך אין פסוק ותקח צפורה צור צפורה האט גינומען אשארפען מעסער אונ האט מל גיוועזן איהר זוהן. ענטפערט דיא גמרא צפורה האט נים מל גיוועזן נאר איין אנדערער האט דעם קינד מל גיוועזן. אונ זאלסט נים לייענען ותקח צפורה. צפורה האט גינומען. נאר זאלסט לייענען ותקח צפורה. צפורה האט גיהייסען איין אנדערין ער זאל נעמען אמעסער אונ מל זיין דעם קינד. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ותכרות. זיא האט אפ געשניטען. ענטפערט דיא גמרא לייען ותכרת. עס איז אפ געשניטען גיווארען. צפורה האט גיזאגט צו איין אנדער מענטש אונ ער האט מל גיוועזן דעם קינד. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין צפורה איז גיקומען אונ האט אן גיהובין מל צו זיין. אונ משה איז גיקומען אונ האט גיענדיגט דאס מל זיין:

ח כתיב. עס שטייט אין פסוק פיר קרעציגע מענטשין זענען גיזעסין אין טויער פון שומרון. אונ זייא האבען גיזאגט אויב מיר וועלען אריין קומען אין שטאט דארט איז אהונגער וועלין מיר דארט שטארבין. אויב מיר וועלין דא זיצען וועלין מיר אויך שטארבין. נאר מיר וועלען גיין צו דיא מחנה פון ארם. אויב זיי וועלען אונז לאזען לעבין וועלין מיר לעבין אונ אויב זייא וועלען אונז הרגנן וועלין מיר זיין גיהרגת. איז דאך דיא קשיא וויא אזוי האבין זיי גיוואלט גיין צו דיא מחנה ארם. טאמער וועט מען זייא באלד הרגנן. אונ אז זייא וועלען זיצען דא

וועלין

עם המינין ואין מתרפאין מהן אפילו לחיי שעה ומעשה בבן דמא בן אחותו של רבי ישמעאל שהכישו נחש ובא יעקב איש כפר סכניא לרפאותו ולא הניחו ר' ישמעאל אמר ישמעאל אחי הנח לי ואתרפא ממנו ואני אביא לך מקרא מן התורה שהוא מותר ולא הספיק לגמור הדבר עד שיצאה נשמתו ומת קרי עליה רבי ישמעאל אשריך בן דמא שגופך טהור ונשמתך יצאה בטהרה ולא עברת על דברי חבריך שהיו אומרים (קהלת י) ופורץ גדר ישכנו נחש שאני מינות דמשכא דאתי למימשך בתרייהו אמר מר ולא עברת על דברי חבריך שהיו אומרים ופורץ גדר ישכנו נחש איהו נמי חויא מרקיה חויא דרבנן קאמר דלית ליה אסותא מאי הוה ליה למימר ליה כדאמר רב נחמן בר יצחק

היזיק. שאלו וסופו למות כאן: מקרא מן התורה. לקמן מפרש ליה: עד שיצאה נשמתו. כשותר: שלא נשמתך בטהרה. במותר: ופורץ גדר ישכנו נחש. עובר על דברי חכמים ישכנו נחש ולקמן פריך הא איהו חויא מרקיה והיה יכול להתרפאות לגמרי ולהחיות על ידי זה ולחויא דרבנן נמי לא מיחוש שאלו נשכו היה יכול להתרפאות ומשני חויא דרבנן ליה ליה אסותא בעקיצתו עד לא עקרב ולהיסתן לתיבה ערף ונים ליה אסותא כלל אלא כשכו נחש בשביל שעבר על דברי חכמים לא העלה לו רפואה וימות ואם היה מתרפא מהגיכם זו סופו למות ע"י נשיכת חבריו שהעובר על דברי חכמים חייב מיתה: מאי הוה ליה. לבן דמא למימר איזה מקרא היה רוצה להביא: בפרהסיא. יש חילול השם שיוצא לחוץ ולמדין הימנו לחלל

װעלין זיי דאך נאך אביסול לעבין · נאר אביסול לעבין װא ער װייס ער װעט געװיס שטארבין · איז דאס ביי אמענטשין אקליינע זאך · מיט דעם ביסול לעבין און דעם ביסול לעבין עס איז ביי איהם אלץ איינס יא אדער ניין · פרעגט דיא גמרא מיר האבין גיזערוגט אמענטש זאל ניט האנדלין מיט דיא אפיקורסים · אונ אויב דער אפיקורוס איז אדאקטאר טאר מען זיך ניט היילען פון איהם · אפילו נאר צו לעבין אקליינע ביסול טאר מען אויך ניט גיהיילט װערין פון דעם אפיקורוס · אונ עס האט אמאהל גיטראפען בייא בן דמא װאס ער איז גיװען דער זוהן פון רבי ישמעאלס שװעסטער װאס אשלאנג האט איהם אביס גיטאהן · איז גיקומען דער אפיקורוס יעקב פון דארף סכניא אונ האט איהם גיװאלט היילען · האט רבי ישמעאל ניט גילאזין · האט בן דמא גיזאגט צו רבי ישמעאל · ישמעאל מיין ברודער לאז מיך גיהיילט װערין פון דעם יעקב : איך װעל דיר ברײנגען אפסוק פון דער תורה אז מען מעג גיהיילט װערין פון איהם · אונ בן דמא האט קיין צייט גיהאט ארויס צו זאגין דעם װארט מותר מען מעג אונ ער איז גישטארבין. האט רבי ישמעאל אויף איהם גיזאגט װאהל צו דיר בן דמא דיין גוף איז ריין אונ דיין נשמה איז ארויס גיגאנגען פון דיר מיט ריינקייט · מיט דעם װארט מותר · אונ דוא האסט ניט עובר גיװען אויף די רייד פון דיינע חברים װאס זיי זאגין ופורץ גדר ישכנו נחש · דער װאס צו ברעכט דעם צאם דאס מיינט מען ער האלט ניט דיא רייד פון דיא תלמידי חכמים װאס זייא האבין ארום גיצאמט דיא תורה װעט איהם בייסען אשלאנג · דריבער װען אפילו בן דמא װאלט גיהיילט גיװארען פון דעם שלאנג װאלט איהם געביסען איין אנדער שלאנג : איז דאך דאס נאר אהיילונג צום לעבין אקורצע צייט אונ רבי ישמעאל האט ניט גילאזט ער זאל גיהיילט װערין זעהן מיר דאך אז אלעבונג פון אקורצע צייט היסט אויך גילעבט · ענפערט די גמרא אלעבונג פון אקורצע צייט איז מאקי גאר ניט : נאר רבי ישמעאל האט מורא גיהאט אז בן דמא װעט גיזונד װערין דורך דעם אפיקורוס · װעט ער זיך נאך ציהען צו אפיקורסות · װייל דיא אפיקורסים מיט זייערע גוטע רייד ציהען זיי געשװינט צו מענטשין צו זייערע אפיקורסות · פרעגט דיא גמרא רבי ישמעאל האט גיזאגט אויף בן דמא דוא האסט ניט עובר גיװען אויף דיא רייד פון דיינע חברים װאס זיי זאגין דער װאס צו ברעכט דעם צאם װעט איהם בייסען אשלאנג · איצט דעם דאך איהם אויך געביסען אשלאנג · אונ דער יעקב האט איהם גיװאלט אויס היילען · װאלט ער איהם פון יענעם שלאנג אויך אויס גיהיילט · ענפערט דיא גמרא רבי ישמעאל מיינט דעם שלאנג װאס בייסט װייל מען האט עובר גיװען אויף די רייד פון די חכמים · פון דעם ביס קען מען ניט גיהיילט װערין · פרעגט דיא גמרא װאס האט גיװאלט בן דמא זאגין צו רבי ישמעאל · ענפערט די גמרא אזוי װיא רב נחמן בר יצחק האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דאס זאלען די מצות װאס

אמענטש

יצחק(ויקרא יח)וחי בהם ולא שימות בהם ור"י ה"מ בצנעא אבל בפרהסיא לא דתניא היה ר' ישמעאל אומר מנין שאם אומרים לו לאדם עבוד ע"ז ואל תהרג שיעבור ואל יהרג שנאמר וחי בהם ולא שימות בהם יכול אפי' בפרהסיא ת"ל (שם כב) ולא תחללו את שם קדשי וגו':

(שם האריכו בגמרא על משנה בענין רפואות במאמרים רבים ולא העתקתי להעתיקם יעיין שם):

(דף כט) מ אריב"ל מעלין אונקלי בשבת מאי אונקלי א"ר אבא אסטומכא

נקודות כסף:
אסטומכא דליבא. דופני הכרס שתחת הלב והוא טרפשא. ל"א הפה שכנגד הלב שקורין ניבל"א ופעמים שנכפף לצד פנים ומסכן הנשימה וזה עיקר: כמונא כרויא. כמין קף אגרוף: נגינא. מינט"א: אגדנא. עשב מר והוא מרובי"א: ציתרי. שדריא"ה: אבדתא. אזוב: לליבא בחמרא. לאסטומכא דליבא ישתה אלו ביין: לרוחא. לשפחה שהמתה רוח ישתה אלו במים: לכודא. חולי אשה יולדת ומלמנת על המשבר: שכמה. דומה היבה זו לשכרה בכל אותיות: מלא ה' אצבעתיה. מלא ידו: מלא

דליבא מאי אסותא מייתי כמונא כרויא וניניא ואגדנא וציתרי ואבדתא, לליבא בחמרא וסימנך (תהלים קד) ויין ישמח לבב אנוש, לרוחא במיא וסימנך (בראשית א) ורוח אלהים מרחפת על פני המים. לכודא בשיכרא וסימנך (שם כ) וכדה על שכמה. רב אחא בריה דרבא שחיק להו לכולהו בהדי הדדי ושקיל ליה מלא ה' אצבעתיה ושתי ליה רב אשי שחיק כל חד וחד לחודיה ושקיל מלא אצבעתיה רבתי ומלא אצבעתיה זוטרתי

---

אמענטש זאל זיא טאהן אונ ער זאל לעבין דורך זיי. אבער ניט ער זאל שטארבין דורך זיי. אונ רבי ישמעאל זאגט דאס איז נאר אין דר שטיהל אבער ניט ווען אלע ווייסען. ווארום מיר האבען גילערונט רבי ישמעאל האט גיזאגט אויב מען זאגט צו אמענטשין דינען עבודה זרה וועסטו ניט גיהרגת ווערין. פון וואנען ווייס איך אז ער זאל דינען עבודה זרה נאר ער זאל ניט גיהרגת ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל לעבין דורך דיא מצות אבער ניט ער זאל שטארבען דורך זייא. וואלט איך מיינען אפילו ווען מענטשין זעהן זאל ער אויך מעגין דינען עבודה זרה. שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט פראסט מאכען מיין היילינגע נאמען. ווען די מעשה פון בן דמא וואלט גיוועזן אין דער שטיל. וואלט ער זיך גימעגט היילען פון דעם אפיקרוס. נאר ווייל פיל יודין האבין גיוואוסט. דריבער האט ער ניט גיטארט:

מ אמר. רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט מען מעג אויף הייבען דעם אונקלי אום שבת. וואס איז אונקלי. רבי אבא זאגט אין מויל נעבין האלדז איז דא אקליינער צינגול אז דער צינגול ווערט פאר בויגין איינווייניג אריין צום הארצין פאר האלט דאס דעם אטעם פון הארצען. אויב דער צינגול האט זיך פאר בויגין אום שבת מעג מען איהם צוריק אויס גלייכען. אנדערע זאגין אין הארצען ווערין פאר שטאפט דיא לופטין קען ער ניט אפ ציהען דעם אטעם. וואס איז דיא רפואה. ער זאל נעמען אפולע האנט כמונא אונ ניניא אונ אגדנא אונ ציתרי אונ אבדתא. אז די לופטען פון הארצען זענען איהם פאר שטאפט גיווארען. זאל ער די אלע גראזען ווייקען אין וויין אונ זאל טרינקען דיא וויין. דער סימן איז וויין דער פרייט די הארץ פון מענטשין. צוא געשווילאכץ זאל ער די אלע גראזין ווייקען אין וואסער אונ זאל טרינקען די וואסער. דער סימן איז דער פסוק דער ווינט פון גאט שוועבט אויף דעם וואסער. ווארום דאס געשווילאכץ קומט אויך פון לופט. איין אשה אגעווינערין וואס עס ווערט איהר קאלט. זאל מען דיא אלע גראזען ווייקען אין ביער אונ זיא זאל טרינקען דאס ביער. דאס קעלט פון דיא געווינערין הייסט כודא. איז דער סימן דער פסוק וכדה על שכמה. דיא אשה וואס האט קעלט בייא איהר געווינען וואס מען רופט דאס כודא זאל זיא טרינקען שכרא. דיא ערשטע צוויי אותיות פון שכרא זענען דיא זעלבינגע צווייא אותיות פון שכמה. רב אחא בריה דרבא האט אויס געמישט דיא אלע גראזין בעזאמען אונ האט גענומען אפולע האנט מיט אלע פינף פינגער צוא זאמען אונ האט דאס איין געווייקט אין וויין אונ האט גיטרונקען. רב אשי האט צו שטויסען יעדער גראז בזונדער אונ האט גענומען פון יעדער גראז אביסול מיט דעם גראבין פינגער אונ אביסול מיט דעם קלענסטין

זוטרתי אמר רב פפא אנא עבדי לכל הני ולא איתסאי עד דא"ל ההוא טייעא אייתי כוזא חדתא ומליא מיא ורמי ביה תרוודא דדובשא ותלי לה בי כוכבי לטהר אישתי עבדי הכי ואיתסאי:

(ע"ב) י **משנה** שאל רבי ישמעאל את ר' יהושע כשהיו מהלכין בדרך מפני מה אסרו גבינת עכו"ם א"ל מפני שמעמידין אותו בקיבת עגלים של ע"א א"ל א"כ מפני מה לא אסרו בהנאה השיאו לדבר אחר א"ל ישמעאל אחי היאך אתה קורא (ס"ב) כי טובים דודיך מיין או כי טובים דודיך א"ל כי טובים דודיך מיין א"ל אין הדבר כן שהרי חבירו מוכיח עליו לריח שמניך טובים וגו':

(דף ל) יא **וחרס** הדריאני מאי הדריאני אמר רב יהודה אמר שמואל חרס של אדריאנוס קיסר כי אתא רב דימי אמר קרקע בתולה היתה שלא

אלבע רבה ומלא אלבע זוטרא. שיכול לאחוז בזרת וגודל יחד: כוזא. כלי קטן: הרוודא. מלא כף: בי כוכבי. תחת הכוכבים בחצר:
כי טובים דודיך מיין: לשון זכר או כי טובים דודיך מיין לשון נקבה והכי קאמרה כנסת ישראל ישקני אלוה מנשיקות פיהו כי כך אמר לי כי טובים דודיך מיין: חבירו מוכיח עליו. שאל לשון זכר וכנסת ישראל היא שאמרה כך לפני שכינה לריח שמניך וגו' עלמות אהבוך לא שייך למימר לנקבה:
של אדריאנוס קיסר. כשהיה בגייסות מוליכן עמו: בתולה שלא נעבדה. וה"ה כל כמה קיים והוליכתו

---

קלענסטין פינגער. אונ האט דאס געווייקט אין וויין אונ האט גיטרונקען. רב פפא זאגט איך האב געמאכט דיא אלע זאכען אונ בין ניט גיהיילט גיווארען. ביז א טעייע האט מיר גזאגט נעם א קליינעם קריגעל אנייעם. אונ גיס איהם אן פול מיט וואסער. אונ לייג אריין אין דיא וואסער אלעפיל האניק. אונ איינג אויף דעם קריגעל אויף עפעס אין הויף אדער אויף דיא גאס. אונטער דיא שטערין פון הימעל זאל ער איינגען א גאנצע נאכט: אויף מארגין זאלסטו דס טרינקען. איך האב אזוי גיטאהן אונ בין גיהיילט גיווארין:

י שאל. ווען רבי ישמעאל מיט רבי יהושע זענען גיגאנגען אין וועג. הט רבי ישמעאל גיפרעגט בייא רבי יהושע. פאר וואס האט מען גיאסרת מען זאל ניט עסין דיא קעז פון דיא געצין דינער. האט רבי יהושע גזאגט צו רבי ישמעאל וויל מען האט גענייערט די מילך מיט די מילך וואס מען הט גפונין אין דעם מאגען פון די קאלב וואס מען האט איר מקריב גיוועז צוא דיא עבודה זרה. האט רבי ישמעאל גזאגט צו רבי יהושע. אויב דער איסור איז פון עבודה זרה. פאר וואס האט מען ניט גזאגט אז דיא קעז פון דיא געצין דינער טאר מען פון זייא קיין הנאה ניט האבען. אזוי וויא פון דיא עבודה זרה אליין. האט רבי יהושע אן גיהויבען צו רייךן מיט רבי ישמעאל פון איין אנדער זאך אונ ער האט איהם ניט גיוואלט זאגען פאר וואס דיא קעז פון אגעצין דינער איז אסור. האט רבי יהושע גזאגט צו רבי ישמעאל. ישמעאל מיין ברודער וויא לייענסטו דעם פסוק כי טובים דודיך מיין. דיא יודין זאגען צוא גאט דיין פריינדשאפט איז בייא אונז בעסער וויא וויין: דודיך. דיין פריינדשאפט זאגט מען צוא גאט. אדער דוא לייענסט כי טובים דודיך מיין. דיא יודין זאגען צוא גאט. דוא האסט אמאהל גזאגט צוא אונז אז אונזערע פריינדשאפט צוא דיר איז בעסער וויא וויין. אונ דודיך זאגט מען צו דיא יודען. האט רבי ישמעאל גזאגט צו רבי יהושע איך לייען כי טובים דודיך. האט רבי יהושע גזאגט צוא רבי ישמעאל דיא זאך איז ניט אזוי. ווארום דער אנדערער פסוק לערנט אויף דעם פסוק אז מען זאל לייענען דודיך. ווארום אין אנדערין פסוק שטייט לריח שמניך טובים. לייענט מען שמניך. יודען זאגען צוא גאט דער ריח פון דיינע אייל איז גוט. אזוי דארף מען לייענען דודיך. יודען זאגען צוא גאט דיין פריינדשאפט איז בייא אונז בעסער וויא וויין:

יא וחרס אדריאני. וואס איז הדריאני. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגין די שארבינס פון דעם קיסר אדריאנוס. אז רב דימי איז געקומען האט ער גזאגט מען האט אויס געזוכט אזוי אשטיק ערד וואס מען האט איר קיין מאהל ניט גיגראבען אונ ניט גיזייט. הט

אדריאנוס

שלא עבדה אדם מעולם עבודה ונטעה ורמא ליה לחמרא בגלפי חיורי ומייצי להו לחמרייהו ומתברי להו בחספי ודרו בהדייהו וכל היכא דמטו תרו להו ושתו :

(דף לה) יב פיסקא חשיאו לדבר אחר . מאי כי טובים דודיך מיין כי אתא רב דימי אמר אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע ערבים עלי דברי דודיך יותר מיינה של תורה מאי שנא האי קרא דשייליה א"ר שמעון בן פזי ואיתימא ר ש בר אמי מרישא דקרא קאמר ליה ישקני מנשיקות פיהו א"ל ישמעאל אחי חשוק שפתיך זו בזו ואל תבהל להשיב מ"ט אמר עולא ואיתימא רב שמואל בר אבא גזרה חדשה היא ואין מספקין בה אמאי לא אמרה ליה

כיין זה ונטעה הזק: גולפי. כלי חרס: חיורי. חדשים דמיילי : ודרו בהדייהו . נושאין עמהם : תרו להו . שורין אותם במים :
דברי דודיך . דברי סופרים : מיינה . עיקר תורה שבכתב : חשוק שפתותיך . כדמתרגמינן וחשוקיהם וכיבושיהון : ואל תבהל להשיב אל ת דקדק להקשות לו : גזרה חדשה . מקרוב גזרו על הגבינה : ואין מספקין בה . ואין מפרשין טעמה כדפרש וחזיל . מספקין לשון

אדריאנוס גיהייסען מען זאל האקערין די ערד אונ מען זאל אין איר פלאנצען ווייגשטאקין : אונ מען האט אזוי גיטאהן . אונ די ויין פון די וויינשטאקין האט מען ארייך גינאסען אין ערדענע פעסער ווייסע . האבען די פעסער איין גיזאפט די ויין . דער נאך האט מען די פעסער צו בראכען אויף שארבינס . אונ די זעלנער האבען גיטראגען מיט זיך אין וועג די שארבינס . וואו די זעלנער זענען געקומען אונ האבען גיוואלט טרינקען ויין : האבען זיי די שארבינס ארין גילייגט אין וואסער . זענען די שארבינס צוא ווייקט גיווארען : די זאפט איז געבליבען אונטען . אונ די וואסער איז גיווארען מיט ויין אונ דאס האבען זיי גיטרונקען :

יב פיסקא . השיאו . פריער איז גישטאנען אז רבי יהושע האט אן גיהויבען צוא רידען מיט רבי ישמעאל פון איין אנדער זאך . פון דעם פסוק כי טובים דודיך מיין . וואס מיינט מען כי טובים דודיך מיין . אז רב דימי איז געקומען האט ער גזאגט די יודען האבען גזאגט פאר גאט רבונו של עולם די רייד פון די רבנן וואס זיי זענען דיינע פריינד זענען מיר זיסער וויא די ויין פון דער תורה . וויא די רייד פון דער תורה . פרעגט די גמרא אז רבי יהושע האט נאר גיוואלט שמועסן מיט רבי ישמעאל פון איין אנדער זאך . פאר וואס האט ער אן גיהאפט דווקא דעם פסוק צוא רידען פון איהם . האט רבי שמעון בן פזי גזאגט . אנדערע זאגן רבי שמעון בר אמי האט גזאגט רבי יהושע האט אן גיהויבען צוא שמועסן מיט רבי ישמעאל פון אנהייב פסוק ישקני מנשיקות פיהו רבי יהושע האט גזאגט צוא רבי ישמעאל . ישמעאל מיין ברודער דוא זאלסט פאר מאכען דיינע לעפצין איינעם צום אנדערין אונ דוא זאלסט דיך נים איילין מיך אפ צוא פרעגין אויף דעם וואס איך האב דיר גזאגט נאר זאלסט אן נעמען דיינע רייד קושענדיג . אזוי וויא די תורה איז גיגעבין גיווארען צוא יודען קושענדיג . אזוי וויא די יודען האבען גיבעטין ישקני מנשיקות פיהו . גאט זאל מיך קושען פון די קושונג פון זיין מויל . טאמער וועסטו זאגין דאס איז נאר די תורה פון משה . האט רבי יהושע גיזאגט וייטער דעם פסוק כי טובים דודיך מיין . אז די רייד פון די רבנן איז ליבער ביי גאט וויא די רייד פון דער תורה . דריבער זאלסטו אן נעמען די רייד פון די רבנן וואס זיי האבען גיאסרת די קעז פון די געצין דינער . פרעגט די גמרא פאר וואס האט ארך רבי יהושע נים גיוואלט זאגין צוא רבי ישמעאל דעם אמת'ן טעם פאר וואס די קעז פון די געצין דינער זענען אסור . האט עולא גזאגט אנדערע זאגין רב שמואל בר אבא האט גזאגט וייל דאס איז א נייע גזרה טאר מען נים נאך גראבין אונ נאך קלערין דעם טעם פאר וואס מען האט גוזר גיוועזן . פרעגט די גמרא פאר וואס האט רבי יהושע נים גיוואלט זאגין דעם טעם פון דער גזרה צו רבי ישמעאל ווען דאס איז אתיכו אנייע . ענטפערט די גמרא אזוי וויא עולא האט גיזאגט אין ארץ ישראל אז מען איז גוזר א גזרה זאגט מען נים אויס דעם טעם פון דער גזרה ביז צוועלף חדשים . דאס

ליה משום דעולא דאמר עולא כי נזרו גזירה במערבא לא מגלו טעמא עד תריסר ירחי שתא דלמא איכא אינש דלא סבירא ליה ואתי לזלזולי בה:

(ע"ב) יג דרש רב נחמן בר רב חסדא מ"ד (ש"ה א) לריח שמניך טובים למה ת"ח דומה לצלוחית של פלייטון מגולה ריחה נודף מכוסה אין ריחה נודף ולא עוד אלא דברים שמכוסין ממנו מתגלין לו שנאמר (שם) על כן עלמות אהבוך קרי ביה עלומות אהבוך ולא עוד אלא שמלאך המות אוהבו שנאמר עלמות קרי ביה על מות אהבוך ולא עוד אלא שנוחל שני עולמות עולם הזה ועה"ב שנאמר עלמות קרי ביה עולמות:

(דף לח ע"ב) יד אמר רב תרי מיני שתיתאה שדר ליה ברזלי הגלעדי לדוד שנא' (ש"ב יז) משכב וספות וכלי יוצר וחטים ושעורים וקמח וקלי ופול ועדשים וקלי

ת"ד

שמ"ט. כדכר ססוס לפסבוס כלמו סוריי"ר כמו מפקפק ונוטל אתם מביגתים: לא מגלו טעמא. למה נגזר עליו: דילמא איכא דלא סבירא ליה. כבות טעמא ולא כדיל מיניה ומזלזל בה אבל כשחא דלא מגלו טעמא דמלתא כדילי מיניה כולי עלמא דסברי קמו רכנן במלתא דהאי מיניה חורבה ולכך סוה דלא בקיאין בטעמא: מגולה ריחה נודף. וכיימו דכתיב שמן תורק שמך כשמגלין אותם ומריקין שמנה כלומר כשאתה מלמד תורה לתלמידים אז יצא לך שם: מתגלין לו. מעלמן כנא עורה כשהוא מלמדה: על מות. כממונה על מות:

שתיתאה. תבשיל כעשוי מקמח של קליות שיבשו בתנור ויש שעושין אותו מקמח עדשים ולפי שבס מתוקים יותר מתאי נותן שם הוטן: תרי מיני שתיתאה. דהכי זימני כתיב קלי בקרא והיינו תרי מיני שתיתא: וספות. כלים לשתמש כמו סופרי כסף:

איז איאהר. טאמער וועט זיין איין מענטש וואס דער טעם וועט אים ניט געפעלין. וועט ער ניט וועלין האלטען דיא גזרה. דריבער האט מען איאהר ניט אויס גיזאגט דעם טעם פון די גזרה, ביז אלע וועלין שוין אן נעמען די גזרה. דר נאך האט מען שוין גימעגט אויס זאגין דעם טעם פון דיא גזרה. ווארום אפילו דער נאך וועט איינעם דער טעם ניט גיפעלין וועט ער שוין אויך די גזרה ניט אראפ ווארפען פון זיך:

יג דרש. רב נחמן בר רב חסדא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק לריח שמניך טובים. דער ריח פון דיינע אייל איז גוט. א תלמיד חכם איז גלייך צו א פלעשיל שמעקערינע בוימאייל. אז דיא פלעשיל איז אפ גידעקט שמעקט פון אידר. אז דיא פלעשיל איז פאר מאכט שמעקט ניט פון איהר. ביי דעם תלמיד חכם איז אויך אזוי. אז ער עפינט זיין מויל אונ לערונט תורה צו תלמידים. גייט ארויס זיין נאמען צו פיל מענטשין. אונ אז דיא מויל זיינע איז פאר מאכט ער לערונט ניט מיט תלמידים נאר פאר זיך אליין. ווייס קיינער ניט פון איהם. אונ אז דער תלמיד חכם לערונט מיט תלמידים. די זאכען וואס זענען גיוועזן צו גידעקט פון איהם. וואס ער האט זיי קיין מאהל ניט גיוואוסט. וועט ער זיי וויסען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק על כן עלמות אהבוך. לייען אין פסוק עלומות אהבוך. די פארהוילענע זאכען וואס דוא האסט זייא ניט געוואוסט. וועלין דיך ליב האבען זיי זאלן צו דיר דער וואוסט ווערין. אונ נאך מער אפילו דער מלאך המות האט אים ליב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עלמות אהבוך. זאלסטו לייענען על מות אהבוך. דער מלאך וואס האט צו שאפען אויף דעם טויט וועט דיך ליב האבען. אונ נאך מער וועט ער האבען ער וועט ירשענען ביידע וועלטין. די וועלט אונ יענע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עלמות. זאלסטו לייענען עולמות. צווייא וועלטין:

יד אמר. רב האט גזאגט צוויי מינים שתיתאה האט ברזילי הגלעדי געשיקט צוא דוד ושתיתאה איז אזוי א מין עסין וואס איז געמאכט פון מעהל פון געטריקנטע זאנגען. אנדערע מאכען דאס פון ארבעס מעהל. אונ ווייל עס איז גאנץ זיס גיסט מען אריין עסיג אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ברזילי הגלעדי האט געשיקט צו דוד בעט גיוואנט אויף וואס צו שלאפען אונ כלים אונ ערדענע כלים. ווייץ גערשטין אונ מעהל פון געטריקנטע זאנגען. אונ מעהל פון געטריקנטע באב אונ ארבעס.

(דף לט) **טו** ת"ר אשת חבר הרי היא כחבר עבדו של חבר הרי הוא כחבר חבר שמת אשתו ובניו ובני ביתו הרי הן בחזקתן עד שיחשדו :

(דף מ ע"ב) **טז** ת"ר פעם אחת חש רבי במעיו אמר כלום יש אדם שיודע יין תפוחים של עכו"ם אסור או מותר אמר לפניו רבי ישמעאל בר יוסי פעם אחת חש אבא במעיו והביאו לו יין תפוחים של עכו"ם של ע' שנה ושתה ונתרפא א"ל כל כך היה בידך ואתה מצערני בדקו ומצאו עכו"ם א' שהיה לו ש' גרבי יין תפוחים של ע' שנה ושתה ונתרפא אמר ברוך המקום שמסר עולמו לשומרים :

## כל הצלמים פרק שלישי

(דף מד) (מ"א טו) **א וגם** את מעכה אמו ויסרה מגבירה אשר עשתה מפלצת לאשרה ויכרות אסא את מפלצתה מאי מפלצתה אמר רב יהודה דהות מפליא ליצנותא כדתני רב יוסף כמין זכרות עשתה לו בכל יום והיתה נבעלת לו . רב הונא רמי כתיב (ד"ה א יד) ויעזבו שם את אלהיהם ויאמר דויד וישרפו באש וכתיב (ש"ב ה) וישאם דוד ואנשיו

לא

---

**טו** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט דיא ווייב פון א חבר איז בגלויבט צוא יעדער זאך אזוי וויא איר מאן דער למדן איז בגלויבט . דער קנעכט פון א למדן איז בגלויבט צוא יעדער זאך . אזוי וויא זיין בעל הבית דער למדן איז בגלויבט . אז א למדן שטארבט זיין ווייב אונ זיינע קינדער אונ זיינע שטוב מענטשין זענען פאר געווים אזוי פרום וויא דער למדן איז גיוועזן . ביז מען זעהט אז זייא זענען ניט פרום . גלויבט מען זייא שוין ניט אויף קיין פרומקייט :

**טז** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט אמאהל האט רבי גיהאט שמערצין אין בויך . האט רבי גזאגט טאמער איז דא אמענטש וואס וויס מיר צוא זאגען אויב מען מעג טרינקען וויין פון עפיל פון אגעצין דינער אדער ניין . האט רבי ישמעאל ברבי יוסי גזאגט אמאהל האט מיין פאטער גיהאט שמערצין אין בויך האט מען איהם גיברייניגט וויין פון עפיל פון אגעצין דינער וואס דיא וויין איז שוין אלט גיוועזן זיבעציג יאהר האט מיין פאטער גיטרונקען דיא וויין אונ איז גיהיילט גיווארין . האט רבי גזאגט צוא רבי ישמעאל דאס אלץ האסטו געוואוסט ואז מען מעג טרינקען וויין פון עפיל פון אגעצין דינער . אונ דיא וויין איז גוט צום בויך אונ דוא האסט מיך גילאזט אזוי לאנג האבען שמערצין . האט מען געזוכט ביז מען האט געפונען אגעצין דינער וואס האט גיהאט דרייא הונדערט פעסער וויין פון עפיל וואס זענען אלט גיוועזן זיבעציג יאהר אונ רבי האט גיטרונקען דיא וויין אונ איז גיהיילט גיווארן . האט רבי גזאגט גילויבט איז גאט וואס ער האט איבער גיגעבען דיא וועלט זיינע צוא היטערס זייא זאלען זיא היטען :

## פרק שלישי

**א** וגם דער מלך אסא האט אפ גישאפט זיין מוטער מעכה זיא זאל ניט זיין קיין פירשטין . ווייל זיא האט גימאכט א מפלצת צוא דעם ליגען בוים אונ אסא האט אפ געשניטען דעם מפלצת . וואס איז דאס מפלצת : רב יהודה זאגט מפלצת איז צוויא ווערטער דהוית מפליא ליצנותא . זיא האט גימאכט אזוי א מיאוסע זאך וואס אלע האבען זיך געוואונדערט . ווארום רב יוסף האט גילערנט זיא האט געמאכט אזוי וויא אמילה פון א זכר אונ זיא האט מיט דעם מזנה גיוועזן אלע טאג . רב הונא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דיא גוים האבען דארט פאר לאזין זייערע געטער הט דוד גיהייסען מען זאל דאס פר ברענען אין פייער . אונ אין אנדערין פסוק שטייט דוד מיט זיינע מענטשין האבען די געטער גיטראגן . זאגט דיא גמרא עס

אין

לא קשיא כאן קודם שבא אתי הגתי כאן לאחר
שבא אתי הגתי דכתיב (שם יב) ויקח את עטרת
מלכם מעל ראשו ומשקלה ככר זהב ואבן יקרה
ותהי על ראש דוד ומי שרי איסורי הנאה נינהו
אמר רב נחמן אתי הגתי בא ובטלה . ומשקלה
ככר זהב היכי מצי מנח לה אמר רב יהודה אמר רב
ראויה (היתה) לנוח בראש דוד . ר' יוסי בר חנינא אמר
אבן שואבת היתה לה דהות דארי לה. רבי אלעזר אמר
אבן יקרה היתה בה ששוה ככר זהב . (תהלים קיט) וזאת
היתה לי כי פקודיך נצרתי מאי קאמר ה"ק בשכר
שפקודיך נצרתי זאת היתה לי לעדות מאי עדותו אמר
ריב"ל שהיה מניחה במקום תפלין והולמותו והא קא בעי
אנוחי תפילין א"ר שמואל בר רב יצחק מקום יש בראש
שראוי להניח בו שתי תפילין . (מ"ב יא) ויוצא את בן
המלך ויתן עליו את הנזר ואת העדות נזר זו כלילא
עדות

קודם שבא אתי הגתי . ונטלה אמר דוד לכשפס בא
אתי הגתי ובטלה וכדר ויבאם . אתי הגתי
עכו"ם היה : עטרת מלכם . דבני עמון קאי וע"ז
שלהם מלכם שמה על שם מלוכה כדכתיב ולמלכם
שקוץ בני עמון והאי עטרת מלכם בע"ז קאמר :
היכי מצי מנח ליה . והלא כבד שטיה מנה איה
ומאד סלא כבדה וקרא כתיב ותהי על ראש יוד:
א"ר יהודה . האי והאי על ראש דוד לאו דמגת
לגב אלא ה"ק השיבה וראויה לדוד שעשויה למדת
ראשו והולמתו כדלקמן : אבן שואבת. דרך אותה
האבן להגביה המתכת ולהלותה באויר : דהות
דאלי לה . מהיתה נושאת לעטרה ומגביהתה :
ששוה ככר זהב . והיינו ומשקלה ככר זהב שקולה
היא כככר זהב : זאת היתה לי . עדות עטרה זו
מעידה עלי שאני הגון למלכות : הולמתו . יושבת
בראשו יפה ומכוונת למדת ראשו : מקום תפלין .
מרין שבראשו למעלה מן הפדחת מקום שמוחו של
תינוק רופס : מקום יש בראש שראוי להניח בו ב'
תפילין . כי נתב שהרין מקום ככך ב' למצוה והיה
היתה נחה באותי רחבו : ויוצא את בן המלך .
כיואש כתיב בבן אמציה כשהחביאה אותו אמותו

איז ניט קיין קשיא . איידער אתי הגתי איז געקומען צו דוד אונ איידער ער האט מבטל געוועזען
די עבודה זרה . האט דוד געהייסען מען זאל דיא נעמען פאר ברענגען . אבער דער נאך ווייא
אתי הגתי איז שוין געקומען צו דוד אונ האט מבטל געוועזען דיא עבודה זרה האט דוד געהייסען
מען זאל דיא עבודה זרות מיט טראגען . ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גענומען די קרוין
פון די עבודה זרה מלכום פון זיין קאפ אונ זיא האט געוואוגען אצענטנער גאלד אונ אטייערער
שטיין . אונ די קרוין איז געוועזען אויף דעם קאפ פון דוד : פרעגט די גמרא האט דען דוד געמעגט
אן טאהן די קרוין אויף זיין קאפ . דיא קרוין איז דאך פון אעבודה זרה טאר מען דאך פון איר
קיין הנאה ניט האבען . האט רב נחמן געזאגט אתי הגתי איז געקומען אונ האט מבטל געוועזען פון איר
דעם נאמען עבודה זרה . דיא קרוין האט געוואוגען אצענטנער גאלד דאס איז זעכציג פונט וויא
אזוי האט דוד געקענט טראגען אויף זיין קאפ אזוי אשווערע קרוין . האט רב יהודה געזאגט פון
רבס וועגען אזוי מיינט דער פסוק ווען זיא וואלט ניט אזוי שווער געוועזען וואלט זיא געפאסט צוא
זיין אויף דעם קאפ פון דוד . רבי יוסי בר חנינא זאגט די קרוין האט געהאט אמאגנעט שטיין
אז מען האט ארויף געזעצט דיא קרוין אויף דעם קאפ האט דער שטיין אויף געהויבען אביסול
דיא קרוין פון קאפ זיא זאל ניט זיין שווער אויף דעם קאפ . רבי אלעזר זאגט דיא קרוין איז געוועזען
אזריינגע נאר אין איר איז געוועזען אטייערער שטיין וואס ער איז ווערט געוועזען אצענטנער גאלד . דוד
המלך האט געזאגט זאת היתה לי כי פקודיך נצרתי . וואס האט דוד געזאגט . נאר אזוי האט דוד
געזאגט פאר גאט ווייל איך האב געהיט דיינע מצות . האסטו מיר געגעבען דיא קרוין פר אעדות
אז איך בין ווערט צו זיין אמלך . מיט וואס איז דיא קרוין אעדות אויף די מלוכה פון דוד . רבי
יהושע בן לוי זאגט דוד האט געלייגט דיא קרוין אויף זיין קאפ אויף דעם ארט וואו דיא תפלין
ליגען . אונ דיא קרוין האט פונקט געפאסט צו זיין קאפ . איז דאך אסימן אז ער דארף זיין אמלך .
פרעגט די גמרא ער האט דאך געדארפט ליגען תפלין . אונ אז די קרוין איז געלעגען אויף דעם ארט
פון דיא תפלין וואו זענען די תפלין געלעגען . האט רב שמואל בר רב יצחק געזאגט אויף דעם
קאפ איז דא אארט וואס מען קען אויף איהם ליגען צוויי תפלין . עס שטייט אין פסוק ער
האט ארויס געפירט דעם זוהן פון מלך אונ ער האט געגעבען אויף איהם די קרוין אונ דיא עדות .
וואס מיינט מען עדות . האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגען די קרוין איז געוועזען אעדות צו די משפחה
פון דוד . דער וואס איז ווערט געוועזען צו זיין אמלך האט די קרוין געפאסט אויף איהם . אונ דער
וואס

עדות א"ר יהודה אמר רב עדות הוא לבית דוד שכל הראוי למלכות הולמתו ושאין ראוי למלכות אין הולמתו. (מ"א א) ואדוניה בן חגית מתנשא לאמר אני אמלוך אמר רב יהודה אמר רב שמתנשא להולמו ולא הולמתו. (שם) ויעש לו רכב ופרשים וחמשים איש רצים לפניו מאי רבותייהו תנא כלם נטולי טחול וחקוקי כפות הרגלים:

**ב תניא** ר' אליעזר אומר מנין לעוקר ע"ז שצריך לשרש אחריה ת"ל (דברים יב) ואבדתם את שמם (דף מו) א"ל ר' עקיבא והלא כבר נאמר (שם) אבד תאבדון א"כ מה ת"ל ואבדתם את שמם לכנות לה שם יכול לשבח ס"ד אלא יכול לא לשבח ולא לגנאי ת"ל (שם ז) שקץ תשקצנו הא כיצד היו קורין אותה בית גליא קורין אותה בית כריא פני מלך פני כלב עין כל עין קוץ:

כשראה שהלוה את כל זרע הממלכה וכשגדל הוליכוהו ונתנו עליו כתר לעדות שהוא מזרע המלוכה: א"ר יהודה שניקב נהולמו. ולפי"ז דאמר רב יהודה לעיל דהויה סיהא לגוה אבל אמרי לא מנח ליה מיהו הדא בעתא דקקן ליה נגוה אם הגון הוא למלכות: רבותא. הכך המנים איש דכתיב ויעש לו דמשמע שהיו משונים: נטולי טחול. הטחול מכביד: וחקוקי כפות הרגלים. ונוטל הבשר מן הסלע ולא היו מרגישים בקוצים ובברקנים:

בית גליא. ל' גובה גלא: בית כריא. ל' תפירס ופלוט. (ל"א כריא בית הכסא): פילוסופין

תנו

---

וואס איז ניט ווערט געווען צו זיין אמלך. האט די קרוין ניט געפאסט אויף איהם. אין פסוק שטייט אדוניה דער זוהן פון חגית איז בייא זיך גרויס געווען און האט געזאגט איך וועל זיין א קעניג. רב יהודה זאגט פון רבס וועגען אדוניה האט ארויף געזעצט דיא קרוין פון פאטער אויף זיין קאפ. ער האט געמיינט זיא וועט איהם פאסען און זיא האט ניט געפאסט. און אדוניה האט געמאכט פאר זיך ארבייט וואגען און האט גענומען רייטער און פופציג מענטשין זענען געלאפען פאר איהם. פרעגט דיא גמרא וואס איז געווען די גרויסקייט פון די פופציג מענטשין. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען געלערנט פון דיא פופציג מענטשין האט מען ארויס גענומען פון בויך זייערע מילצען זיי זאלען זיין גרינג צום לויפען און מען האט אראפ גענומען דיא פלייש פון זייערע פאדעשוועס. זיי זענען געלאפען איוף די בלויזע ביינער. זייא זאלען קענען לויפען אויף דערנער:

ב תניא. מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז איינער רייסט אויס אעבודה זרה. אז ער דארף איהר אויס רייסען מיט דעם ווארציל. שטייט אין פסוק איהר זאלט פאר לירען זייער נאמען. מען זאל גאר ניט דער קענען אז אויף דעם ארט איז אמאהל געשטאנען אעבודה זרה: רבי עקיבא האט געזאגט צו רבי אליעזר עס שטייט דאך שוין אין פסוק אבד תאבדון. איהר זאלט פארלירען דיא עבודה זרה פון דער וועלט. צו וואס דארף נאך שטיין איהר זאלט פארלירען זייער נאמען. נאר דיא עבודה זרה וואס איר וועט ניט קענען פארלירען פון דער וועלט זיא וועט מוזען בלייבען שטיין. זאלט איהר דיא עבודה זרה רופען איין אנדער נאמען. איך וואלט מיינען אפילו אשענערין נאמען מעג מען איהר אויך רופען. אדער ניט קיין שענערין און ניט קיין מיאוסערין נאר איין אנדער נאמען זאל זיין. שטייט אין פסוק שקץ תשקצנו. דוא זאלסט דיא עבודה זרה פאר מיאוסען. וויא אזוי. אויב מען האט די עבודה זרה גירופען בית גליא (דיא הערכסטע הויז). זאל מען זיא איצט רופען בית כריא (דיא נידעריגסטע הויז). אויב מען האט דיא עבודה זרה גירופען פני מלך (דער פנים פון אמלך). זאל מען זיא איצט רופען פני כלב (דער פנים פון אהונט). אויב מען האט דיא עבודה זרה גירופען עין כל. (דיא אויג פון אלע). זאל מען זיא איצט רופען עין קוץ (דיא אויג פון דערנער):

הגנ

## רבי ישמעאל פ"ק רביעי

פילוספין. חכמי האומות: שמושין סלע שלי פומבי. רוצה שלי באלו רוצה בו בלעז קויי"ן עושים הפקירה לכל בכל הרולה להתיס בו הותס כלומר שבאים על העדוה על כרחי שולידין: אלא שמטריחים אותי. שאני יולד כולד על כרחי שכרי גזרה היא מלפני ביהג פעולם כמנהגו וטיבעיה ליה היכא אתמר דרים לקיש ומאיזה מקרא הוא מולית קבלה זו שהקב"ה קבל על כך ובתנחומא דרים מאותו פסוק גור ילדך תשי וגו':

(דף מד ע"ב) **א תנו** רבנן שאלו פילוסופין את הזקנים ברומי אם אלהיכם אין רצונו בע"ז מפני מה אין מבטלה אמרו להם אלו לדבר שאין העולם צריך לו היו עובדין היה מבטלו הרי הן עובדים לחמה וללבנה לכוכבים ולמזלות יאבד עולמו מפני השוטים אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין. ר"א הרי שגזל סאה של חטין והלך וזרעה בקרקע דין הוא שלא תצמח אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין. ר"א הרי שבא על אשת חברו דין הוא שלא תתעבר אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין והיינו דא"ר שמעון בן לקיש אמר הקב"ה לא דיין לרשעים שעושים סלע שלי פומבי אלא שמטריחין אותי ומחתימין אותי בעל כרחי:

**ב שאל** פילוסוף אחד את ר"ג כתוב בתורתכם (דברים ד) כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא מפני מה מתקנא בעובדיה ולא מתקנא בע"ז א"ל אמשול לך משל למה"ד למלך ב"ו שהיה לו בן ואותו בן היה מגדל לו את הכלב והעלה לו שם על שם אביו כשהוא נשבע

---

## פרק רביעי

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט די פילוסופים האבען גיפרעגט די אלטע יודען וואס זיי זענען אין רוים. אויב אייער גאט וויל ניט די עבודה זרה. פאר וואס פארלירט ער זיא ניט פון דער וועלט. האבען דיא אלטע יודען גיענטפערט ווען איהר וואלט געדינט צו אזוי א זאך וואס די וועלט דארף זיא ניט: וואלט גאט דיא זאך צו גינומען פון דער וועלט. איהר דינט אבער צו דיא זוהן צו דיא לבנה צו דיא שטערין צו דיא מזלות. זאל גאט פארליערן די וועלט פון וועגין דיא נארין. נאר די וועלט פירט זיך וויא זיא האט זיך געפירט. און די נארין וואס זינדיגען וועלין גישטראפט ווערין אויף דיא וועלט אדער אויף יענע וועלט. אנדערע זאגין אזוי האבען זייא גיענטפערט איינער האט גיגזלת א מאס ווייץ און ער האט דיא ווייץ פאר זייעט אין דער ערד. וואלט גידארפט זיין אז די ווייץ זאל ניט וואקסין. נאר די וועלט פירט זיך ווי זי דארף זיך פירען. און דיא נארין וואס זינדיגען וועלין גישטראפט ווערין. אנדערע זאגין אזוי האבען זיי גיענטפערט אז איינער איז מזנה מיט זיין חברס ווייב. וואלט גידארפט זיין די זאל ניט מעוברת ווערין. נאר די וועלט פירט זיך וויא זיא דארף זיך פירען. און די נארין וואס זינדיגען וועלין גישטראפט ווערין. דאס איז וואס רבי שמעון בן לקיש האט גיזאגט. גאט האט גיזאגט גיט גינוג פאר דיא רשעים וואס זייא מאכען מיין חתימה הפקר. זייא חתמען מיט מיין חתימה וואס זיי ווילען. זיי זענען מזנה מיט ווענען זיי ווילען. נאר זייא נייטען מיך איך זאל חתמען וואס איך וויל ניט חתמען. איך זאל בשאפען אזוי א קינד וואס איך וויל ניט בשאפען. ווייל איך האב איין מאהל גיגעבין אין דער נאטור אז א זכר מיט א נקבה ווערין זיך בהעפטין זאלען זייא גיבארין א קינד. און די נאטור וויל איך ניט ענדערין. נאר דער וואס איז מזנה וועט לייזען זיין שטראף:

**ב** שאל. א פילוסוף האט גיפרעגט בייא רבן גמליאל עס שטייט אין אייער תורה אז גאט איז אזוי וויא א ברענענדיגער פייאר ער שטראפט דעם זינדיגער. פאר וואס שטראפט ער נאר דיא וואס דינען די עבודה זרה. און ער שטראפט ניט דיא עבודה זרה אליין. האט רבן גמליאל גיזאגט צום פילוסוף איך וועל דיר זאגין א משל צו וואס דיא זאך איז גלייך. א מלך האט גיהאט

נשבע אמר בחיי כלב אבא כשנשבע המלך על מי כועס על הבן" או על הכלב הוי אומר על הבן א"ל כלב אתה קורא אותה והלא יש בה ממש א"ל מה ראית א"ל פעם אחת נפלה דליקה בעירנו ונשרפה כל העיר והבית שהיה שם הע"ז לא נשרפה א"ל אמשול לך משל למה"ד למלך ב"ו שסרחה עליו מדינה כשהוא עושה מלחמה עם החיים הוא עושה או עם המתים הוי אומר עם החיים א"ל כלב אתה קורא אותה מת אתה קורא אותה א"כ יאבדנה מן העולם א"ל אלו לדבר שאין העולם צורך בו עובדין היה מבטלה הרי הם עובדים לחמה וללבנה לכוכבים ולמזלות לאפיקים ולגאיות יאבד עולמו מפני השוטים אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין וכה"א (דף נה) (נסמיה א) אסף אסף כל מעל פני האדמה נאם ה' וכתיב (שם) אסף אדם ובהמה אסף עוף השמים ודגי הים והמכשלות את הרשעים וכי מפני שהרשעים נכשלים בהם יאבדם מן העולם והלא לאדם הם עובדים (שם) והכרתי את האדם וגו':

אל קנא. מקנא נוקם את העובדו: עם החיים כו' שוטה מלחמה ומכלה את המורדים: לאפיקים. אפיקים מולא מים: אסף אסף כל כו' לומר כלכלה את הכל בהמים: אסף אדם ובהמה והמכשלות את הרשעים. כל דברים שהרשעים נכשלים בהם: והכרתי את האדם בתמיה שהרי אף לאדם הם עובדים.
אגריפס שר צבא. עכו"ם היה ממונה על ראשי הגייסות וגימי אגריפס המלך היה: אין מקנא בה.

**ג שאל** אגריפס שר צבא את רבן גמליאל כתוב בתורתכם (דברים ד) כי ה' אלהיך אש אוכלה

---

אזוהן אונ דער זוהן האט גיהארעוועט אהונט. אונ ער האט אנאמען גיגעבן דעם הונט דעם פאטערס נאמען. אז ער שווערט זאגט ער אזוי וויא עס לעבט דער הונט מיין פאטער. אז דער מלך האט דס גיהערט אויף וועמען איז ער אין כעס. אויף דעם זוהן צו אויף דעם הונט. נעווים אויף דעם זוהן ניט אויף דעם הונט. האט דער פילוסוף גיזאגט צו רבן גמליאל דוא רופסט די עבודה זרה זיא איז אהונט. עס איז דאך דא אין דיא עבודה זרה אגאטליכקייט. האט רבן גמליאל גיזאגט צום פילוסוף וואס פאר אגעטליכקייט האסטו אין איהר גיזעהן. האט דר פילוסוף גיזאגט, אמאהל איז גיווארען אפייער אין שטאט אונ דיא גאנצע שטאט איז פאר ברענט גיווארען. אונ דיא שטוב וואס אין איהר איז גישטאנען דיא עבודה זרה איז ניט פאר ברענט גיווארען. האט רבן גמליאל גיזאגט צום פילוסוף איך וועל דיר זאגן אמשל צו וועם די זאך איז גלייך אמדינה האט אמאהל געזינדיגט אויף איהר מלך. אז דר מלך גייט מאכען אמלחמה מיט דיא מענטשין פון דער מדינה. מאכט ער די מלחמה מיט דיא לעבעדיגע אדער מיט די טויטע: נעווים מיט די לעבעדיגע. אונ דיא טויטע רירט ער ניט אן. האט דער פילוסוף גיזאגט צו רבן גמליאל דוא רופסט די עבודה זרה זיא איז אהונט. אונ דו רופסט איהר זי איז אטויטע. זאל גאט פארליהרען די עבודה זרה פון דער וועלט. האט רבן גמליאל גיזאגט ווען איהר וואלט געדינט צו אזוי אזאך וואס דיא וועלט דארף זיא ניט. וואלט גאט די זאך צו גינומען פון דער וועלט. איהר דינט אבער צו די זוהן צו דיא לבנה צו די שטערין צו די מזלות צו די קוואלין וואסער צו דיא טאהלען. זאל גאט פארליהרען די וועלט פון וועגין די נארין. נאר די וועלט פירט זיך ווי זיא האט זיך געפירט. אונ די נארין וואס זינדיגען וועלען גישטראפט ווערין אויף די וועלט אדער אויף יענע וועלט. אונ אזוי זאגט דר פסוק גאט זאגט וועל איך דען ארץ פון דער וועלט פאר ענדין. וועל איך דען פארלענדין דיא מענטשין מיט די בהמות. וועל איך דען פארלענדין דיא פייגיל וואס פליהען אונטער דעם הימעל אונ דיא פיש פון ים. אונ די זאכען וואס שטרויכלען די רשעים וועל איך אויך ניט פארענדין. צו דען ווייל זייא שטרויכלען דיא רשעים דריבער וועל איך זייא פארלענדין פון דער וועלט. זייא דינען דאך צו מענטשין אויך. וועל איך דען די מענטשין אויך פאר שניידען:

**ג** שאל. אגריפס דער גענעראל האט גיפרעגט בייא רבן גמליאל עס שטייט אין אייער תורה אז גאט איז אזוי וויא אברענענדיגער פייאר ער שטראפט דעם זינדיגער. עס צערינט נאר

אחכם

אשתו חשובה אינה מקפדת כל כך לקנאות את בעלה אבל אם פחותה ממנה מתקנאת ומקפדת עליו לנשאותו : זונין. ישראל הוה : דאזלי כי מתברי. פסחים הולכים לע"ז שנתפרקו אבריהם מחמת כחולי וחוזרין באבריהם מלומדין : רעים בשלימותם. שמייברין את הגוף : שכחליקן

אוכלה הוא אל קנא כלום מתקנא אלא חכם בחכם גבור בגבור עשיר בעשיר א"ל אמשול לך משל למה"ד לאדם שנשא אשה על אשתו חשובה ממנה אין מתקנא בה פחותה ממנה מתקנא בה. א"ל זונין לרבי עקיבא לבי ולבך ידעין דע"ז לית בה כששא והא קא חזינן גברי דאזלי כי מתברי ואתו כי מצמדי ב"ט א"ל אמשול לך משל למה"ד לאדם נאמן שהיה בעיר וכל בני עירו היו מפקידין אצלו שלא בעדים בא אדם אחד הפקיד אצלו בעדים פעם אחת שכח והפקיד אצלו בלא עדים אמרה לו אשתו בוא ונכפרנו אמר לה וכי מפני ששוטה זה עשה שלא כהוגן אנו נאבד את אמונתנו אף יסורין בשעה שמשגרין אותן על האדם משביעין עליהם שלא תלכו אלא ביום פלוני ולא תצאו אלא ביום פלוני ובשעה פלונית ע"י פלוני וע"י סם פלוני כיון שהגיע זמנו לצאת הלך זה לבית ע"ז אמרו יסורין דין הוא שלא נצא וחוזרים ואומרים וכי מפני ששוטה זה עשה שלא כהוגן אנו נמיר שבועתנו

---

אחכם אויף אחכם . אז אחכם זעהט מען גיט דעם אנדערין חכם מער כבוד ווי מען גיבט איהם פארדריסט איהם. אדער אז איין גבור זעהט מען גיט דעם אנדערין גבור מער כבוד ווי מען גיט איהם : פארדריסט איהם : אדר אז איין עושר זעהט מען גיט דעם אנדערין עושר העכער כבוד ווי מען גיט איהם פאר דריסט איהם . אבער פאר וואס פארדריסט גאט וואס מען גיט כבוד צו די עבודה זרה וואס זיא איז גאר ניט . האט רבן גמליאל גיזאגט צו אגריפס איך וועל דיר זאגין אמשל צו וואס די זאך איז גליך אמענטש האט אמאהל גינומען נאך אווייב צו זיין פריערדיגע ווייב : אונ דיא אנדערע ווייב איז אגרעסערע מיוחסת וויא דיא ערשטע ווייב . פארדריסט ניט דיא ערשטע ווייב אויף איהר מאן פאר וואס ער האט גינומען דיא אנדערע ווייב . אבער אז דיא אנדערע ווייב איז פון אנידעריגערע משפחה וויא די ערשטע ווייב . איז דיא ערשטע ווייב בייז אויף איהר מאן פאר וואס ער האט גינומען די אנדערע ווייב : ווען די עבודה זרה וואלט גיוועזן גרעסער וויא גאט . וואלט גאט גאר ניט בייז גיוועזן אויף די מענטשין וואס דינען זיא . אבער אז דיא עבודה זרה קען גאר ניט העלפין . איז גאט בייז פאר וואס זיא פארלאזען איהם אונ גייען נאך דיא עבודה זרה : זונין האט גיזאגט צו רבי עקיבא מיין הארץ אונ דיין הארץ ווייסען אז די עבודה זרה איז גאר ניכט . מיר זעהן אבער אז מענטשין גייען צו דיא עבודה זרה מיט צו בראכענע גלידער אונ גייען צוריק מיט גאנצע גלידער . פאר וואס איז דאס. האט רבי עקיבא גיזאגט צו זונין איך וועל דיר זאגין אמשל צו וואס דיא זאך איז גליך . אין אשטאט איז אמאהל גקומען אבגלויבטער מענטש . אלע מענטשין פון שטאט פלעגין ביי איהם בעהאלטין זייער פאר מעגין גאר אן עדות . אמאהל איז גיקומען אמענטש צו דעם בגלויבטין אונ האט בייא איהם בעהאלטען געלט פאר עדות . אמאהל האט דער מענטש פארגעסין מיט צו נעמען עדות אונ ער האט בעהאלטען ביי דעם בגלייבטען מענטש אן עדות . האט דאס ווייב פון דעם בגלויבטען גיזאגט צו איהר מאן לאמיר פאר לייקענען דאס געלט פון דעם מענטש . האט דער בגלויבטער גיזאגט צו זיין ווייב צו וייל דר נאר האט גיטאהן ניט ווי מען בארף דריבער וועל איך פארליערען מיינע נאמנות . אז גאט שיקט אויף אמענטשין יסורים : בשווערט מען די יסורים. דיא זאלען קומען אויף דעם מענטשין אין דעם טאג ניט פריער אונ ניט שפעטער . אונ זייא זאלען אוועק גיין אין דעם טאג אונ אין דיא שעה אונ דורך דעם מענטשין אונ דורך דר רפואה . וויא עס איז גיקומען דיא צייט דיא יסורים זאלען אוועק גיין פון דעם מענטש איז פונקט דער מענטש גיגאנגען צו דיא עבודה זרה . האבען דיא יסורים גיזאגט עס וואלט גידארפט זיין מיר זאלין איצט פון דעם מענטש ניט אוועק גיין ער זאל נים זאגין דורך דיא עבודה זרה איז ער גיהיילט גיווארען . דער נאך זאגין דיא יסורים צו פון וועגין דעם נאר וואס ער האט גיטאהן

שבועתנו והיינו דאמר רבי יוחנן מאי דכתיב (דברים כח) וחלים רעים ונאמנים רעים בשליחותן ונאמנים בשבועתן . א״ל רבא בר רב יצחק לרב יהודה איכא ע״ז באתרי וכי מנגיב עלמא ולא אתי מטרא מתחזי להו בחלמא ואמר להו שחטו לי גברא ואתי מטרא שחטו לה גברא ואתא מטרא א״ל השתא איכו שכיבי לא אמרי לכו הא מלתא הכי אמר רב מ״ד (דברים ד) אשר חלק ה׳ אלהיך אותם לכל העמים מלמד שהחליקן בדברים כדי לטרדן מן העולם והיינו דאר״ש בן לקיש מ״ד (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן בא לטמא פותחין לו בא לטהר מסייעין אותו :

(דף נח ע״ב) **ד בעא** מיניה רב אסי מר׳ יוחנן יין שמסכו עכו״ם מהו א״ל נאימא מזגו א״ל אנא כדכתיב קאמינא (משלי ט) טבחה טבחה מסכה יינה א״ל לשון תורה לעצמה ולשון חכמים לעצמו מהו א״ל אסור משום לך לך אמרין לנזירא סחור סחור

בדברים מניחן לטעות :
שמסכו . שמזגו כהן בו מים לתקנו לשתיה שכן דרך יינם חזק כשהיו מחזן אותו בכוס מספין בו מים לפי שהוא חזק . יין של ישראל שמסכו עכו״ם מהו : אסור . אע״ג דלא נגע גוזו רבק בכתו לאסרו בשתיה משום סרחקה עבירה וכו׳ :

---

גישאהן ניט וויא מען דארף נאר ער דינט עבודה זרה . זאלען מיר עובר זיין אונזער שבועה . גייען דיא יסורים אוועק פון דעם מענטשין אונ דער מענטש זאגט טאקי אז דיא עבודה זרה האט איהם גיהאלפען . אונ דאס איז וואס רבי יוחנן האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק וחלים רעים ונאמנים . קריינק שרעכטע אונ בגלויבטע . זייא זענען שלעכט צו דעם וואס זייא ווערין געשיקט . אונ זייא זענען בגלויבט צו היטען זייער שבועה : רבא בר רב יצחק האט גיזאגט צו רב יהודה אין מיין ארט איז דא אעבודה זרה אז די וועלט ווערט טרוקען ווייל עס איז ניטא קיין רעגין . חערט דיא עבודה זרה גיזעהן צו עטליכע מענטשין פון שלאט אין חלום . אונ די עבודה זרה זאגט צו זייא שעכט צוא מיר אמענטש וועט גיין רעגין . שעכט מען צו איהר אמענטש אונ עס קומט רעגין . האט רב יהודה גיזאגט צו רבא ווען איך וואלט גישטארבען וואלט איך דאך אייך ניט גיזאגט דיא זאך . אזוי האט רב גיזאגט עס שטייט אין פסוק אשר חלק יי אלהיך אותם לכל העמים . דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט זייא גלאט גימאכט מיט גוטע רייד זייא זאלען פאר טרייבען ווערין פון דער וועלט ודאס מיינט מען דער וואס דינט עבודה זרה ווייזט איהם גאט ער זאל זעהן וואונדער פון דיא עבודה זרה ער זאל אין איהר מער גלויבען . ער זאל פאר טריבען ווערין פון דער וועלט . דאס איז וואס רבי שמעון בן לקיש האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן . אויב דער מענטש וויל זיין ארשע לאזט מען איהם ער זאל זיין ארשע . דאס הייסט דער וואס וויל טמא ווערין עפינט מען איהם דיא טויערין פון טומאה אונ מען לאזט איהם גיין . ניט מען שטערט איהם ניט מען העלפט איהם . אבער דער וואס וויל פרום זיין גיט מען איהם חן . דער וואס וויל זיין ריין פון עבירות . העלפט מען איהם ער זאל ריין ווערין :

ד בעא . רב אסי האט גיפרעגט ביי רבי יוחנן יין שמסכו עכו״ם מהו . אז אעכו״ם האט אריין גיגאסען וואסער אין ויין מען זאל איהם קענען טרינקען ווארום פאר צייטיגע וויין איז גיוועזן שטארק אין וואסער האט מען דעם וויין ניט גיקענט טרינקען . וויא איז דער דין . מעג איוד טרינקען דעם וויין אדער ניין . האט רבי יוחנן גיזאגט צו רב אסי פאר וואס זאגסטו מסכו אונ זאגסט ניט מזגו . האט רב אסי גיזאגט איך זאג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק טבחה טבחה מסכה יינה . זיא האט גישאכטען איהר שעכטונג אונ האט געמישט איהר וויין מיט וואסער מען זאל איהם קענען טרינקען . האט רבי יוחנן גיזאגט דער לשון פון דער תורה איז באזונדער אונ דער לשון פון דיא חכמים איז באזונדער . אין פסוק שטייט מסכה . אונ דיא חכמים זאגין מזגה . מעג איוד טרינקען די וויין אדער ניין . האט רבי יוחנן גיזאגט ער טאר ניט . אפילו דער עכו״ם האט נאר די וויין ניט אנגערירט . ער האט נאר אריין גיגאסען וואסער אין דיא וויין טאר

מהור לכרמא לא תקרב :

## השוכר את הפועל פרק חמישי

(דף סס) **א רבא** אמטי ליה קורבנא לבר שישך ביום אידו אמר ידענא ביה דלא פלח לע"ז אזל אשכחיה דיתיב עד צואריה בורדי וקיימן זונות ערומות קמיה א"ל אית לכו כי האי גוונא לעלמא דאתי א"ל דידן עדיפא טפי מהאי א"ל טפי מדאי מי הוה א"ל אתון אית עלייכו אימתא דמלכותא אנן לא תהוי עלן אימתא דמלכותא א"ל אנא מיהא מאי אימתא דמלכותא איכא עלי אדקאי אתא פריסתקא דמלכא א"ל קום דקא בעי לך מלכא כי נפיק ואזיל א"ל עינא דחזיא לכו בבישותא תפקע א"ל רבא אמן פקע עיניה דבר שישך אמר רב פפי איבעי ליה למימר ליה מהכא (תהלים מה) בנות מלכים ביקרותיך נצבה שגל לימינך בכתם אופיר. א"ר נחמן בר יצחק איבעי ליה למימר מהכא (ישעיה ס) עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו :

קורדנא. תבואה : בורדי. במרחץ של ורדין : עינא דחזי לכו בביזותא. עין המהאה לגלות כרעתכם הגקר שהרי הקב"ה ממלא כל סלוהכם בלף ביהכם מתבררת : ביקרותיך. לכבוד לך ולישראל קא מבשר נביא : עין לא ראתה זולתי עינו של הקב"ה את אשר יעשה למחכה לו לא נגלה כבוד וגדולה דוגמתה :

סמכו

---

טאר מען ניט טרינקען די ויין. ווארום אזוי וויא מיר זאגין צו אנזיר גייא ארום דעם ויין גארטין אונ צום ויין גארטין זאלסטו ניט צו גיין. זעהן מיר וייל ער טאר ניט טרינקען ויין טאר ער אפילו צום ויין גארטין ניט צו גיין. אזוי מוז זיך איוד דער וייטערין פון דעם ויין פון אנעצין דינער. אז דער עכו"ם איז נאר צו גיגאנגען צום ויין אונ האט עפעס גיטאהן ביי איהם טאר שוין איוד דעם ויין ניט טרינקען:

## פרק חמישי

**א** רבא האט גיברייננט אמתנה צו בר שישך אין דעם טאג וואס ביי איהם איז גיוועזען יום טוב. רבא הט גזאגט איך וויים אז בר שישך דינט ניט קיין עבודה זרה ; ווען רבא איז געקומען צו בר שישך הט רבא איהם גיטראפען ער זיצט אין אוואנע וואסער ביז צום האלדז אונ אין דיא וואסער ליגט רויזען. אונ פאר איהם שטייען נאקעטע זונות. הט בר שישך גזאגט צו רבא וועט איר האבען אויף יענע וועלט אזוי אפאר געניגען וויא איך האב אויף דיא וועלט. האט רבא גזאגט אונזער פאר געניגען וועט זיין בעסער ווי דס. הט בר שישך גזאגט אבעסער פאר געניגען וויא דער פאר געניגען איז קען שוין ניט זיין. הט רבא גזאגט צו בר שישך איר האט אבער מורא פר די מלוכה. אונ מיר וועלען ניט מורא האבען פאר קיין מלוכה. הט בר שישך גזאגט וואס פאר אמורא פון מלוכה איז דא אויף מיר. וויא ער איז אזוי גישטאנען איז געקומען אשלית פון מלך אונ הט גזאגט צו בר שישך שטיי אויף דער מלך דארף דיך. הט בר שישך גימוזט לאזין שטיין זיין פאר געניגען אונ גיין צום מלך. וויא בר שישך איז אזוי גיגאנגען האט ער גזאגט צוא רבא די אויג וס וויל אויף אייך זעהן שלעכטס זאל זיא צו שפאלטען ווערין. הט רבא גזאגט אמן ; איז צו שפאלטען גיווארען די אויג פון בר שישך. רב פפי זאגט רבא הט גידארפט זאגען צו בר שישך פון דעם פסוק אז מיר וועלען אויך האבען אזעלכע פארגעניגונס. ווארום אין פסוק שטייט דיא קעניגליכע טעכטער וועלען דיר געבין כבוד דיין וייב וועט שטיין בייא דיין רעכטע האנט אן גיטאהן אקרוין פון גאלד. רב נחמן בר יצחק זאגט רבא האט גידארפט זאגען צוא בר שישך פון דעם פסוק קיין אויג האט ניט גיזעהן. נאר גאט אליין וויים וס ער וועט טאהן צו די מענטשין וס האפען צו איהם :

## סליק מסכת עבודת כוכבים ומזלות

סמכו